STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05881

# UNTERVELT

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אָפּאַטאָשו

# אונטערוועלט

ליטעראַרישער פערלאַג, ניו-יאָרק
1918.

Copyright by
JOSEPH OPATOVSKY
1918.

# אינהאַלט:

זייט


לילי (1915) — — — — — — — — — — — — — 7
קאָנטראַבאַנדיסטען (1916) — — — — — — — 50
אין סאַלון (1917) — — — — — — — 56
מאַדאַם מאַרקיז (1917) — — — — — — — 63
הינטער די קוליסען (1917) — — — — — — 68
אַ געוועגליכע געשיכטע (1917) — — — — — — 74
משה ליגנער (1917) — — — — — — — 81
אַ הויז אויף גאַרעק סטריט (1917) — — — 87
אַ משומדת (1917) — — — — — — — 93
אַ פערשוואונדענער מאַן (1917) — — — — 98
קאָנקורענטען (1917) — — — — — — — 103
פון ניו־יאָרקער גהעטאָ (1914) — — — 102—3

# לילי און אַנדערעם.

# לילי.

## 1.

אייב מעק, א מיטעלוואוקסינגער, ברייטביינינגער יונג פון א יאהר דרייסיג, מיט עפּים חיה׳שעם אין אלע זיינע גליעדער, איז געשטאנען שבת אין דער פריה אין קיך אין די בלויזע גאטקעס און לייבעל און זיך געווארעמט ביי דער „סטים־פּייפּ“. ער האט נאכלעסיג געהאלטען אין דער רעכטער זייט פון מויל א הילצערנע פּיפּקע, געשפּיגען אויף דער פּאדלאגע און געקוקט ווי זיין ווייב מאכט אנבייסען.

זיין ווייב א געשיקטע אידענע, מיט געלבליכע פלעקען איבער׳ן פּנים, ווי אן אבגעבליאקעוועטע, האט צושטעלט א טיש מיט עסענווארג ווי פאר א מנין מענשען. זי האט ארויסגענומען פון אייז־שענקעל א הערינג, איהם אפּגעצויגען און געפרעגט דעם מאן:

— ווען איז לילי געקומען, שפּעט?

— כ׳ווייס נישט.

— שלעפּט זיך אויף ארום גאנצע נעכט און קיין סענט פאר די אויגען זעהט מען דערווייל נים! דיינע געשעפטען, אייב׳עלע! כ׳האב עס געדארפט?

— פּונקט אזוי דיינע ווי מיינע! זי צאהלט נישט? טרייבט מען זי ארויס!

— חכם מיינער, דאס וויל זי דאך! טרייבסט זי ארויס, גיט זי דיר קיין סענט נישט, די גאנצע הונדערט דאללאר פערפאלען! גלויב מיר, ווען איהר ממזר לעבט, וואלט זי ביי מיר ניט געגאנגען מיט אזא פעדריסענעם קאפּ! אז די מויד האט גאר נישט קיין אידיש מזל, אזא נבלה!

— פארוואס געהט זי נישט צוריק אין קאבארעט? — האט אייב נעצויגען די גאטקעס — ווי זי דערצעהלט, האט זי דאך דארט געמאכט שטיקער געלד!

— כ׳האב איהר שוין עטליכע מאל געגעבען אנצוהערען, ענטפערט

זי מיט א האלב מויל, נור ווי מיר שיינט, — האט חוה געמאכט א טראט צו׳ם מאן — שטעקט אין דעם דאקטאר׳ס קאפ! קענסט דאך איהם מיט זיינע זיסע רייד, אבי ס׳קאסט איהם קיין געלד ניט, וועט ער דיר צוזאגען כ׳וויים נישט־וואס און דאס קאלב מיינט מסתמא, אז ער וועט מיט איהר חתונה האבען! נישטא ווער זאל לאכען! ווייסט, זי געהט דאך צו איהם יעדען טאג!

— אזוי? דאס הער איך ערשט איצט! — האט אייב האסטיג עט־ליכע מאל א ציה געטון די פייפ און אויסגעשפיגען — וועל איך איהר טאקע באלד דא אבשפיעלען א חתונה, ווארט!

— דו מיש זיך נור נישט, הערסט? כ׳וויים, ביזט א גרויסער בריה קאליע צו מאכען! קריגען זיך קען איך אויך, פערלאז זיך אויף מיר!

ביי׳ם טיש איז געזעסען ווילי, א געל יונגעל פון א יאהר אכט, מיט א קלוג, ריהרעוודיג פנים׳ל און אויסגעמיעדען צו קוקען אויף די נייע „טאטע־מאמע״, וואס האבען איהם נעכטען ארויסגענומען פון יתומים־הויז. ער האט געגעסען מיט די פאדערשטע ציינדלעך, ווי א ווייוועריקע, א שטיקעל דארען קעז און זיך געשפיעלט מיט לאלען, וואס איז געלעגען אונטער׳ן טיש.

אייב האט געקוקט אויף די צושטעלטע מאכלים און זיין אונגעלומ־פערטע, קוואדראטנע פנים, מיט די בולט׳ע גרויסע אויגען, וואס האבען דערמאהנט אי א קאלב, אי א ביק, האט זיך נאריש צושפיעלט. ער האט אוועקגעלעגט די פייפ, געמאכט א שנאפס, פערביסען מיט א שטיקעל מינסטער־קעז און א צופרידענער זיך געווענדעט צו׳ם ווייב:

— חוה׳שי צוהאק די מילץ מיט א ציבעלקע, ס׳איז געשמאקער!

— אל־רייט, וועסט אפשר עסען אביסעל איינגעפרעגעלטע געהירען?

— האסט דען?

— אז כ׳פרעג — מסתמא האב איך!

— טא פרעגעל זיי גוט איין, — האט אייב זיך געבעטען מיט א פול מויל צונג — טהו אריין אין שמאלץ א פאר שטיקלעך רעטעך אויך!

— דו האסט, מיין מאן, א גע׳שמד׳טען האלז!

— חוה׳שי קרוין, זעץ דיך אויך אוועק עפיס עסען — האט אייב געקייט מיטביידע באקען און ארומגענומען דאס ווייב — נעם עפים

פריהער אין מויל אריין, חוה'שי. ס'מאכט נישט, כ'וועל ווארטען, אז נישט וועל איך אסור עסען!

— זיי ניט משוגע, אייב — האט חוה א צופרידענע, וואס דער מאן צערטעלט זי, געצויגען די ווערטער און זיך ארויסגעדרעהט פון זיינע הענד — זעץ דיך און עס, ווער נישט מיט אמאל צו גוט!

אייב איז געווען גוט אויפגעלעגט. ער האט ארויפגעצויגען די גאט־קעס, געגלעט ווילי'ן איבער'ן קעפיל, איבער דער פלייצע און איהם כלומרש א קניפ געטון אין געזעס אריין:

— עס, עס, שלאף נישט. ביי מיר, ווילי, מוזטו ווערען א יונגאטש מיט באקען! — און ער האט זיך געווענדעט צו'ם ווייב — חוה'שי, זעה, גיב עפּיס ווילי'ן אין מויל אריין.

— אונטער'ן פארטוך האב איך גאר נישט בעהאלטען! לאז ער עסען — שטעהט דאך אויפ'ן טיש.

— אז עלטערען ווארפען אוועק אן אייגען קינד, מעג זיי די ערשטע באלערא טרעפען! — האט אייב א געשריי געטון און געגלעט ווילי'ן איבער'ן קעפיל — געדענקסט גאר נישט דיינע עלטערען, הא?

ווילי האט זיינע עלטערען נישט געקענט. די ערשטע צייט, אז ער איז איבערגעגאנגען פון איינע „טאטע־מאמע" צו'ם צווייטען און מען האט איהם גענומען אויספרעגען וועגען זיינע עלטערען, (און געפרעגט האבען אלע) האט ער געשוויגען, זיך געפיהלט שולדיג, ווי ער וואלט עפּיס צוגע'גנב'עט און פיעל מאל זיך צוויינט. שפּעטער, ער אליין האט נישט געוואוסט ווי ר'נאך, איז ביי איהם אין מוח'ל געבארען געווארען א מעשה וועגען זיינע עלטערען. די מעשה האט ער געהערט אין יתומים־הויז פון א אינגעל, וואס יענער האט עס דערצעהלט וועגען זיך. און די מעשה האט זיך ביי ווילי'ן אין קעפיל אזוי איינגעקריצט, אז ער האט זי גענומען איבערדערצעהלען אויף זיינע עלטערען, און יעדעס מאל מיט מעהר איינצעלהייטען, ביז ער האט אליין גענומען גלויבען, אז זיין טאטע האט גע'שחט'ען די מאמע, איהם אויך געוואלט שחט'ען, האט ער זיך בעהאלטען אין וואש־טאפּ. פון דאמאלט אן איז דער פאטער אוועק און איז מעהר ניט צוריקגעקומען. איצט, אז אייב האט איהם געפרעגט צי ער געדענקט זיינע עלטערען, האט ווילי די זעלבע מעשה איבערדערצעהלט

און הנאה געהאט, וואס די נייע „טאטע־מאמע" האבען אלץ געלאזט שטעהן און הערען זיך איין מיט צועפענטע מיילער.

— מעג איהם דארט ניט א בראנד אין די אויגען אריין! — האט אייב א געשריי געטון ווען ווילי האט געענדיגט — זעהסט, ווען א מויד דערשטיקט א יאטעל, פערשטעה איך נאך. נור א טאטע זאל געהן שחט'ען אן אייגען אינגעל — — — א כאליערא!

ער האט דערזאגט מיט דער האנד, אויסשניידענדיג א קרייז, אויס־געשפיגען און אנגעגאסען אין א גלעזיל אביסעל בראנפען:

— נא, ווילי, ס'איז זיסער בראנפען, טרינק!

לילי, א הויכע, געזונטע מויד מיט א ליכטיג, אפען פנים, מיט צו־שאטענע קאשטען האר, דורכגענומען מיט א שווארץ סאמעטיל, איז אריינגעקומען פון צווייטען צימער טאנצענדיג:

— ח־וה, אוי, אוי, אוי—אוי, ח־וה!

— ביזט שפעט אהיימגעקומען, לילי? — האט חוה זי געפרעגט.

— פרעגט אייב'ען, ער וויים — האט לילי זיך צולאכט און איהר ליכטיג פנים איז אזש דורכזיכטיג געווארען.

חוה האט גענומען די הענד פארבאקעם, זיך א שטעל געטון דעם מאן אין פנים אריין און געשאקעלט מיט'ן קאפ:

— אייבעלע, דו הויבסט שוין אן די אלטע מעשיות, הא?

— וואס'רע מעשיות? — האט אייב געשטאמעלט — קוק נור ווי ס'געהט איהר אין לעבען! זי מוז דאס אלץ וויסען! א דעטעקטיוו איבער מיין קאפ!

— אל־רייט, אייבעלע! אל־רייט! — האט חוה געברומט און גיך גענומען וואשען גלעזער, אז זיי האבען אזש געפייפט אונטער איהרע פינגער.

לילי האט זיך הילכיג צולאכט, פעריסען דעם קאפ און אין גאנצען האט זי אויסגעזעהן ווי א יונגע, שעהנע קאבילע.

אייב האט אנגעקוואלען פון דער מויד, ארויפגעצויגען די גאטקעס און זי ארומגעכאפט.

— מיסעס מעק — האט לילי זיך געפיעשטשעט — אייער מאן טשעפעט זיך! מיסעס מע־עק — — —

— וואס מעקעסטו, וואס? — האט חוה א שטשירע געטון מיט די צײן — קריך נישט צו איהם, וועט ער דיך נישט טשעפען!

לילי האט זיך א דרעה געטון, זיך לײכט ארויסגעגליטשט פון אײב׳ס הענד, זיך וואוילעריש א שטעל אוועק געטון אין איהרע געלע שיך מיט די הויכע אבצאסען, שעלמיש אנגעקוקט אײב׳ען און זיך צוזינגען:

— ח־והֿ, אוי, אוי, ח־ו־וה!

אײב האט זיך געדרעהט אין דרײען, געפיהלט ווי די פאד־לאגע־שווימט אפיר פון אונטער זײנע פיס, חשק געהאט נאכצולויפען דער מויד אין צווייטען צימער אריין — איז פאר איהם אויסגעוואקסען דאס ווייב:

— די געהירן ווערען דאך קאלט, געה עסען!

אײב האט געוואונשען דעם ווייב א מיתה־משונה. ער האט זי אב־געמאסטען מיט אן אויג פון אויבען ביז אראב, זיך געוואונדע־רט ווי ר׳נאך ער האט ד א ס אמאל ליעב געהאט און צו׳ם הונדערטען מאל געטראכט, אז די פלעקען אויף חוה׳ס פנים זעהען אוים ווי לאטעס. ער האט זיך געזעצט עסען. די געהירן האבען איהם שוין מעהר נישט גע־שמעקט. פון פערדרום האט ער געזוכט מיט די אויגען עפּים א נאש צו טון. ער האט אויפגעהויבען יעדע זאך, עס באשמעקט, פון ערגערניש זיך אייגעגאסען א שנאפס, אבגעבראכען א שטיקעל זעמיל, איינגע־טונקען אין פוטער און געקייעט.

— זעה נור, ווי ער באשמעקט יעדע זאך, פונקט ווי לאלא, — האט חוה שוין ווייכער גערעדט, אפנים זיך געוואלט איבערבעטען — וואס מיינסטו, כ׳קויף אלט עסען?

אײב האט נישט געענטפערט. צי דערפאר וואס לילי איז אריין אין צווייטען צימער, צי דערפאר וואס ס׳ווייב האט איהם פערגליכען צו׳ם הינטעל, וואס האט זיך געפלאנטערט צווישען זײנע פיס, נור ווי די זאך זאל נישט זיין, האט אײב מיט אמאל אזא בריק געטון לאלא׳ן, אז דאס הינטעל האט מיט א קוויטש זיך בעהאלטען אין א ווינקעל. לאלא איז גע־שטאנען אויף דריי פיס, געקוקט א ווײלע אויף די אבגעשלאגענע לאפקע, וואס האט זיך געטרייסעלט און זיך פערגאנגען אין אן אויסטרעליש בײ־לעריי, ווי א דארף־הונד ווען ער דערזעהט א פייער.

— מערדער, וואס האט דיר דאס הינטעל געטון? — האט חוה אז אנגעצונדענע פון כעס אלץ געלאזט שטעהן אויפ׳ן אויוועז, געכאפט

לאַלאַ׳ן אויף דער האַנד, בעקוקט דאָס פּיסעל און עס אונטערגעטראָגען דעם מאַן — זעה, וואָס האָסט געטון ?

— געטרייע מאַמע, — האָט אייב דורכגעזייט דורך די גאָלדענע ציין — דאָס איינציג קינד איהר דער׳הרג׳עט, א דער׳הרג׳עט זאָלסטו ווערען מיט׳ן הונד צוזאַמען !

ער איז אויפגעשפּרונגען, עטליכע מאָל דורך איבער דער קיך און איז צוגעגאַנגען צו׳ם ווייב :

— טרייב שוין ארויס דעם הונד, זאָג איך דיר ! איך וויל נישט קיין הונד אין מיין שטוב, הערסט ?

— שוין, ס׳איז איהם שוין עפּיס אריין אין קאָפּ, דעם משוגע׳נעם !— האָט חוה כלומרש געשמייכעלט, זיך נישט געוואָלט איינרייסען מיט איהם.

— אז דו הערסט מיך פּונקט ווי דעם קאָטער ! שריי איך נישט פון ערשטען טאָג אָן, אז כ׳וויל נישט דעם כלב אין שטוב ? אז וואו כ׳געה שמעקט מיט הונד ! טהו איך עפּיס אָן, קען איך עס נישט דעררייניגען. אומעטום דעם הונד׳ס האָר ! אזא פאַרשיווער הונד, אזא ! כ׳בעט דיך מיט גוטען, חוה — האָב אייב געקלאַפּט מיט א פויסט אין דער צועפענטער האַנד — טרייב ארויס דעם הונד, אז כ׳וויל איהם נישט האָבען אין מיין שטוב !

— דאָס וואָס דו ווילסט נישט, איז ווייניג ! — האָט חוה קאַלטבלוטיג געענטפערט און איהרע קליינע אויגען האָבען זיך א צונד געטון מיט א צופלאַסען פייעריל.

— וואָס מיינסטו, ס׳איז ווייניג ? — האָט אייב זיך גענומען קלאַפּען מיט א פויסט אין האַרץ אריין — איך בין דער בעל־הבית ! אי עס דהע באָס היער ! און אויב דו וועסט איהם נישט ארויסטרייבען איז מיין נאָמען נישט אייב, אויב כ׳שליידער נישט דעם הונד ארויס דורכ׳ן פענסטער, אז ס׳וועט פון איהם קיין שריד ופליט נישט בלייבען !

חוה האָט נישט געענטפערט. זי איז געשטאַנען מיט׳ן הונד אויף דער האַנד און געשמייכעלט. אייב האָט געפיהלט ווי די נכפה עסט איהם, נישט געקענט קוקען ווי חוה שמייכעלט, ווי זי וואָלט זיך גערייצט מיט איהם און פאַר כעס אריין אין צווייטען צימער. ער האָט אומגעוואָרפען אויפ׳ן וועג א שטוהל, צוריק אריין אין קיך, געצויגען די גאַטקעס און געשריען :

— א קדיש האָרוועט זי מיר! אז זי האָט ליעבער דעם הונד, ווי דעם מאַן! שלאָפט מיט׳ן — — — קענסט נישט האָבען קיין קינדער, האָסטו נישט געדאַרפט חתונה האָבען, יאַלעווקע דו!

— און דו קענסט? — האָט חוה אַרויסגעבלעזילט דורך די פאַר־קוועטשטע ליפּען און די אויגען האָבען ביי איהר געבלישטשעט.

— ווערסט שוין זעהן צי כ׳קען? כ׳האָב דיך אין דר׳ערד מיט׳ן הונד און מיט דער „קינדאַרניע" דיינער צוזאַמען! גענוג געשמעקט פרעמדע קינדער — — — כ׳שלאָף איבער זיי קיין נעכט נישט! אז כ׳האָב קיין אייגענעם נישט, דאַרף איך קיין וועלט נישט איינרייסען! וואָס, איבער־לאָזען דעם הונד א ירושה? ווי לאַנג לעבען זאָלסטו! נאָך היינט געה איך אַוועק!

— געה! ווער האַלט דיך?

— דו! האָט אייב א קלאַפּ געטון מיט דער פויסט איבער׳ן טיש, אַז אַלע טעלער זיינען אונטערגעשפּרונגען.

אין צווייטען צימער האָט זיך א קינד צעוויינט, אנטשוויגען געוואָ־רען, ווידער אָנגעהויבען, זיך פערגאַנגען העכער און העכער און באַלד האָט זיך דאָס קינד צושריען מיט אַן אָפען מויל, אַז ס׳האָט אזש געגרילצט אין די אויערען.

לילי איז אריין אין קיך.

— שעהמען מעגט איהר זיך! פון אַלע פענסטער קוקט מען אויף אייער בייז וואונדער! מענשען זאָלען זיך שטענדיג האַלטען אין איין אַרומקריגען! מען קען דאָך פון קאָפּ קומען פון אייערע געוואַלדען! געהט בעסער, חוה, און וויעגט איין ס׳קינד!

— אייבילע איז קראַנק עס איינצושטילען? — האָט חוה צונויפ־געשנירעלט די דינע ליפּען און געגלעט דעם הונד.

אייב איז געלאָפען אין די גאַטעקס איבער דער קיך, ווי ס׳וואָלט אין שטוב א פייער געוועזן. ער האָט געזוכט מיט די אויגען א מענשען, פאַר וועמען דאָס האַרץ אַבצורעדען און ווען לילי וואָלט ניט געשטאַנען אין דער טהיר, וואָלט ער זיך געוויס אָבגעקלאָגט פאַר׳ן זיעבען־יעהריגען ווילי׳ן. ער האָט אָנגעכאַפּט לילי׳ן פאַר א האַנד:

— אַז כ׳קען נישט מעהר! היינט, לילי, מוז עס נעמען א סוף! זי האָט מיך אונגליקליך געמאַכט! כ׳האָב געשריען — חוה, כ׳וויל נישט

קיין „קינדאַרניע!“ כ'וויל נישט בעראַבעווען אַרימע דיענסט-מיידלעך, צונעמען בײַ זיי ביז דעם לעצטען סענט! אַ בראַך איז שוין צו דער מויד וואָס האָט אַ ממזר, דאַרף איך נאָך קומען און אויסנאַגען בײַ איהר דאָס לעצטע ביסעל מאַרך? אַ „סאַקער“ בין איך נישט! מיין טאַטע, מיין זיידע, מיין עלטער-זיידע — האָט אייב זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט — האָבען אויסגעלעבט זייערע יאָהרען און קיין „קינדאַרניעס“ נישט גע־האַט, וויל איך אויך קיין שינדער נישט זיין!

בשעת אייב האָט גערעדט, האָט ראָזע זיך אַריינגעשאַרט, ווי אַ וואַ־קעלדיגע גאַנז, אין קיך אַריין. זי איז נאָך כמעט געווען אַ קינד. אַ קליינע, אַ בלאַסע, מיט שוואַרצע, צושראָקענע אויגען, מיט שוואַרצע, געקרויזטע האָר, ווי בײַ אַ שעפּס, האָט זי זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל, גענומען איין הענדטעל אין צווייטען אַריין, זיי געהאַלטען פון פאַרענט, ווי זי וואָלט געוואָלט אַבצוימען איהר בויך פון די אַרומיגע, און איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען האָבען שטום און צעשראָקען געקוקט פון איינעם אויפ'ן צווייטען. ראָזע האָט געוואוסט אַז איהר לעבען ליגט בײַ זיי אין די הענד און טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין איהרע אויגען. זי האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט, די אונטערשטע אָנגעלאָפענע ליפּ האָט זיך אַראָבגעלאָזט, ווי בײַ אַ קינד ווען עס געהט וויינען, און ס'האָט זיך גע־דאַכט, זי וועט זיך באַלד וואַרפען יעדען איינעם צו די פיס און בעטען, ווי מען בעט אַ גזלן, מען זאָל זיך דערבאַרמען איבער איהר.

דאָס קינד האָט געשריען. אייב האָט מעהר נישט געקענט צוהערען ווי דאָס קינד וויינט, זיך געכאַפּט מיט ביידע הענד פאַר די אויערען, גע־זוכט עפּיס מיט די אויגען און מיט אַמאָל אַ געשריי געטאָן אויף ווילי'ן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען אין אַ ווינקעל נישט טוידט, נישט לע־בעדיג:

— וואָס זיצסטו, וואָס. בעסטאַרד? הערסט נישט ווי דאָס קינד וויינט?

ער האָט אָנגעכאַפּט ווילי'ן פאַר'ן קאַלנער און איהם אַ שיק געטאָן אין צווייטען צימער, אַז דאָס אינגעל האָט שיעור נישט האַלז און נאַקען צובראָכען.

אַ שכנ'טע מיט אַ שטאַק נידריגער האָט געעפענט דעם „דאַמווייטער“ און אַרויפגעשריען:

—א חוצפה און א הזעה דאס איז, באלד אין דער פריה צו מאכען אזעלכע קולות. נישט לאזען מענשען שלאפען? קוים איינגעשלעפערט דאס קינד, האבען זיי עם מיר אויפגעוועקט! מיינט נישט, אז איהר זייט איין־און־איינציג אין דעם הויז! שעהמען מעגט איהר זיך, מענשען זאלען זיך תמיד ארומ׳הרג׳ענען, פונקט ווי גענגסטערס!

אלע זיינען אויף א וויילע שטיל געווארען און זיך איבערגעקוקט. א צורייצטער האט אייב אז עפען געטון דאס טהירעל פון „דאמווייטער":

— מען לאזט דיך נישט שלאפען, דו צוקראכענע, דו פלאנדרע? ס׳קינד דיר אויפגעוועקט? פלאדיעט מען נישט ווי די חזרים! ווער הייסט אייך האבען קינדער? שנארערס, שטארבען פון הונגער און מען איז „ביזי"! — — — מ׳האלט אין איין שלאפען! — — —

— זי וועט מיר דאס דיקטירען וואס כ׳זאל טון ביי מיר אין די „רומס"? — האט חוה געשריען, צוגעגאנגען מיט׳ן הונד צו׳ם „דאמוויי־טער" און אויך געוואלט ארייגשטעקען דעם קאפ אין אפענעם טהירעל.

אייב קוקענדיג אויף׳ן ווייב האט געטראכט אז אלע צרות קומען איי־בער איהר, אז ער האט זיך נישט געדארפט קריגען מיט דער שכנ׳טע און ער איז אויף דאס נייע אין כעס געווארען. ער האט זיך געכאפט שלאגען דעם הונד. חוה האט איהם פארשטעלט, געווערט, האט זי ארייגעכאפט לאלע׳ס קלעפ, געקוויטשעט ווי מען וואלט פון איהר די הויט געשונדען. לילי איז אריין אין דער מיט, נישט געלאזט שלאגען און אין שטוב איז געווארען אזא געשריי, ווי מען וואלט געקוילעט חזרים.

ראזע איז געשטאנען אין א ווינקעל מיט עטוואס צושפרייטע פיס, זיך געהאלטען פאר׳ן בויך און איבער איהר קינדיש פנים און צעיאווירענע נאז האבען גערונען טרעהרען.

אייב האט זיך גענומען אויף גיך אנטון, געשאלטען אויף וואס די וועלט שטעהט, געסטראשעט, אז ער וועט שוין מעהר נישט אהיימקומען און איז ארוים פון שטוב.

## 2.

אז אייב איז ארוים האט חוה אראבגעלאזט דעם הונד אויף דער פאדלאגע, פארשטעלט דאס פנים מיט די הענד און זיך צעוויינט.

דער הונד האט נישט אבגעטרעטען פון איהר. ער איז ארויף מיט די פאדערשטע לאפעס אויף איהר שויס און געלעקט די בעל־הבית׳טע מיט דער צונג. חוה האט איהם אנגעכאפט פאר די אוירען, געשלאגען וואס זי האט נור געטראפען, דעם גאנצען כעס אויסגעלאזט. דער הונד האט צוגע־נומען די קלעפ, ווי ער וואלט פערשטאנען, אז ס׳קומט איהם, קוים גע־סקאוואטשעט, געבליבען זיצען אונטער דער בעל־הבית׳טעס בענקיל און זיך אין גאנצען געטרייסעלט.

ראזען האט באנג געטהון צו וואס זי איז אריין אין קיך. א דערשראקענע, א בלאסע האט זי געקוקט אויף חוה׳ן און אלץ אין איהר האט זיך געבע־טען, אז זי איז דא גארנישט שולדיג, אז ווען זי וואלט געקענט, וואלט זי זיך בעהאלטען אין דער וואנד, אז פאר איהר דארף זיך חוה נישט שעה־מען. איהרע גרויסע, שווארצע אויגען האבען ווייך און קינדיש געקוקט אויף חוה׳ן, זי געוואלט טרייסטען. זי האט אויסגעשטעלט א פוס, ווי צו׳ם געהן, זיך דערשראקען, אראבגענומען פון טיש א זעמיל מיט א שטיקעל הערינג, זיך געזעצט אין א ווינקעל און געקייעט. זי האט געבע־טען גאט, אז דאס קינד וואס זי געהט געבוירען, זאל זיין א טוידטס און אויב עם וועט לעבען זאל עס כאטש זיין א אינגעל — א אינגעל פער־פיהרט מען נישט.

נישט איין דיענסט־מיידעל האט זיך געשראקען פאר חוה׳ן, זי גע־רופען מלאך־המות. און נישט בחנם! פונדעסטוועגען, אז א יונג האט איבערגעלאזט א דינסט־מיידעל אין די הויכע מאנאטען, איז פארט די איינציגע טרייסט געווען, אז ס׳איז דא א חוה אויף דער וועלט. און חוה האט קיינעם נישט געשטראפט, נישט געזידעלט — איז מען געקומען צו איהר מיט יעדער צרה, זיך געקלאגט פאר איהר, ווי פאר א מאמען. און אז א מיידעל „אין אנדערע אומשטענדען" איז שווער געווען צו קריי־

גען א שטעלע — האט חוה געשאפען. פאר העלפען ברענגען און אונגע־זעצליך קינד אויף דער וועלט, האט חוה גענומען אין מזומן וויפיעל עס האט זיך נור געלאזט און צעהן דאללאר א חדש פאר האדאווען. זעלטען אבער איז חוה'ן אויסגעקומען צו האדעווען א קינד — דאס רוב מאמעס פלעגען באלד נאך דער קינדבעט פערשוואונדען.

לילי האט געקוקט ווי חוה האט זיך איינגעקארטשעט, קלענער גע־ווארען, געצוגט מיט די אקסלען, געהעשעט ווי א קינד, ווען א מאמע לאזט עס אליין איבער אין שטוב, און זי האט רחמנות געקראגען אויף איהר.

תמיד ווען לילי האט געהערט א פרוי וויינען, איז איהר אויפ'ן זינען געקומען דער קאבארעט, וואו זי האט מיידעלוויז באדיענט געסט, אפט געקראגען געשלאגען און געמוזט ווילען יעדען איינעם, ווער עס האט נאר געגעבען צו לייזען.

א גייגצען יעהריג אינגעל האט זיך פערליעבט אין איהר און זי האט מיט איהם חתונה געהאט. נאך עטליכע חדשים צוזאמענלעבען, האט דאס מאנ'עלע זי אנגעהויבען שלאגען, חושד זיין, אז זי האט צו טון מיט אנ־דערע און זי איבערגעלאזט א טראגעדיגע אהן א סענט געלד.

אז אויסגעהונגערטע, אן אבגעריסענע איז זי אנגעקומען צו חוה'ן. חוה'ס הויז דאקטאר, אן אלטער, גראהער בחור, וואס האט געוואוסט איה־רע אלע סודות, האט אבגענומען ביי לילין א טוידט קינד.

דורך דער צייט, וואס לילי איז געלעגען צו־בעט, איז דער דאקטאר יעדען טאג געקומען געוואהר ווערען וואס זי מאכט. ער איז יעדעס מאל געבליבען זיצען ביי איהר, איהר דערצעהלט מעשיות, ווי אן אלטער, גו־טער זיידע און אז לילי האט זיך איינמאל ארויסגעכאפט, אז זי רעכענט, באלד ווי זי וועט געזונד ווערען, צוריק אנצוקומען אין א קאבארעט, האט דער דאקטאר זי אנגעהויבען אבצורעדען, זיך דערמאלט פונאנדערגע־שמועסט מיט איהר אזוי הארציג, אז לילי האט זיך אזוי צעוויינט.

שפעטער, אז זי איז שוין געזונד געווארען, האט דער דאקטאר זי גע־הייסען צו זיך קומען דריי מאל א וואך, געזאגט, אז איהרע אויגען־לעפליך זיינען ענטצונדען. יעדעס מאל האט זי געמוזט מיט איהם עסען אבענד־ברויט, זיך אפט געוויצעלט צו זי וואלט חתונה געהאט מיט אזא אלטען

ווי ער און זיך בענומען מיט איהר אזוי איידעל, ווי קיין מאנסביל האט זיך נאך נישט בענומען.

לילי האט געפיהלט, אז דער אלטער איז צו איהר נישט גלייכגילטיג, האט זי גענומען צו הילף אלע ווייבערשע קונצען, אבי איהם ארייננצוכאפען. און כאטש ער האט געקענט זיין איהר זיידע, האט זי נישט איינמאל גע'חלומ'ט, אז זי וואלט געוועז די גליקליכסטע, ווען ער האט מיט איהר חתונה.

יעדעס מאל אבער, ווען ס'איז איהר געווארען לאנגווייליג, איז דער האס צו'ם פריהריגען לעבען ביי איהר איינגאנצען פערשוואונדען. זי האט צוריק אנגעהויבען בענקען נאכ'ן קאבארעט, וואו ס'איז נישטא קיין צייט צו לאנגוויילינען זיך, מען האלט אין איין פארברענגען. — — — —

דאס האט אבער לאנג נישט אנגעהאלטען. די מורא אנצואווערען דעם דאקטאר האט זי צוריקגעהאלטען. און אום צו טאמעווען אין זיך דאס הייסע בלוט, האט זי געווארפען אן אויג אויף אייבען, איהם אזוי לאנג גערייצט, ביז זי איז זיכער געווען, אז דער יונג שטארבט פאר איהר. זי האט קיין שלעכטס נישט געמיינט, זי האט נור געוואלט אויספראבירען איהר איינענע מאכט און ווייזען אייב'ען ער זאל נישט זיין אזוי זיכער ביי זיך. זאל ער נישט מיינען, אז ס'איז גענוג ער זאל ווארפען אן אויג אויף א מיידעל און זי איז שוין זיינע! ניין, עס וועט איהם מיט די גרינג גאל אנקומען און קריגען וועט איהר פון איהר א פייג! איצט קוקענדיג אויף דער צובראכענער חוה האט זי זיך געפיהלט שולדיג און די גאנצע שפיעל מיט אייב'ען האט איהר באנג געטון.

— אז כ'וואלט איהם געהערט, ווי דעם הונד — האט לילי פרובירט איינגעמען חוה'ן — איהר גיט איהם צופיעל נאך! א מאן געהט ארום שלינג און שלאנג — קריכט ער אויף די גלייכע ווענד! ס'נעפעלט איהם נישט די פרנסה? אל־רייט! לאז ער ווערען דער פערדיענער!

— וואס ווייסטו, לילי־קרוין —האט חוה אויפגעהויבען דעם קאפ מיט רויטע בייטעלעך אונטער די אויגען פון וויינען — וואס ווייסטו, וואס איך שטעה אוים פון דעם יונג? כ'וועל געהן וואו די אויגען וועלען מיך טראגען — און איהר פנים האט זיך אויף דאס נייע בעגאסען מיט טרערען — כ'קען נישט מעהר — — — מיין לעפיל געקעכץ וועל איך ביי פרעמדע אויף פערדינען און אהן חרפות... דו וואהנסט דאך ביי אונז, כ'דארף דאך

דיר נישט דערצעהלען, ווי כ'וועד פערשווארצט, שלאף נישט קיין נעכט. און צוליעב ווען? אלץ צוליעב איהם! די פרנסה געפעלט איהם נישט? מיר זאלען אזוי בעגליקט ווערען, ווי ער האט מיך געטריבען צו דער פרנסה! וואס כ'וואלט נישט געטון, וואלט איך דאך פערדיענט מיין שטיקעל ברויט. וואס, כ'בין אן אויסברעננגעריין, ווי אנדערע ווייבער? כ'פערלאנג דיימאנדם? ער לעבט דאך ביי מיר ווי א קיסר, עסט און טרינקט אין דער צייט, טוט א פינגער אין קאלטען וואסער נישט אריין און עסט ס'בעסטע! פאר אייב'ען איז דאך קיין זאך נישט צופיעל! און דאס גיט דיר צומאל קיין גוט ווארט נישט! א הונד, אז ער איז געטריי דעם בעל־הבית גלעט מען איהם אויך! גלויב מיר, לילישי — האט חוה אבגעזיפצט — אז מען פאלגט נישט טאטע־מאמע, איז וואס פאר'ע צרה ס'קומט אויף דיר, איז אלץ ווייניג! מיינע עלטערען האבען פון ערשטען טאג אן נישט געוואלט דעם שידוך! און מיין נישט, אז כ'בין געווען אבי ווער? מיין טאטע האט געהאט א בערוף איבער גאנץ ווארשע! א בעל־שער איז ער געווען. ס'רעדט זיך נור אזוי! ער האט מעהר געקענט פון אן אמעריקאנעם דאקטאר! איבער דרייסיג יאהר האבען מיר געוואהנט אויף סטאווקע, געהאט א „רעזערוו", וואו פון ארום זיינען יונגען זיך געקומען שערען, איז, ווי דו זעהסט, א זארג פאר א שידוך נישט געווען!... און מיין נישט, אז כ'האב אויסגעזעהן ווי היינט! אז כ'פלעג ארויסגעהען אויף סטאווקע, האבען די יונגען די כפרה געקראגען פאר מיר, געהאלטען אין איין ציהען די קאפעליושען און איך ווי קיינמאל גארנישט, ווי נישט מיך מיינט מען! ווער האט זיך אומגעקוקט אויף זיי! כ'האב דעמאלט געפיהרט א ליעבע מיט א סטודענט, רודאלף האט ער געהייסען...

— א שעהנער נאמען! — האט לילי איבערגעריסען חוה'ן.

ראזע האט ארויסגערוקט אין מיטען קיך א קליין קעסטיל, זיך גע־זעצט און איינגעהערט זיך.

— איז דאס געווען א בילד־שעהנער יונג! — האט חוה א באַ־גייסטערטע געצויגען די ווערטער און ס'איז שווער געווען צו גלויבען, אז זי האט נאר געוויינט — כ'פארזיכער דיך, לילי, אז פון ערשטען קוק וואלסטו די כפרה געקראגען פאר איהם!

— א ברונעט? — האט לילי א נייגעריגע געפרעגט.

— אן עכטער ברונעט מיט קליינע וואנסעלעך. ווי א ציגיינער האט

ער אויסגעזעהען. ער האט געטראָגען א פּאָר בלויע געפּאסטע הויזען און געגאַנגען איז ער, ווי א היימישער אָפיציער, גלייך ווי א ווירע!

— איך גוסטיר אויך אין ברונעטען — האָט ראָזע שטיל געזאָגט און איז רויט געוואָרען ביז אין האלז אריין.

— זעה נור, זעה — האָט לילי זיך צולאַכט און געוויזען אויף ראָזען— זעה נור ווי זי רויטעלט זיך!

ראָזע איז נאָך רויטער געוואָרען און זיך א כאַפּ געטאָן מיט דער האַנד פּאַר'ן האלז.

— איהר זייט נאָך גאָר א „בייבי“, ראָזע — האָט לילי זיך כלומרש געבייזערט — כ'האלט אין איין טענה'ן, איהר זאָלט זיך אליין מיט דער האַנד נישט כאַפּען! ס'קינד קען חס וחלילה קריגען א רויטען פלאַם אויפ'ן העלזיל!

— אז מען קוקט נישט בשעת־מעשה אויף פייער, שאַדט נישט— האָט חוה ראָזען בערוהיגט.

ראָזע האָט אַראָפּגעלאָזט איהרע גרויסע אויגען, ווי זי וואָלט געווען שולדיג אין עפּעס. זי האָט נישט איינמאָל געהערט ווי קינדער זיינען גע־בוירען געוואָרען מיט מייזלעך אויף די פּנים'ער און כאָטש זי האָט אין דעם נישט געגלויבט, פונדעסטוועגען האָט זי מיט אַמאָל דערפיהלט אַ בריה און דער גאַנצער בויך האָט ביי איהר אָנגעהויבען פלאַמען. זי איז געווען זיכער אז דאָס קינד קריגט איצט א פלאַם איבער'ן העלזיל, גרויס ווי א לונג־און־לעבעריל, ווי אַן אמת לונג־און־לעבעריל, און זי האָט אַזש פון שרעק פערמאַכט די אויגען. זי האָט אליין געקענט א מיידעל מיט אַזא פלאַם.

— וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגען? — האָט לילי זיך גע־וועדעט צו חוה'ן און געריבען דעם שטערען — יעס, האָט ער אייך ליעב געהאַט, דער סטודענט מיין איך?

— אלץ הייסט ליעב! — האָט חוה געשאָקעלט א ווייל'ע מיט'ן קאָפּ, געשמייכעלט, אום צוצוגעבען די ווערטער מעהר בעדייטונג — אין מיטען גאַס פלעגט ער מיר די הענד קושען!

לילי האָט זיך פון גרויס התפעלות אַזש צוזונגען:

חוה, אוי, אוי, אוי,חוה!

— משוגענע, וואס האסטו זיך צווינגען — האט חוה געשמייכעלט — לאז ענדיגען!

— ענדיגט, ענדיגט, חוה׳שי קרוין! — האט לילי זיך צולאכט און זי ארומגעכאפט — איהר ווייסט, ווען אין מיר פערליעבט זיך א סטודענט וואלט איך אסור געוואוסט ווי מען רעדט צו איהם!

— מען דארף נישט רעדען — זיי רעדען שוין! — האט חוה גע־צויגען די ווערטער — א געלערענטער מענש איז גאר עפּים אנדערש! זיי קושען דאך די טריט פון א דאמע!

— ח־וה, אוי, אוי, אוי!... האט לילי א זינג געטון און ארומגע־כאפּט חוה׳ן — דערצעהלט ווייטער, דערצעהלט!

— טא לאז משוג׳ענע! — האט חוה א צופריעדענע זיך אויסגע־דרעהט, אפּגעווישט דאס פּנים פון לילי׳ס קושען און מיט מעהר בע־גייסטערונג גענומען דערצעהלען — יעדען אבענד זיינען מיר געגאנגען אין זאקסישען גארטען, געגאנגען געארעמט און גערעדט פּאלניש!

ראזע האט צוגערוקט דאס קעסטיל צו דער הייסער „סטיעם־פּייפּ“, זיך איינגעטוליעט אין א שאל, געהערט ווי חוה דערצעהלט און איהרע פערזשמורעטע אויגען האבען ארויסגעקוקט פון אונטער דעם געקרויזטען קאפּ האר אזוי ווייך און מילד ווי ביי א שעפּס. עס האט איהר אנגע־הויבען ווארעם צו ווערען, האט זי אין גאנצען פערמאכט די אויגען, מעהר אראפּגעלאזט די אונטערשטע ליפּ, קוים אונטערגעהויבען דאס לעפּיל פון רעכטען אויג, וואו א שפּעלטיל דין, ווי א שניט פון א חלף, האט גע־מאכט דאס בלאסע, קינדישע פּנים אי ווינען, אי לאכען. ראזע האט אריינגעמאכט די הענד צווישען די פיס און זיך נאך אלץ איינגעהערט. א מיעדע האט זיך ביסלעכווייז גענומען דרעמלען און געפּיהלט ווי עס פּלאנטערט זיך ביי איהר אין מח:

„— — — און אז רודאלף האט גערעדט איז פונקט, ווי דו וואלסט ארויסגעלייענט פון א ביכעל! אז ביזט גאר א מבין, וואס פאר אן עדע־לער, בעשמעקטער יונג דאס איז געוועןֿ?“

— א באשמעקטער יונג? וואס? אן עדעלער — האט זיך ביי ראזען געוויעגט אין קאפּ — בעני איז אויך אן עדעלער... ער ווארט אויף מיר. שטעהענדיגערהייט כאפּט ראזע אריין דאס אבענד־ברויט און ווארט די בעלי־בתים זאלען זי א רוף טון אראבצונעמען פון טיש. זי ווערט אונגע־

דולדיג, קנייפט זיך, טראכט, אז די מאדאם איז נישט קראנק אליין אראב־צונעמען און האט חשק אלץ איבערצולאזען און זיך ארויסצו'גנב'ענען דורך דער קיך. זי ווייס, בעני ווארט אויף איהר, קומט שטענדיג מיט א שעה פריהער.

— רא־זא!

א גליקליכע כאפט ראזע אראפ דאס געפעס, צעוואשט עס און בע־האלט דעם שליסעל אין קארסעט. און כאטש די מאדאם ערלויבט איהר אוועקצוגעהן, האט זי א טבע שטיל צו עפנען די טהיר, קיינער זאל נישט הערען און זיך ארויסצו'גנב'ענען אין פארק אריין. בעני געהט איהר אנט־קעגען:

— ווארטסט שוין לאנג?

— נא, כ'בין נאר וואס געקומען.

— וואס עפיס אזוי שפעט?

— דו ווייסט דאך, אז איך געה יעדען שבת אין די בענק!

זי ייייס, זי איז גליקליך. זיי זאמלען אויף איין באנק־ביכעל. באלד האבען זיי פינף הונדערט דאלאר און וועלען חתונה האבען. וואס?... חוה דערצעהלט נאך?

„— — — וועסט לאכען, רודאלף האט דאך דוקא געוואלט מיינע עלטערען זאלען זיין קעגען דעם שידוך! ער פלעגט טענה'ן, אז איך זעה אוים ווי א פרינצעסין און ער וועט ביי נאכט מיך ארוים'גנב'ענען און אוועק מיט מיר ערגיץ וויים, אין זיין פאטער'ס גיטער...“

— אזוי, ווייט וועט ער אוועק — — — אין זיין פאטערס גיטער—

— דארט וואקסען גראזען... הויכע... כ'האב אזוי ליעב...

בעני זוכט אוים א פערווארפען ווינקעל ערגיץ צווישען קוסטען און זיי ציהען זיך אוים אויפ'ן גראז. זי שפארט אן דעם קאפ אן זיין ברוסט, קנעפעלט פונאנדער מיט די ליפען זיין באטיסטען העמד, קושט און פלאפעלט.

— טא ווען?

— אז דו ווילסט נישט!

— איך וויל נישט?

— ווילסט יא? — צולאכט זיך בעני ווי פון א פאס ארוים.

— געה, כ'האב דיך פיינד!

זי פערשפּילעט אויף גיך זיין העמד און שטופּט איהם כלומרשט פון זיך. בעני שטיקט זיך פון געלעכטער, כאַפּט ראָזען אין זיינע אָרעמס, קאַ־טשעט זיך מיט איהר איבער'ן גראָז אוןביידע וואַרטען ס'זאָל עפּיס געשעהן. א פּאָליסמאַן טרייבט זיי אַראָב. זיי כאַפּען זיך אויף ווי אַבגעשמיר־טענע, צולעגען זיך אויף א צווייטען פּלאַץ און איידער גוּאַס, וועז, טרייבט מען זיי שוין ווידער, מען טרייבט זיי אין וואַסער אריין. זיי שפּרינגען אריין צו אייב'ען אין שיפעל. דאָס שיפעל צעוויעגט זיך, ווערט גרעסער, גרעסער...

ראָזע האָט צועפענט די אויגען, געפיהלט ווי פון דער „סטיעם־פּייפּ" האָט א הייסער טראָפּען אַראָבגעקאַפּעט אויף איהר פּלייצע. זי האָט גע־קוקט אויף חוה'ן מיט א פּאָר צושראָקענע אויגען, ווי איינער, וואָס קומט אויף פון דער פּאַליגע, געוואָלט וויזען, אז זי האָט קיין איין וואָרט נישט דורכגעלאָזט. זי האָט געוויספּערט מיט די ליפּען און א דערשלאָגענע האָט אַלץ אין איהר גע'טענה'ט — אז כ'הער, אויף מיין וואָרט ווי כ'הער!

„— — — ער איז זעהר רייך געווען און אז איך האָב זיך איינמאָל צעוויינט, ווי קומט אזא פּראָסטע מיידעל צו איהם, האָסטו געדאַרפט זעהען ווי ער האָט זיך בעליידיגט, געזאָגט, אז איך בין טויזענד מאָל שעהנער פּאַר..."

— שעהנער — — — דו ביזט דאָך ביי מיר די שעהנסטע — — — דו ווייסט גאַר וואָס, ראָזעלע? אז ס'האָט זיך שוין יאָ געמאַכט מיר „סטאָפּען" ביידע, טאָ לאָמיר ארויספאָהרען אויף א וואָך נאָך קוני־איי־לאַנד! ווען וועט זיך נאָך מאַכען אזא געלעגענהייט?

— אָל־רייט!

זיי דינגען א צימער ביי'ם ים, לאָזען אַראָב די שטאָרען פון פענס־טער און גליקליכע, צושטראַהלטע קאַטשען זיי זיך אויפ'ן בעטיל, אויף דער פּאָדלאָגע. דער ים קאָכט, שטורעמט, פערפּלייצט דאָס שטיבעל און ס'ווערט מיט אמאָל אזוי פינסטער — — — זי בלייבט איינע אליין, פיהלט ווי זי ווערט פאַרברענט פון היץ און דערזעהט איבער זיך חוה'ן מיט א ברויט־מעסער אין דער האַנד. חוה האַלט א קינד, איהר קינד מיט א פּלאַם, ווי א לונג־און־לעבער, איבער פּנים. דאָס קינד כאַפּט זי אַרום מיט די הענטלעך — — — פּעסטער — — — דריגעט מיט די פיסלעך — — — ברענט אויף — — — —

ראזע האט צועפענט די אויגען, זיך אבגערוקט צוזאמען מיט'ן קעס־טיל — די „סטיעם־פייפ" האט געבריהט. דאס וואסער האט זיך געהויבען אין דער „פייפ", געקלאפט ווי מיט א האמער און הייסע טראפענס האבען געהאלטען אין איין קאפען.

צייט בעני האט זי אוועקגעווארפען, האט זי ניט געקענט הערען זיין נאמען. איצט האט ראזע געפיהלט, אז ווען בעני קומט צו איהר, וואלט זי איהם נישט נור אלץ מוחל געווען, נור אויך די פיס געקושט.

חוה האט נאך אלץ אין איינעם דערצעהלט:

„ — — — אז כ'בין — — — — ער איז מיר געפאלען צו די פיס, געקושט די פינגער, אויסגעקושט די טרערען פון די אויגען, ווי מיר האבען א גאט אין הימעל!"

— אויף מיין ווארט, ס'זאל פעהלען א האר — האט לילי א צור־שטראהלטע אנגעכאפט חוה'ן פאר די הענד — איך לייז יעצט דעם „פער־כשופ'טען פרינץ", וואס איהר האט מיר געגעבען, שטעהט דארטען פונקט דאס זעלבע!

חוה האט זיך פערלוירען. זי איז זיכער געווען, אז לילי גלויבט איהר נישט, אז דאס האט זי אזוי געלאכט פון איהר, פון חוה'ן, נישט פון דער מעשה און ביי איהר אין קאפ האט זיך שוין געפלאנטערט נאך אן אונ־גלויבליכערע מעשה מיט וועלכער זי האט געוואלט איבערציינגען לילי'ן, אז זי זאגט אמת.

ראזע האט זיך אויפגעשטעלט, גענומען געהן אין צווייטען צימער. האט זי דערפיהלט מיט אמאל א ריס אין קרייץ און געמיינט, אז זי פלאצט פונאנדער.

— וואס איז דער מעהר? — איז חוה א צופרידענע, וואס ס'האט זיך איהר געמאכט א געלעגענהייט זיך ארויסצודרעהען פון לילי'ן, צוגע־שפרונגען צו ראזען — האסט וועהען?

ראזע האט נישט געענטפערט. זי האט אנגעכאפט חוהן' פאר א האנד, זי אנגעהויבען קנייפען, געשטאנען אזוי א צוזאמענגעדרעהטע מיט פערביסענע ליפען ביז דער וועהטאג האט נאכגעלאזט.

— ס'האט מיר א כאפ געטון — האט ראזע געוויזען אויף'ן קרייץ— אז ס'איז נאך אן ערגערע וועהטאג ווי רייסען א צאהן!

חוה מיט לילי'ן האבען געשמייכעלט. חוה האט זי געטרייסט, אז

פּאַרקערט, אַזעלכע וועהען צייגען אַ גרינג האַבען. מעגליך, אַז דאָס זייַנען פּאַרוועהען, וואָס מען האָט ביי אַן ערשטלינג, יעדענפאַלס דאַרף זי זיך היטען און זי האָט ראַזען אַריינגעפיהרט אין צווייטען צימער.

אין צימער זענען געשטאַנען עטליכע בעטלעך פאַרשטעלט מיט קאָלירטע שפּאַנישע ווענטלעך. פון איין בעטיל האָט אַרויסגעקוקט אַ צושויבערטער, שוואַרצער קאָפּ האָר, זיך אַרומגעקוקט ביי חוה'ס אַריינקומען און זיך צוריק בעהאַלטען אונטער דער קאָלדרע. פון די בעטלעך, פון די צעוואַרפענע גאַרדעראָבעס, וואָס האָבען געהאַנגען איבער יעדען בעטיל, האָט מען לייכט געקענט דערקענען די בעלי־בתים פון די בעטלעך. אין צימער האָט געשמעקט מיט שווייצער־קעז, פּודער און ווינדעלען.

חוה האָט ראַזען אַנגעטון אַ קמיע, אָבגעשפּראָכען אַן עין־הרע און זי פערזיכערט אַז מאָרגען אין דער צייט, וועט, אם ירצה־השם, זיין נאָך אַלעם.

חוה האָט זיך אויף גיך גענומען איבערטון. זי איז געוועזען זיכער, אַז דער איינציגער וועג צוריקצוקריגען אייב'ען, איז אויפצוגעבען דאָס הויז און אַרויסצוטרייבען לילי'ן. דעמאָלט וועט אייב זיך בעטען ביי איהר, זי קושען, טענה'ן, אַז ער איז זי נישט ווערט. זי איז דאָך אַ מלאך, אַ צדקנות, זי האָט דאָך אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער און וואָס נישט ? פונדעסטוועגען האָט זי בשום אופן נישט געקענט פּועל'ן ביי זיך אויפצוגעבען דאָס הויז כאָטש אויף אַ טאָג. זי איז אויך זיכער געווען, אַז אייב האַלט נור אין איין סטראַשען, קומט אַליין צוריק. פונדעסטוועגען האָט זי יעדעס מאָל געשראָקען, אַז ער קען מיט אַן אמת אוועק און תמיד געגאַנגען איהם אויפזוכען.

זי האָט אַנגעפּודערט די פּלעקען אויף איהר פּנים, אַנגעטון לאַנגע אַ לעדערנעם האַלז־באַנד און איהם געהאַלטען אויף אַ שטולען קייטעל. זי האָט עטליכע מאָל אַריינגעקוקט אין קיך, געוואָלט זיך אַרויס'גנב'ענען, לילי זאָל זי נישט באַמערקען, האָט פּונקט דעמאָלט לילי אויסגעדרעהט דעם קאָפּ:

— איהר געהט איהם שוין איבערבעטען ? פאָלגט מיך און זיצט אין שטוב !

חוה האָט איהר געוואָלט זאָגען אַז קיינער פרעגט ביי איהר קיין

עצות ניט, אודאי געהט זי איהם איבערבעטען, איהר אויף צו פּלאצעניש, און זיך געכאפּט פאר'ן הארץ:

— איך, איהם איבערבעטען? ווי לאנג קרענקט ער! דאָס געה איך אויפגעבען דאָס הויז! איינמאָל פאר אלע מאָל!

זי איז געשטאַנען א ווײלע, געקלערט וואָס נאָך צו זאָגען, מיט אמאָל געביטען דעם טאָן און זיך צושמייכעלט:

— כ'וועל דיך עפּעס בעטען, לילי, אויב דו וועסט זעהן ס'האלט מיט ראָזען אויף א דרך, שיק נאָך מיר אריבער. כ'וועל מסתמא זיין ביי מיסעס גאָלד, דעם באָרבערס ווייב, נו, גוט־באַי!

## 3.

אייב האָט אפּגעמאַכט ביי זיך מעהר נישט אהיימצוקומען. מיט א צו־פראַלטען ראָק, די העמד אין די הויזען קעשענעס, איז ער כמעט געלאָפען איבער'ן שמאָלען טראָטואר, וואו פוןביידע זייטען איז אַנגעפאַלען אי־בער נאַכט א טיעפער שנעע. אלע וואָס זיינען איהם אנטקעגען געקומען האָבען איהם אויסגעמיטען. פון דערוויטענס האָט ער באמערקט, אז די שכנה מיט וועלכער ער האָט זיך נור וואָס געקריגט, קומט איהם אנט־קעגען בעלאָדענט מיט פעקלעך. ער האָט א טראַכט געטהאָן אז ס'וואָלט געווען א מצוה זי איבערצודרעהען אין שנעע אריין. ביידע האָבען זיך אָבגעשטעלט, א רגע זיך אַנגעקוקט, ווי העהנער, און זיך גע'ישוב'ט ווער וועמען זאָל אויסמיידען. אייב האָט א ציה געטון דעם קעפּ איבער די אויגען, נישט געוואָלט האָבען צו טון מיט איהר און זיך גענומען לינקס. די שכנה האָט זיך געוואָלט נעמען רעכטס, פון שרעק זיך א דרעה געטון לינקס, זיך פארטשעפעט אַן אייב'ס אקסעל און אריין מיט די פעקלעך אין שנעע אריין. אייב האָט זיך נישט אומגעקוקט, געהערט הינטער זיך קללות, זיך געשטיקט פון געלעכטער און גיכער געשפּאַנט. ער איז געגאַנ־גען אין סאַלון אריין, געוואוסט אז זיינע חברים קומען דאָרטען נור ביי נאַכט, גערעכענט אבער אז טאמער טרעפט ער פאַרט עמיצען. אין סאַלון איז קיינער נישט געווען. ער האָט אויפגעגעסען א פּאַרציע אויפשניט מיט ברויט, פערטרונקען מיט ביער און איז ארויס. ער האָט געפיהלט ווי דער כעס געהט איבער און געקלערט וואו צו געהן. איהם האָט איצט באַנג גע־טון די גאַנצע חתונה מיט חוה'ן. נו טאַקע, וואָס האָט ער צו איהר? זי ארבייט דאָך ווי א פערד, גיט איהם אוועק ביז צו א סענט און אז ער פער־ברענגט מיט אנדערע מאַכט זי זיך אויך נישט זעהן. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט פאַר לילי'ן, וואָלט ער געוויס ארויפגעגאַנגען און זי אי־בערגעבעטען.

אייב האָט זיך איינגעהערט ווי דער שנעע סקריפּעט אונטער די פיס און געטראַכט וועגען לילי'ן. צווישען די אלע ווייבלעך און מיידלעך, וואָס

זיינען דורכגעגאנגגען זיינע הענד, פון דער צייט ווען ער האט נאך אין וואר־שע „פרעטענזיעס" געפרעגט, ביז דעם היינטיגען טאג, איז קיין איינע פון זיי נישט עהנליך געווען צו לילי'ן. לילי מיט איהרע ווייסע קליידער, מיט איהר צופאטעלטע האר, מיט איהר געלעכטער האבען איהם נישט געלאזט רוהען. דאס ערשטע מאל אין לעבען האט זיך אייב געפיהלט אונ־בעהאלפען קעגען א פרוי. ער האט שוין נישט איינמאל בעשלאסען זי דורכצוטרייבען, אבי זיך ארויסצושלאגען די מויד פון קאפ, איז אבער גענוג געווען אז לילי זאל דורך די שטוב מיט „חוה" און איהם פארביי־געהענדיג א גלעט טון, אדער א שפריץ מיט א נאסער האנד, אז אייב זאל פארגעסען אן אלעם. פיהלען ווי די פאדלאגע שווימט פון אונטער איהם אפיר און נעמען טאנצען פאר לילי'ן אויף אלע פיער. און ווי אויף צו להכעיס ווערט זי דעמאלט קאפריזנע, ווי א קראנק קינד, און האלט איי־ב'ען אין איין ארומשיקען. אייב קריצט מיט די ציינער, וויל זי פרעגען צי זי איז אנדערש נישט געוואהנט פון דער היים, און געהט וואו מען שיקט איהם. נישט איינמאל האט אייב געפיהלט ווי לילי'ס בויגינער קער־פער גיט זיך נאך, געווען זיכער, אז אט, אט איז לילי זיינע — טוט לילי זיך א בויג, גליטשט זיך ארויס און ער בלייבט תמיד שטעהן א צומעקע־טער מיט א פאר צושפרייטע הענד.

די מעשה מיט'ן דאקטאר, וואס חוה האט איהם דערצעהלט, קומט איהם אויפ'ן זינען. דאקטאר בליקער, א גרוער, מיט א שווערע אסטמא, ס'גלויבט זיך איהם ניט און ער שארט אוועק דעם פערדאכט. ווי מען שארט אראפ פון א ווינקעל שפינוועבס. ער טראכט אז מען מוז די מויד האלטען אויפ'ן אויג, איהר נאכגעהן אויף טריט און שריט. ער פיהלט, אז לילי איז שטארקער פון איהם, איז ער אבער דויערהאפטיגער און מיט דעם געדולד פון א וואלף. וואס מאטערט פיעל מאל אויס א שטארקערע חיה בלויז מיט דעם, וואס דער וואלף געהט נאך דער חיה אויף טריט און שריט, מיט'ן זעלבען געדולד האט אייב געפיהלט וועט ער לילין אויסמא־טערען און זי וועט זיין זיינע.

— האללא, מיסטער מעק, וואו לויפט איהר אזוי פריה? — האט גאלד, דער ראזירער, וואס איז געשטאנען אין דער שויב פון זיין טהיר און בעגריסט פערבייגעהענדע קונדען, איהם אבגעשטעלט.

— האללא, האללא! — האט אייב א כאפ געטון די האנד צום קעפ.

איהם אבגעגריסט און געזאגט וואס ס'איז איהם געקומען אין מויל אריין — כ'בין געוועז — — — כ'דארף זיין אין „דראג־סטאר".

דער ראזירער האט א שאקעל געטון מיט זיין גרויסען קאפ האר, וואו פון דער לינקער זייט האט געשטעקט א ווייסער קאם און שטיל געפרעגט:

— וואס, מיסעס מעק איז עפעס — — —

— נא, מיין פרוי איז אל־רייט! דער הונד איז מיר עפיס חולה, זיך צוקלאפט א לאפע — האט אייב געשמייכעלט פון זיין אייגענער המצאה— יעס, איהר זייט דאך עפיס א שטיקעל דאקטאר, וואס טוט מען אז א הונד קריכען אויס די האר?

— כ'וויים — האט דער ראזירער זיך א קרום געטון, ווי ער וואלט זיך געפיהלט בעליידיגט וואס מען פרעגט ביי איהם א מיטעל פאר א הונד'ס האר — קיין שאמפו דארף דער כלב נישט! מען קויפט פאר א פאר סענט טערפענטין און מען שמירט איהם אויס, דאט'ס־אל!

לאלא איז פארביי מיט א בילעריי, דערשמעקט דעם בעל־הבית און זיך אויסגעדרעהט. דער הונד האט זיך געווארפען אויף אייב'ען, זיך גע־חנ'דעלט, אפנים פארגעסען די קלעפ וואס ער האט נישט לאנג צוריק אריינגעכאפט. אייב האט איינגעקוועטשט א האנד מיט שנעע, עס א ווארף געטון און הנאה געהאט ווי דער הונד האט זיך געטראגען א הינ־קעדיגער. ער האט זיך אומגעקוקט — עטליכע טריט פון איהם איז גע־שטאנען חוה און זיך געשפיעלט מיט'ן הונד'ס שטוהלענעם קייטעלע. זיי האבען זיךביידע אנגעקוקט און זיך צושמייכעלט ברוגז'דיגערהייט. אייב איז צוגעגאנגען צו'ם ווייב, נישט אויסגערעדט קיין ווארט און שטומע האבען זיי געשפרייזט איבער'ן טראטואר. דארט וואו פוןביידע זייטען טראטואר איז געלעגען שנעע, איז חוה געגאנגען אויף א פריהער און אייב פון הינטען. ער האט מאדנע געשטעלט די פיס, געמאכט מינעס מיט'ן פנים ווי א אינגעל און געוועז גליקליך וואס אלץ האט זיך אזוי לייכט און גלאט געענדיגט. ער האט אפילו חשק געהאט ארומצוכאפען ס'ווייב, בעטען זי זאל איהם מוחל זיין, ער איז א משוגענער און אז ער שרייט, דארף זי זיך גארנישט מאכען דערפון. ער וועט אבשרייען און פטור! ער האט אבער גארנישט געזאגט, באלד אן אלעם פארגעסען און געשפרייזט אין דעם ווייב'ס טריט, ווי א גוט־אויפגעלעגט אינגעל.

זיי האָבען זיך אויסגעגליייכט, געגאַנגען איינער נעבען אַנדערען און יעדער פון זיי האָט געוואָרט דער צווייטער זאָל אַנהויבען רעדען.

— אז מען דאַרף דיך אַריינגעבען אין א משוגעים־הויז, אויף מיין וואָרט — האָט חוה שיער זיך נישט צוואויינט — א ליאָדע נאַרישקייט און דו צאַפּסט מיר ס'בלוט! פאַרוואָס קומט עס מיר? כ'בעהאַנדעל דיך שלעכט, צי וואָס? — — —

— אז דער הונד — — — האָט אייב גענומען שטאַמלען.

— אז ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכען? — האָט חוה זיך געווישט די אויגען — וואָס מיר הונד? שוין, ס'וועט שוין זיין אוּם הונד אויך! כ'האָב נור וואָס געזעהן מיט'ן קויהלען־מאַן, ער נעמט איהם מאַרגען צו. כ'וועל זעהן וואָס ווייטער וועט זיין. ווען דו וואָלסט נישט געווען אַזוי משוגע, וואָלטען מיר דאָך געקענט לעבען ווי די גראַפען! נו טאַקע, וואָס פעהלט אונז? דיר געפעלט נישט די פּרנסה? אַל־רייט! כ'בעשטעה מיר זאָלען זיך נעמען צו עפּיס אַנדערש. פאַר מיר איז קיין זאַך נישט צו שווער, אבי עס זאָל נישט זיין קיין גהינום אין שטוב!

— אויף מיין וואָרט — האָט אייב אַרומגענומען ס'ווייב מיט איין האַנד — פון היינט אָן, חוה'שי, קרוין, ווער איך אַנאַנדער מענש! כ'וועל זיין אַל־רייט, וועסט זעהן! אז כ'בין משוגע! מיינסט כ'ווייס נישט! כ'בין דיך אסור ווערט! דו ביזט דאָך א מלאך, א צדקות, מיין ווייבעל! פון היינט אָן ווער איך אַנדערש, ווי כ'בין א יוד!

אייב האָט אַרומגענומען ס'ווייב, איהר געוואָלט א קוש טון אין מיר־טען גאַס, האָט זי זיך אַרויסגעדרעהט פון זיינע הענד:

— נו, לאָז אָפּ, משוגע'נער, לאָז אָפּ!

— הער זיך איין, — האָט אייב זי ווידער אַרומגענומען — מיט'ן הונד, חוה'שי, אייל זיך אויך נישט! וועסט שטענדיג קריגען א בעלן אויף איהם, ס'איז א קלאָג הינטעל!

אייב האָט א פייף געטהאָן, איז לאַלא צוגעשפּרונגען, געדרעהט מיט'ן עק, געלעקט זיין האַנד, חוה'ס און זיך געלאָזט מיט א בילערייַ אויף אַפּריהער.

— א הינטעל אין שטוב איז טאַקע היימליכער — האָט אייב אַריינגערעדט אין ווייב — אז דו ביזט א „פּול“, א הונד געוואוינט מען נישט צו שלאָפען אין בעט, ער דאַרף שלאָפען אין קיך! און מען דאַרף איהם

לערנען: א הונט איז א קלוג באשעפעניש, קלוגער פון א מענש, דארף מען איהם לערנען ער זאל זיך נישט רייבען אן קליידער און אומעטום איבערלאזען זיינע האר. ס'איז, פארשטעהסטו מיך, א ביליגער כלב, קריכען איהם אוים די האר. ווייסט גאר וואס? האסט אפשר ביי דיר א כאר סענט? קויף איך גלייך טערפענטין. אז מען וועט איהם אויסוואשען מיט טערפענטין, וועלען די האר אויפהערען אויסצופאלען און ער וועט מעהר קיין פליי נישט האבען, זיי פגר'ן אוים פון בלויזען גערוך, פערשטעהסט?

— כ'האב מורא וועסט נאך דעם הונט פערברענען — האט ס'וויב איהם איבערגעהאקט — וואס פאר א משוגענער געהט דאס וואשען א הונט מיט טערפענטין?

— האב נישט קיין יסורים — האט אייב זי גענומען אונטער'ן ארעם — ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס כ'רייניג א הונט מיט טערפענטין! דו ווייסט דאך, אז ביי מיין טאטען, צו לענגערע יאהר אונז, איז שטענדיג געווען א הונט אין שטוב, פלעגט מען איהם איינמאל א חדש געבען א „טוש" מיט טערפענטין, אז דער כלב האט זיך גאר מחיה געווען! נו, האסט א פאר סענט?

חוה האט געוואוסט, אז אייב זאגט ליגען. זיין פאטער האט קיין הונט נישט געהאט. זי האט זיך אבער מעהר מיט איהם נישט געוואלט איינרייסען און איהם געגעבען א פאר סענט.

— ווארט א מינוט — האט אייב זי אבגעשטעלט פערבייגעהענדיג אן אפטייק און איז אהינצו אריין.

חוה האט געקלערט וועגען לילי'ן. דאס הארץ האט איהר געזאגט זי זאל משלח זיין די מויד און אין דער זעלבער צייט האט איהר וועה געטון, ידען זי איז געווען זיכער, אז אויב זי וועט לילי'ן אוועקשיקען, קריגט זי פון איהם קיין סענט נישט.

אייב איז ארוים מיט א פלעשיל טערפענטין, געבליבען שטעהן א ווייל, זיך געשעהמט פאר לילי'ן אריופצוקומען מיט'ן ווייב אין שטוב אריין און זיך גענומען ציפען די ראזירטע גאמבע:

— ווייסט גאר וואס, חוה, אז מיר זיינען שוין יא אונטען, לאמיר ערגיץ צופאהרען

— וואוהין?

— קום, אַז דו גערהסט מיט מיר, האָסטו דאָך קיינמאָל קיין חרטה נישט!

— אָל־רייט, מוז מען דאָך דעם הונד אַרויספיהרען?

— נו?!

איינ האָט צוגעפיהרט דאָס ווייב צו׳ם הויז, געשוויגען.

— כ׳וועל היינט משלח זיין די מויד! — האָט חוה אָנגעהויבען.

— לילי׳ן מיינסטו?

— יעס. זי וועט סיי־ווי־סיי קיין סענט נישט געבען. דאַרפען מיר זי נאָך פּאַשען, די קאַבילע?

— דאָס טענה איך דאָך שוין לאַנג! אַז דו פאָלגסט מיך נישט!

— נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכען! — האָט חוה אַ קוק געטון אויף איינ׳ן מיט איין אויג, ווי זי וואָלט געזאָגט: „מיר פערשטעהן זיך, איינ׳עלע.“

— זעה נור, ווי זי קוקט! דו מיינסט מיט אַן אמת, אַז כ׳בין פערליעבט אין דער מויד, האַ? ווייז איך דיר באַלד, ווי זי פליהט ביי מיר פון אַלע טרעפּען, ווי כ׳בין אַ איד!

— צי דו ביזט פערליעבט ווייס איך נישט — האָט חוה געצויגען די ווערטער, געוואָלט עפּיס אַרויסקריגען פון מאַן — נור אַז דו טשעפּעסט דיך — — —

— אודאי, אַז זי קריכט צו מיר — האָט איינ געמאַכט אַן אונשולדיג פּנים — פון האַלץ בין איך נישט!

— צדיק מיינער! — האָט חוה געלאַכט און איהם געקלאַפּט איבער די פּלייצעס.

— גלויבסט נישט, דאַרף מען נישט! — האָט איינ אַ הויב געטון מיט די אַקסלען. — נור מיין נאָמען איז נישט איינ, צו כ׳וועל לילי׳ן שענקען אַ סענט!

— וואָס וועסטו ביי איהר נעמען, דעם דלות? — האָט חוה געשמייכעלט.

— כ׳וועל שוין נעמען! פערלאָז זיך אויף מיר! ראשית, קריגט זי קיינע זאַכען נישט!

— אַ מציאה, דאַרפסט האָבען איהרע שמאַטעס!

— און איך זאָג דיר אַז זי וועט בעצאָהלען, וועסט זעהן! גלייך

ווי מיר וועלען צוריקקומען, מאַך איך מיט איהר א חתונה, אז די כאָ־ליערא וועט זי נעמען! איך דאַרף נישט אויסצוהאַלטען אזא מויד! זי איז קראַנק צו פערדיענען?

— אייבעלע — האָט איהם חוה נישט געלאָזט ענדיגען — איין זאַך וועל איך דיך בעטען, דו מיש דיך נור נישט! כ'וועל שוין מיין שטעדטעל אליין אויך באַשטעהן!

— מיר זיינען דאַך שוין אריבערגעגאַנגען! — האָט אייב אָבגע־שטעלט ס'ווייב.

— טפוי, טפוי, — האָט חוה אויסגעשפיגען, גענומען געהן אויף א פריהער און פערשוואונדען מיט'ן הונד אין פעדער־הויז.

אייב האָט איהר נאָכגעשריען:

— זוים דיך נישט!

## 4.

— דער דאָקטאר וועט באַלד זיין פאַרטיג, בלויז איין פּאציענט — האָט א יונגער ניגער אריינגעלאָזט לילי'ן, העפליך געשמייכעלט און זיינע געזונטע, ווייסע ציין האָבען אזש געבלענדט פון ווייסקייט. ער האָט צו־גענומען ביי איהר דעם העט מיט'ן מאַנטעל און די אויגען האָבען זיך ביי איהם א צינד געטון מיט'ן אָבגלאַנץ פון א גוט אָבגעפּוצטען שטיוועל.

לילי איז אריין אין זאַל. זי האָט איבערגעשטעלט די בלומען, גלייך געמאכט די פּאַרטיערען, ווי זי וואָלט געווען די מאַדאם פון הויז, און מיט א ברייטקייט זיך אריינגעזעצט אין א וויעג־שטוהל. זי איז נישט איינגע־זעסען. צו'ם הונדערטען מאָל האָט זי בעטראכט יעדעס שטיקעל מעביל, יעדעס בילד וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנד און זיך אָפּט אזוי פאַר־געסען, אַז זי האָט אפילו נישט איינמאָל אָבגעמאַכט, וואָס פאַר א זאַכען זי זאָל ארויסוואַרפען, וואָס זי זאָל צוקויפען.

— האַלאָ, לילי — איז דער דאָקטאַר, א גרויער, א נידריגער, מיט פולע רויטליכע באקען, אריין מיט דראָבנע טריט, מיטברענגענדיג א לייכ־טען ריח פון יאָדאָפאָרם. ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען זאַל, אריינ־געמאַכט איין האַנד אין דער הויזען־קעשענע און אָבגעהוסט — ווי פיהלסטו?

— בעסער.

— גוט!

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, אויסגעשטעקט דעם ווייז־פינגער, וואָס איז תמיד געווען אויסגעשמירט מיט יאָד, צו'ם רעכטען אויג־לעפּיל, עס נישט אנגעריהרט און זיך איינגעבויגען ווי א קורצזיכטיגער.

— אָל־רייט! — האָט דער דאָקטאָר זיך אויסגעגלייכט, געגלעט לילי'ן איבער'ן ווייסען, גלאַטען האַלז, ווי מען גלעט א שעהנע קאָבילע, און פון דער זייט זי א פרעג געטון — דו איילסט זיך?

— נאָ.

— טאָ קום. מיר וועלען פריהער טרינקען א גלאָז טהעע.

זיי זיינען אריין אין עס־צימער. צוויי גלעזער טהעע, קלאר און דורכ־זיכטיג, ווי רויטער וויין, זיינען שוין געשטאנען אויפ׳ן טיש. גרויסע, רויטע עפעל מיט בלאסע פלעקען, ווי געמאהלענע, זיינען געלעגען אין א געפלאכטענעם קאש פון שווארצע דויר־שטעקעלעך.

דער דאקטאר האט א בויג געטון דעם קאש און עפעל האבען זיך גע־נומען קייקלען איבער׳ן טיש, אלע אזעלכע פרישע, גלאנציגע, אהן א פגימה, אז פון צופיעל שעהנקייט, האבען זיי פערשלאגען דעם אפעטיט צו זיך.

— עס — האט ער לילי׳ן צוגעקייקעלט אן עפעל און אליין איז ער געזעסען, ווי ער וואלט נישט געווען אויפגעלעגט, הויך געטרונקען דעם טהעע מיט די ליפען און מיט דער צונג, געבראכען דעם צוקער צווישען די פינגער מיט נישט קיין אנגענעהמען קנאק.

לילי האט באמערקט, אז מיט׳ן דאקטאר איז עפעס און זיך א פרעג געטון:

— וואס איז דער מעהר, דאקטאר ?

— וואס ? — האט ער צוגעלעגט א האנד צו׳ם אויער, ווי ער וואלט נישט געכאפט וואס זי זאגט.

— כ׳זאג, איהר זייט עפיס היינט נישט מיט אלעמען.

— ס׳איז א מיאוס׳ע וועלט ! א מיאוס׳ע וועלט ! — האט דער דאקטאר אנגעהויבען ; זיך פערקוקט ווי לילי בייסט איין מיט איהרע ווייסע ציין א רויטען עפיל, גיסט זיך אפ מיט זאפט, און אנטשוויגען געווארען.

— וואס איז דאקטאר ? — האט זי זיך געבעטען.

— כ׳האב איצט געאהט א פאציענטקע — האט ער אנגעהויבען גיך — א יונג מיידעל, נאך א קינד, שפיעלט ערגיץ אויך אין א וואדע־וויל און דאס איז שוין אנגעשטעקט ! און אז כ׳האב איהר געזאגט, האט זי זיך אזוי פונאנדערגעוויינט, אזוי אנבעהאלפען, די שמאלע קינדערשע פלייצעם האבען אזוי געציטערט, אז ס׳האט מיך אין גאנצען צונומען !

ער האט זיך א שטעל געטון, עטליכע מאל דורכגעגאנגען איבער׳ן זאל, זיך אבגעשטעלט ביי לילי׳ן און מיט א פויסט זיך געקלאפט אין א צועפענטער האנד :

— סא׳יז א פאקט, אז אלע קאבארעט מיידלעך, וואדעוויל מיידלעך,

כ'רעד שוין נישט פון יענע — — — מוזען זיך סוף־כל־סוף אנשטעקען! ווי לאנג ביזט געזונד, קענסט בעפרידיגען מענער — האלט מען דיך, ווי דו ווערסט נור קראנק, איז דער וועג גלייך אויף דער באוערי, וואו טויזענדער מיידלעך ווערען יעדעס יאהר פערפוילט און קיינעם ארט עס צומאל נישט!

ער האט זיך אוועקגעזעצט, מיט עטליכע זופּ אויסגעטרונקען דעם טהעע, א רוק געטון פון זיך דאס גלאז, ווי ס'וואלט איהם געשטערט און פארטגעזעצט:

— געה ארויס א פארנאכט אויף דער באוערי, צי אין דעם פּארק, וואס איז צווישען די פיערצען און זעכצענטער סטריט. וועסטו זעהן פערעלטערטע פרויען אהן נעז, אהן באקען, פליכעוואטע קעפּ, און זעלטען ווען איינע פון זיי איז עלטער ווי דרייסיג יאהר! נישט איינמאל זעהסטו ווי א רויטע וואונד, וואו ס'איז שווער צו זאגען וואו די נאז, וואו ס'מויל איז געווען, ווייל א שמייכעל טון און ס'קומט ארויס א פערוויינטער געניץ; פעראפּעטע לעבער, וואו אויגען זיינען אמאל געזעסען, געדרייצט מענער, גיסען איצט טרערען! און דאס זעהסטו אויף טריט און שריט! אין פּארק זיצען זיי שורות־ווייז, זיצען מיט צופוילטע מענער און ווען נישט די קליידער, וואלט שווער געווען אונטערצושיידען צווישען מאן און פרוי און זיי אלע זעהן אויס, ווי עפּיס אן אויסטערליש באשעפעניש, דער גאט פון זינד, האט זיי אלעמען אריינגעכאפּט אין מויל, זיי ארומגעביסען, ארומגעגריזשעט און אויסגעשפּיגען אין רינשטאק אריין! און קיינעם ארט נישט! מאמעס נעמען נישט זייערע טעכטער אין די פּארקס, וואו די אויסגעשפּוגענע זיצען און זאגען נישט: — טעכטער, איהר זעהט? אט די אלע מיידלעך וואס זיצען דא, האבען געלעבט ראשיגער פון אייך. זיי האבען נישט געהאט די אלע שטערונגען, הארץ־קלאפּעניש, שלאפלאזע נעכט; זיי זיינען נישט דורכגעגאנגען אלע טוירען פון גיהנום, ביז מען קומט צו דעם, צו ו ו א ס ליעבע ציעלט. זיי האבען אנגעהויבען מיט'ן צ י ע ל. נו, טעכטער, וואס קרומט איהר זיך? די לופט איז דא שלעכט? הא, הא, הא!

ער איז א רגע אנטשוויגען געווארען, געקוקט אויף לילי'ן וואס איז געזעסען, ווי א שולדיגע, און געענדיגט:

— כ'פארזיכער אייך, לילי, ווען אונזער לעבען וואלט געווען אנדערש

איינגעארדענט, וואלט דער גאט פון זינד נישט געהאט קיין שליטה איבער אונזערע טעכטער, זיי נישט אויסגעשפּוגעו אין די רינשטאקען און די מאמעס וואלטען נישט געדארפט געהן מיט די טעכטער אין די פארקס און זיי צייגען די טראגעדיע פון וואדעוויל!

לילי האט נישט געוואוסט צו וואס דער דאקטאר ציעלט, פיעל פון זיינע רייד נישט פערשטאנען, בלויז געכאפּט אז ער וויל זי אברעדען נישט צוריקצוגעהן אין קאבארעט. זיינע רייד, דער טון, אלץ האט אזוי געווירקט אויף איהר, אז זי האט אנגעהויבען אליין זיך צו שרעקען. ווער ווייס, טאמער איז זי אויך אנגעשטעקט? זי געדענקט דען די צאהל פון מענער מיט וועלכע זי האט געהאט צו טון? טרערען האבען זי געשטוקט, זיך שוין מעהר נישט איינגעהערט וואס דער דאקטאר רעדט און די אקסלען האבען ביי איהר אנגעהויבען צו ציטערען.

דער דאקטאר האט זי בערוהיגט, זי געגלעט איבער'ן קאפּ, איבער'ן האלז און ס'איז איהר געווארען גרינגער. זי האט צוריק בעקומען די רוהיגקייט פון א קינד, וואס אפילו אין גרעסטען געפאהר, ווען עס בלייבט נאר מיט'ן פאטער, איז עס רוהיג, גלויבט אז שטארקערער פון זיין פאטער איז גאר נישטא אויף דער וועלט. אזוי האט אויך לילי געגלויבט, אז ווי לאנג זי איז מיט'ן דאקטאר קען זיך צו איהר קיין זאך נישט צוקלעפּען.

— איהר ווייסט? — האט דער דאקטאר א שמייכעל געטון — פרויען דארפען חתונה האבען! נישטא קיין שעהנערע זאך ווי דאס פערהייראטע לעבען!

— שוין גאר נישט אזוי שעהן — האט זיך לילי אנגערופען — איך קען פערהייראטע, וואס רייסען זיך ארום ווי די הינד!

— אלץ בעסער ווי צו פערזיצען! — איז דער דאקטאר געווארען אויפגערוימטער — איהר זאגט אנדערע רייסען זיך ארום? פערזיכער איך אייך, אז מיר קענען צומאל קיין אהנונג נישט האבען, ווי גרויס זייער פרייד איז, ווען זיי בעטען זיך איבער! אפילו א מערדער ווערט א שעהנערער מענש, ווען ער זעהט ווי זיין ווייב זויגט ז י י נ ס א קינד! כ'האב ערגיץ געלייענט, כ'געדענק נישט וואו, ווי א מערדער האט זיך מודה געווען, אז פיעל מאל ווען ער האט געהאלטען ביי'ם ערמארדען א פרוי, איז איהם מיט אמאל אויפ'ן זינען געקומען דאס ווייב, ווי זי זיצט אויפ'ן פארענטש פון בעט, זויגט זיין קינד, א פיצעלע, מיט פוכלע הענדט־

לעך, פיסלעך, גראבעלט מיט די ווייסע פינגערלעך דער מאמען ביי דער ברוסט, קוקט מיט די אויגען אויפ'ן טאטען, איז יעדעס מאל ווען דאס בילד איז איהם געקומען פאר די אויגען, האט ער קיין הארץ נישט גע־האט אויפצוהייבען א האנד אויף זיין קרבן און תמיד אוועקגעגאנגען מיט גארנישט! איהר דארפט מעהר — נעהמט אונזער דזשעניטאר, א שיכור, טוט גאר נישט, ס'ווייב מוז איהם נאך געבען צו עסען. וואס די אידענע צעארבייט! האט נאך יעדע ניין חדשים א קינד און יעדעס מאל ווען דער מאן קומט אהיים שיכור, שלאגט ער זי מכות רצח! ווען נישט די שכנים וואלט ער זי שוין לאנג דער'הרג'עט! די שכנים האבען נישט געקענט צוזעהן ווי די אידענע ליידט, האבען זיי זי איינמאל איבערגע־רעדט און זי האט איינגעגעבען אויף איהר אין געריכט. מיינט איהר דאך, אז זי האט געדארפט זיין צופרידען? סיי־ווי־סיי ברענגט ער נישט אריין קיין סענט אין שטוב, פערטרינקט אפילו איהרע שיך, שלאגט צום טוידט. הויבט זיך נישט אן! זי האט געשוואוירען פאר'ן ריכטער אז זיי לעבען גליקליך, זי איז ביי איהם א פרינצעסין, ער הויכט אב דאס ארט וואו זי שטעהט, אז קיין בעסערער מאן קען נישט זיין! „טא צו וואס האט איהר איינגעגעבען אויף איהם אין געריכט?" — האט דער ריכטער זי געפרעגט. אז נישט זי, דאס האבען די שכנים איינגעגעבען, זי האט שלעכטע שכנים, ווילען מאכען א שלעכט לעבען צווישען איהר און מאן. „ווער זשע האט אייך געמאכט א בלוע, פערלאפען אויג, ווי א לאמטערנע?" — האט דער ריכטער ווידער געפרעגט. אסור נישט דער מאן! ווען דער מאן צו־שלאגט זי אזוי, וואלט זי מיט איהם נישט געוואוינט! דאס איז זי גע־פאלען, געגאנגען ארויסנעמען אין דער פינסטער די בארעלס־מיסט...

דער דאקטאר האט זיך אויפגעשטעלט:

— איצט זעהט איהר, אז דאס פערהייראטע לעבען גיט עפּיס מענשען א ז ו י נ ס, וואס קלעפ און צרות זיינען געגען דעם גאר נישט?

לילי איז שוין צוריק געווען גוט אויפגעלעגט, געלאכט, אז די שווי־בען האבען געציטערט. זי האט געפיהלט ווען דער דאקטאר האט מיט איהר חתונה וואלט זי געווען די גליקליכסטע.

— פאלג מיך, לילי, און האב חתונה — האט דער דאקטאר גע־שמייכעלט.

— אויב דער וועמען כ'האב ליעב, וואלט געוואלט — — — — האט לילי זיך פערוויטעלט.

— וועמען האסטו ליעב?

— דער דאקטאר ווייס — האט לילי ארויסגעלאזט די אויגען און גע־צופט די פראנזען פון טישטוך.

עס האט איהם הנאה געטון. ער האט עטליכע מאל דורכגעפיהרט זיין האנד איבער איהרע האר, איבער'ן האלז, גארנישט געענטפערט און א מאך געטון צו איהר מיט דער האנד. זי איז איהם נאכגעגאנגען אין קאבינעט אריין.

דער דאקטאר האט זי אוועקגעזעצט אויפ'ן רעווידער־בעטיל, פער־בויגען די לעפלעך פון איהרע אויגען און זיי לייכט אנגעריבען מיט א קאלירט שטיינדעל. די אויגען האבען זיך איהר פארגאסען מיט טרעהרען, נישט געקענט זיי עפענען, בלויז געפיהלט ווי דער דאקטאר ווישט איהר די לעפלעך מיט א פליסיגקייט, און הויבט איהר אן צו עקזאמינירען דאס הארץ. לילי האט זיך נישט וויסען געמאכט, געוועזן זיכער, אז וואס דער דאקטאר טוט, דארף אזוי זיין. זי האט זיך איצט געכאפט ווען ער האט אנגעהויבען איהר צו עקזאמינירען די פיס און נישט פערשטאנען וואס פאר א שיכות די אויגען־לעפלעך האבען צו די פיס.

— דאקטאר, ס'איז עפּיס דערמעהר מיט מיינע פיס?

— יעס, יעס — האט דער דאקטאר אנגעהויבען סאפען, ווי די אסטמא וואלט איהם געשטיקט.

זי האט באמערקט ווי ער איז אין גאנצען אין פיוועך, דערקענט אין די אויגען דאס זעלבע שמאלציגע פייעריל, וואס זי האט אזוי אפט געזעהן ביי אלטע בעלי־עברות אין קאבארעט. ס'האט זי אויפגעשווידערט. זי האט נישט געקענט פערטראגען זיינע נאסע ליפען, און זיך געכאפט, אז איהרע פיס זיינען צוגעפאסקעט צום רעווידיר־בעטיל.

לילי האט זיך אנגעהויבען בעטען ביי איהם, איהם געקושט די הענד, געזעהן, אז דער אלטער לאזט זי נישט אפ. האט זי זיך וואס כח נור א ריס געטון, געפיהלט ווי די פאסקעס לאזען נאך און מיט אזא אימפעט אראפ פון בעטיל, אז דער דאקטאר איז אומגעפאלען. זי האט זיך געוואלט ווארפען אויף איהם, זיך צוריקגעהאלטען און זיך פונאנדער־געוויינט.

דער דאקטאר האט זיך גיך אויפגעהויבען, א פערלוירענער זיך גע־דרעהט ארום לילין און געשטאמעלט:

— אז כ'וויים נישט — — — כ'וויים פון גארנישט — — — — אז אנשיקעניש — — — אויף מייןווארט, אן אנשיקעניש! — — —

מען האט געהערט א קלונג. דער דאקטאר האט זי געגומען בערוהי־גען, מורא געהאט זי זאל איהם דא נישט אבשפיעלען א חתונה, נישט געוואלט דער ניגער זאל הערען אז לילי וויינט. לילי איז געזעסען מיט'ן פנים אין די הענד, זיך דערמאהנט אז אין קאבארעט זיינען אלטע לייט פונקט אזוי צו איהר געקראכען, פיעל מאל נאך געשלאגען און זי האט זיך נאך העכער פונאנדערגעוויינט. עס וואלט זי נישט אזוי געארט ווען דאס פאסירט מיט א צווייטען, זי איז געוואהנט געווען צו דעם, נור דער דאקטאר, ער, וואס האט איצט אזוי גערעדט...

ס'הארץ האט איהר געבלוטיגט. זי האט געפיהלט, אז אלע מענער זיינען גלייך, אלע האבען איין ציעל אין לעבען — צו פערזאומגליקליכען פרויען.

זי האט אבגעשטופט פון זיך דעם דאקטאר, וואס האט נישט אויפגע־הערט זי צו טרייסטען, געכאפט דעם מאנטעל מיט'ן העט, געקוקט ווי ער איז איהר נאכגעגאנגען, געשטאנען א פערלוירענער, ווי אן אלטער אויס־געקראכענער קאטער, ווענען די קעץ מיידען אויס, און זי האט איהם א שפריץ געטון אין פנים אריין:

— טכויער!

אויף דער גאס האט זיך לילי נישט בערוהיגט. א פערדרוס ביז צו וועהטאג, פארוואס איהר חלום האט זיך אזוי מיאוס געענדיגט, האט זי אין גאנצען דורכגענומען. זי איז גרייט געווען אין דער מינוט אריינצו־געהן אין א שאנד־הויז, אויב זי וואלט דערמיט דעם דאקטאר געקענט וועה טון. דער אלטער האס, וואס ליגט פערבארגען ביי א פראסטען צו א געבילדעטען, האט זיך איצט פונאנדערגעשפיעלט ביי איהר. זי האט געשלונגען די הייסע טרעהרען, געביסען די ליפען ביז צו בלוט, געטראכט ווי ר'נאך נקמה צו נעמען פון איהם און בשעת־מעשה געפיהלט, אז זי

איז אַהנמעכטיג, הילפלאָז, אַז אויב זי וועט חוה'ן די טעג נישט בעצאַהלען, וועט זי זי ארויסשטעלען אויף דער גאס, געפּיהלט, אַז דער גאַט פון זינד האלט זי שוין אויך, וועט זי ארומגריזשען און אויסשפּייען ווי טויזענדער אנדערע אין רינשטאָק אריין.

## 5.

פארנאכט האָט ראָזע געגומען שטארקער קרעכצען. צום ערשט אָב־געהאַקט, ווי די וועהען וואָלטען זי מיט אמאָל בעפאַלען, באַלד נאָכגע־לאָזט, האָט דאָס קרעכצען זיך איבערגעריסען, געבליבען ערגיץ שטעקען און פון איין קרעכץ צו'ם צווייטען איז אין די אויערען לאַנג געשטאַנען עפּיס שפּיציגס און שטעכעדיגס.

יעדעס מאָל, ווען די אויגען ביי ראָזען האָבען זיך אַ שטעל אוועק־געטון, געוואָרען גרעסער, זיך געשפּאַרט פון קאָפּ ארויס און פון ברייט צועפּענטען מויל האָט זיך געריסען אַ טעמפּ געשריי, האָט לילי זיך אָב־געגאַסען מיט טרעהרען און זיך געבעטען ביי איהר זי זאָל זי אַבלאָזען, וועט זי געהן אויפזוכען חוה'ן.

ראָזע האָט קיינעם נישט צוגעלאָזען צו זיך, זיך געהאַלטען אָן לילי'ס ארעמס, ווי מיט צוואַנגען, אַז בלוע, דיקע אָדערען האָבען זיך אויס אָנגעצויגען אויף איהרע פערמאַכטע הענד. די פיזישע וועהטאָג איז געווען אַזוי גרויס, אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג, האָט זיך ביי איהר אין מח אויסגע־ארבייט אַז נור פיזיש־געזונטע קענען איבערטראָגען די יסורים און זיך געפיהלט לייכטער ווען לילי, די גרויסע, געזונטע לילי, זיצט נעבען איהר.

ווילי איז אריין אין שטוב אַ פערסאָפּעטער:

— זיי געהן!

אינסטינקטיוו האָט ער זיך געשעהמט צו בלייבען אין דעם צימער וואו ראָזע איז געלעגען, אריין אין אַ צווייטען און זיך געטראַכט — ווען מען קען אויסבויערען אין דער וואַנד אַ לאָך — — — אַי, וואָלט ער גע־וואָלט זעהן ווי מען וועט ראָזען אויפשניידען דעם בויך און ארויסנעמען אַ קינד!

לילי איז זיי אנטקעגען געגאַנגען.

— נו, וואָס הערט זיך? וואָס מאַכט ראָזע? קרעכצט טאַקע? — האָט חוה אַ צופרידענע גיך געפרעגט, ווי זי וואָלט עטליכע טעג נישט געווען אין שטוב און די אויגען האָבען זיך ביי איהר צושפּיעלט, געערדט

אויף זייער לשון: „כ'האב איהם אהיימגעבראכט, דיר אויף צו פלאצע־ניש! ס'קרענקט דיך, הא?"

לילי האט עפּיס געוואלט ענטפערן, זיך נישט געקענט איינהאלטען קוקענדיג אויפ'ן פּארעל, ארויסגעפּלאצט מיט אזא געלעכטער, אז טרעה־רען זיינען איהר אזש געקומען אין די אויגען און אין דער זעלבער רגע זיך דערמאהנט אז דער דאקטאר האט זי בעליידיגט, אז ראזע געהט שווער צום קינד, האבען די טרערהען זיך ביי איהר אויף ס'נייע א גאס געטון מיט א בעהאלטענעם געוויין.

— א שמחה אויף איהר קאפּ! — האט חוה געכאפּט די הענד פּאד־באקעם און געזוכט מיט די אויגען דעם מאן — וואו איז ער אהינגעקומען? אייב, קום נור אהער!

אייב האט זיך געשעמט פאר לילי'ן, געלאפען פון איין צימער אין צווייטען. ער האט אראבגעווארפען דעם ראק, כלומרש געווען באשעפ־טיגט, ווי ער וואלט נעדארפט פּארטיג מאכען א שטיקעל ארבייט צו דער צייט.

— וואס איז? וואס דארפסטו מיך? — איז ער אריין א צוטראגע־נער, ווי די ארבייט וואלט געברענט אונטער זיינע הענד.

— וואס ביזטו מיט אמאל געווארען „ביזי"? האסט דאך געזאלט רעדען מיט דער מויד? צו קריגען זיך מיט מיר ביזטו א געוואלדיגער בריה!

— פערדרעהט אייך אייערע קעפּ! — האט אייב גענומען אוועק־געהן — זי האט פּרעטענזיעס צו מיר! האסט דאך מיך זיך נישט געהייסען מישען — מיש איך זיך נישט! כ'לאז דיר איבער ס'פערגעניגען — קריעג זיך!

חוה איז געווארען בלייך. זי האט אייב'ען גענומען נאכקרומען מיט די הענד, מיט די פיס, געווארפען מיט'ן גאנצען קערפּער, ווי א פּאפּירענער מענש, ווען מען ציהט איהם פאר א שטריקעל.

— מוחל, מוחל! האט זי איהם נאכגעשריען — הינטער דער טהיר ביזטו א בריה! אייבעלע, מיר ווייסען! כ'וועל מיט גאט'ס הילף פון אייך ביידע פּטור ווערען!

חוה האט זיך אנגעטון א ווייסע שירץ, ארויפגעצויגען אויף די הענד ווייסע ארבעל און ווי א היימישע אקושארקע איז זי אריין צו ראזען. זי

האט זי רעווידירט און גלייכגילטיג א שאקעל געטון צו לילי'ן מיט'ן קאפ:

— דערוויילּ נאך גארנישט. ס'קינד האט זיך נאך נישט אבגעריסען.

די גרויסע לילי מיט'ן דורכזיכטיגען פנים האט אויסגעזעהן אזוי אונבעהאלפען, ווי זי וואלט שולדיג געווען, וואס קינד האט זיך נאך נישט אבגעריסען, וואס ראזע ליגט אין דרייען אן איינגעקורטשעטע, שרייט פון וועהטאג און זי, לילי, איז אזוי גרויס און געזונד — איז לילי'ן דאס איי־גענע געזונדקייט מיט אמאל דערווידער געווארען.

זי האט זיך כמעט נישט איינגעהערט, ווי חוה האט זיך בעקלאגט פאר איהר, אבגערעדט דאס הארץ און געטראכט אז ראזע וועט געהן שווער צו'ם קינד, אז מען דארף רופען א דאקטאר. זי, לילי, איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי ראזע און אז זי האט געקראגען וועהען, האט מען גע־מוזט אנבינדען איבער'ן בעט א שטעקען, וואו זי האט זיך יעדעס מאל אנגעכאפט, ווי לאנג די וועהען האבען געהאלטען.

די וועהען זיינען געווארען אזוי אפט, אז די געשרייען האבען אנגע־פילט דאס צימער, געשטאנען פאר די אויגען ווי א פארע.

ראזע האט שוין געהאט פארגעסען ווען די וועהען האבען זיך אנ־געהויבען, געדענקט בלויז, אז ס'איז געווען טאג, גרויסער טאג, דערנאך איז געווארען טונקעל, טונקעלער, איצט איז שוין נאכט. זי איז געווען זיכער, אז די וועהען וועלען קיינמאל נישט אויפהערען, נישט געהאט קיין כח מעהר איבערצוטראגען די יסורים און אלץ אין איהר האט גע־וואלט שטארבען. זי האט מיט אמאל פערווארפען די הענד, געגומען ריי־סען די אייזענס פון בעט. די אויגען פערלאפענע מיט בלוט, זיינען גע־שטאנען, ווי אריינגעזעצטע, און זי האט געשריען טעמפ און לאנג, ווי א קוה ווען זי קעלבט זיך. זי האט זיך א הויב געטון, געבליבען ליגען אויף די שפיץ פיס, אויפ'ן קאפ, דער בויך ארויס, ווי א פאראבאלא און גע־פיהלט אז עס שנייד איהר אין די לידקעס ווי מיט מעסערס. דער וועהטאג איז געווען אזוי גרויס, זיך געצויגען אזוי לאנג, זי איינגעקרעמפט. ווי מיט אייזערנע רייפען, האט זי פון צופיעל וועהטאג אויפגעהערט שרייען, געלעגען מיט פארקוועטשטע ליפען, פערמאכטע אויגען און קלאר געטראכט, אז אזא וועהטאג האט נור דער, ביי וועמען מען נעמט אין א שפיטאל ארויס ביידע פיס.

לילי האט געפיהלט קאלטע שלענגלעך איבער'ן לייב, ווי צווישען די ציין וואלטען זאמדעלעך געקנאקט. זי האט זיך געטוליעט צו חוה'ן און שטיל געזאגט:

— כ'האב מורא פאר ראזען...

— וואס מיינסטו?

— כ'מיין, זי געהט שווער צום קינד.

— נישט קיין ראיה — האט חוה זי בערוהיגט — כ'האב שוין געהאט קינדבעטארינס, וואס זאל איך אייך זאגען? נו, קינדער! פיערצען יעהריגע — — — קלענערע פאר ראזען און זיי האבען גרינג געהאט! און ס'טרעפט זיך א גרויסע, געזונדע מויד, א פארשוין — — — מען דארף וויט זוכען? דו אליין! אלע מיינע שונאים ווינש איך אזא האבען, ווי דו האסט געהאט! נאר ווי ס'זאל נישט זיין דארף יעדע קינדבעטארען רחמים — — —

— איהר וועט דאך מיר נישט גלויבען, חוה — האט לילי שטיל גערעדט — נור מיר זאלעןביידע אזוי לעבען, ווי כ'האב געוואוסט, ס'הארץ איז א מסור — — — נישט פאר אייך געדאכט, נישט פאר קיין שום מאמע געדאכט — — —

— ס'קינד מיינסטו?

— יעס, — האט לילי זיך געווישט די אויגען — די זעלבע וואך ווען כ'בין געלעגען געווארען, איז מיין מאמע מיר עטליכע מאל צו חלום געקומען מיט א טוידט קינד אויף דער האנד. — — —

— גלויב מיר, לילי — האט חוה אבגעזיפצט — מען טאר דאך נישט זינדיגען, נור גלייבער וואס ס'קינד לעבט נישט!

— איהר זייט אפשר גערעכט — האט לילי געוויינט — כ'האב דאך אליין געבעטען ס'זאל געבוירען ווערען א טוידטס, נור גלויבט מיר, חוה'שי, אז כ'האב דערזעהן אז דאס קינד לעבט נישט, האב איך דערפיהלט אזא וועהטאג, ווי כ'וואלט געגאנגען האבען נאך איינס!

— ווי דען, א מאמע איז גאר עפיס אנדערש! — האט חוה געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— ס'וואלט דאך שוין היינט אלט געווען צוויי חדשים — האט לילי אבגעזיפצט און פארשטעלט ס'פנים מיט די הענט.

— אז דו ווייסט נאך אזא נפל'ע, וואס דארף איך טון? — האט

הוה זי געטרייסט און פערלייגט איין האנד אויף דער צווייטער — נישט היינט געדאכט, נישט אויף אלע וויסטע וועלדער געדאכט, האב איך אוועקגעשיקט א יונג פון פינף יאהר. וואס זאל איך דיר זאגען? א חכם געווען! זיין חכמה איז נישט געווען צו בעשרייבען! און גאר נישט! ס'איז נאך דא כח א שטיף צו טון אויך! זיך נעהמען אלץ צו'ם הארצען, איז דאך אוים וועלט!

— כ'האב גאר נישט געוואוסט — האט לילי זיך געוואונדערט— אז איהר האט געהאט מיט אייב'ען א קינד.

— ווי דו קוקסט מיך אן, האב איך שוין געהאט נישט איין פעקיל צרות! — האט חוה א מאך געטון מיט דער האנד, ווי זי וואלט נישט געוואלט רעדען דערפון.

ראזע האט זיך צושריען נישט מיט קיין מענשיש קול.

— אודאי זיך אבגעריסען — האט חוה זיך איבערגעבויגען איבער ראזען.

— מען וועט מוזען שיקען נאכ'ן דאקטאר — האט זי שטיל געזאגט צו לילען — ס'קינד געהט מיט די פיסלעך.

לילי האט געוואלט זאגען מען זאל שיקען נאך א צווייטען, געזעהען ווי ראזע האט שוין קיין כח נישט צו יענטשען פון יסורים, האט זי פארגעסען אן זיך, געפיהלט אז ווען מען שיקט זי איצט, וואלט זי אליין געגאנגען איהם רופען.

—ער קומט גלייך! — איז חוה אריינגעקומען פון פעדערהויז וואו זי האט טעלעפאנירט.

דאס קינד וואס איז די גאנצע צייט געשלאפען, האט זיך צעוויינט.

לילי האט אויפגעזוכט אין וויעגעל א קאלט פלעשיל מילך און עס אריינגעשטעקט דעם קינד אין מויל. דאס קינד האט עטליכע ציה געטון, עס ארויסגעלאזט פון מויל, זיך פערגאנגען נאך העכער.

— א פריש אנשיקעניש איבער מיין קאפ — האט חוה געוויזען אויפ'ן קינד — מען וועט איהם דארפען איינשלעפען, אז נישט וועט ער מיר דא אזוי אבזינגען א גאנצע נאכט! העי, ווילי, וואו ביזטו? קום נור אהער! נא, ווארעם אן דעם קינד די „באטעל", גיבער! און וואו איז דער „פא"?

— ער שלאפט.

— נו, געה, שטעה נישט ! — און זי האט זיך געווענדעט צו לילי'ן— זעה, טו מיר א טובה, לילי'שי קרוין, כ'וועל דיר שוין אמאל אבדיענען! זיי אזוי גוט און באד אפ ס'קינד אין דעם קליינעם וואנעלע, נור זעה, מאך עס נישט צו היים ! שיט אריין א האנד פול מאהן, שטעהט אין „אייז־באקס". נאך אזא באד וועט ער שלאפען ווי אין א היהנער־פלעט, וועסט זעהען ?

— ס'זאל איינגאנצען נישט איינשלאפען נאך אזא באד — האט לילי געשמייכעלט.

— דער טייפעל וועט איהם נישט נעהמען !

אין דער טהיר איז געשטאנען אייב אהן א ראק, זיך געצויגען און גע־געגעצט :

— אז אויג לאזען זיי נישט צומאכען — האט אייב זיך געהאלטען אין איין ציהען — כ'האב זיך אבימעל צוגעשפארט, איז, ווי אויף צו להכעים, האלט מען אין איין שרייען !

— איהר וואלט נור געשלאפען, מיסטער מעק — האט לילי זיך א שטעל אוועק געטון אייבען אין די אויגען — קומט בעסער מיר העלפען אויסבאדען ס'קינד, קאם אן !

אייב איז געלאפען, זיך געפארעט, געווען פאר'מחיה'ט, געטון יעדע זאך שנעל, ווי א לערען־איינגעל, ווען ער וויל געפעלען דעם בעל־היבת. אין א צעהן מינוט ארום איז דאס קינד נאך דער מאהן־באד מיט אן אמת געשלאפען, ווי אין א היהנער־פלעט.

עס איז געווען שטיל. דורכ'ן פענסטער האט אריינגעקוקט א קאלטע לבנה, איבערגעלאזט אין צימער א מאטען פאס. שטיקער שנעע וואס זיי־נען געלעגען אויף דעכער, געגענאיבער דעם פענסטער, האבען געבלענדט די אויגען.

אייב האט געקוקט אויף לילי'ן, ווי זי איז נישט איינגעשטאנען אויף איין פלאץ, האט עס איהם געהויבען, ווי מען וואלט א כשוף אבגעטון. אייב האט זיך א בויג געטון, געוואלט לילי'ן ארומנעמען, האט זי זיך א שאר געטון צו דער וואנד, געוואלט אפזינגען „ח־וה", האט זי מיט אמאל זיך פערמאכט דאס מויל, ווי זי וואלט בעגאנגען א חטא.

אייב האט מעהר איהר פנים נישט געזעהן, בלויז געפיהלט אז דאס צימער איז פול מיט איהר.

פון צוויטען צימער האט זיך געהערט ראזעס קרעכצען. דאס קרעכ־צען איז געווען איינטעניג, אבגעהאקט, ווי מען וואלט געצעהלט: איינס — צוויי, איינס — צוויי, און אז מען האט זיך לענגער איינגעהערט, האט זיך געדאכט אז קיינער קרעכצט נישט נור א פוילער, דראבנער רעגען קלאפט אין די שויבען. פון מאל צו מאל האט זיך ראזע צעשריען מיט נישט קיין מענשיש קול און נאך יעדען קוויטש איז אייב געווארען אז אנגעצונדענער, נישט געקענט איינשטעהן און געפיהלט אז אויב לילי וועט זיך איצט ארויסדרעהן פון זיינע הענד, וועט ער זי דערשטיקען.

לילי האט לייכט, ווי א קאץ, זיך געטראגען איבער'ן צימער, זיך געשפיעלט און יעדעס מאל ווען אייב האט זי אנגעכאפט, האט זי זיך א דרעה געטון, און שטיל, ווי זי וואלט מורא געהאט פאר חוה'ן זיך בעהאל־טען אין א ווינקעל.

פון כעס האט אייב זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בעטיל. ער איז געלעגען אויף די שפיץ פיס און הענד, ווי א חיה ווען זי צאטעוועט, וויל מיט איין שפרונג זיך ווארפען אויף א צווייטער, געקוקט אויף לילי'ן און געשרא־קען זי זאל נישט ארויס פון צימער.

— לילי! לילי! — האט זיך געהערט חוה'ס שטימע.

לילי האט געוואלט ארויסגעהן, האט אייב זי אנגעכאפט, א שלעפ געטון צו זיך, א בויג געטון, האט לילי זיך גענומען רייסען און געסטרא־שעט:

— לאזט אפ! לאזט אפ, כ'געה שרייען!

זי האט זיך א ריס געטון, געעפענט די טהיר, איז איהר אנטקעגען געקומען דער דאקטאר.

די גאנצע מעשה מיט לילי'ן האט דעם דאקטאר נישט געארט, ווי ער וואלט געוואוינט געווען צו דעם. געוואלט איהר א גלעט טון איבער'ן האלז האט ער זיך דערמאנט אז זי האט איהם גערופען טכויער, זיך דערפיהלט קליין און נישטיג און ארויסגעשטאמעלט:

פונדעסטוועגען דארפט איהר די אויגען נישט פערלאזען — — — — נאך א צוויי דריי מאל און איהר זייט פארטיג — — — קומט מארגען...

זי האט נישט געענטפערט, געציטערט אין גאנצען, געפיהלט ווי די הענד קורטשען זיך ביי איהר און איהם געצייגט אין דער ריכטונג וואו ראזע איז געלעגען.

— דאָקטאָר, ס'קינד געהט מיט די פיס.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעטון א ברודיג פאַרטוך מיט בלוט פלעקען, זיך פערשאַרצט די הענד, נישט ארומגעוואשען און איז צוגעגאַנגען צו ראָזען ווי א קצב.

ראָזע האָט שוין נישט געקענט שרייען, געקרעכצט ווי אַן אַלטער מאַן, און דאָס קרעכצען איז געקראַכען אין די ביינער, ווי א נאַסע קעלט. זי האָט געפיהלט ווי עפּיס האָט זיך א גליטש געטון, נאָכגעלאָזט און זיך אוועקגעשטעלט אין ביין מיט אזא וועהטאָג, ווי מען וואָלט זי מיט אַן אייזערנעם קלין געוואָלט פונאנדעררייסען. אין האַלז האָט זיך עפּעס אוועקגעשטעלט, א הייסע פויסט, געטרוקענט און געשפּאַרט די אויגען פון קאָפּ. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָר, איהם געקושט די הענד, געוויינט:

— דאָקטאָר, שלעפּערט מיך איין, אז כ'קען נישט מעהר, דאָקטאָר! אוי־וועה! אוי!

דער דאָקטאָר האָט געשמייכעלט צו לילי'ן, פערוויכערט א סגיאַרעט און אָנגעהויבען:

— כ'האָב ערגיץ געליינט וועגען א מוזיק פון קינדער וואָס ווערען געבוירען. נו, ווי געפעלט אייך די מוזיק? האַ, האַ, האַ!

לילי'ן איז געוועזען דערווידער דעם דאָקטאָרס גלייכגילטיגקייט, זיך ניט געקענט בעפרייען פון די בלוט־פלעקען וואָס אויפ'ן פאַרטוך, נישט געקענט זעהן ווי ראָזע בעט זיך ביי איהם, ער זאָל זי איינשלעפען, ארויס־געגאַנגען פון צימער און געטראַכט, אז די קליינע ראָזע קען יעדע מינוט שטאַרבען, אז דער דאָקטאָר האָט זיך נישט אָבגעוואַשען די הענד, נעמט אזוי אָב ס'קינד, קען זי נאָך פערגיפטען... זי האָט זיך געוואָלט דער־מאָהנען ווי זי האָט געליטען, גאָרנישט געדענקט און ס'איז איהר אויפ'ן זינען געקומען ווי דער דאָקטאָר האָט זי בעליידיגט. זי האָט גענומען געהן גיכער, פון איין צימער אין צווייטען, געוואָלט נקמה נעהמען אַן איהם און מיט אמאָל דערפיהלט אויף זיך א פּאָר הענד:

— א, אייב!

זי האָט זיך גענומען אָמפּערען, געפיהלט ווי די פּאַדלאָגע שווימט אַפּיר פון אונטער איהרע פיס, די כחות פערלאָזען זי און זעהר געוואָלט דער דאָקטאָר זאָל איצט ארייננקומען און זעהן, איהם אויף צופּלאַצעניש!

דאָס געשריי פון ראָזעס צימער האָט זיך געצויגען, געצויגען, נישט געוואָלט אויפהערען.

— אייב! אייב! וואו ביזטו? — האָט זיך געהערט חוה'ס קול.

אייב איז אויפגעשפּרונגען א צופלאָמטער, מיט א פּאָר אויגען ווי ביי אן אפּיום־עסער און א באַפרידיגטער אנטקעגען געגאַנגען דעם ווייב.

לילי איז געבליבען זיצען אין פינסטערען צימער. זי האָט געטראַכט פון דעם גאָט פון זינד, וואָס גריזשעט ארום זיינע קרבנות, שפּייט זיי אוים אין רינשטאָק אריין און זיך שטיל צעוויינט.

ס'איז מיט אמאָל שטיל געוואָרען און פון די געשרייען איז נאָך לאַנג געשטאַנען אין צימער א טעמפּקייט, ווי מען וואָלט אין די אוירען וואסער געגאָסען.

# קאָנטראַבאַנדיסטען.

דער פריוויסלינסקער נאכט־צוג, וואס געהט פון דער דייטשער גרעניץ נאך ווארשא, האט זיך געשלעפט אזוי פאמעלעך, אז ס'איז שווער געווען צו זאגען אויב ער שטעהט ניט אין גאנצען. אין א פריש אויסגעפארבטען וואגאן, וואו ס'איז געווען דושנע ווי אין א שוויץ־באד און די פארב האט געהאט א טבע זיך ארייינצוקלעפען אין געזעס אריין, איז געפאהרען משה לידז, דער גביר פון גרעניץ־שטעדטעל מיט זיין זוהן דוד, א פופצעהן יעהריגען גימנאזיסט.

אין מיטען וואגאן האט געברענט א גרויסער אייזערנער אויווען. צוויי ליכט־לאמטערנען וואס האבען געהאנגען ביי די טהירען האבען קוים בעלויכטען דע וואגאן און עס האט אויסגעזעהן, ווי א געדיכטער נעבעל וואלט געהאנגען איבער אלעמענס קעפ.

אין וואגאן איז געווען אן אמת'ער יריד.

חסידים האבען זיך פראנק און פריי איבערגעטהאן, קיין בושה געהאט פאר די ווייבער וואס זיינען געזעסען אנטקעגען. די ווייבער מיט פערקאשערטע שייטלען איבער די אבגעגאלטע קעפ האבען צושפילעט די בלוזקעס און געצויגען שטיקער זיידענס. אנדערע האבען איינגענעהט אין די קליידער זיידענע שאלען, אויפגעטרענט דעם אונטערשלאג, אייגגענעהט זיידענע פאלעס און עס האט זיך געדאכט, אז דער קוים־בעלויכטענער וואגאן איז עפעס א כשוף־פלאץ וואו בעוואקסענע כשוף־מאכערס זיצען און שלעפען פון די בוזעמס גאנצע בערג מיט זאכען.

אין א ווינקעל איז געשטאנען א איד, געהאלטען אין איין אויסטהאן זיין ברייטע קאפאטע, דערוויל פערשטעלט דאס ווייב מיט דער געפודערטער טאכטער, וואס זיינען געזעסען אויף די קניע און צוגענומען פון א יונגען שייגעץ זילבערנע זייגערלעך. דער שייגעץ איז געשטאנען צווישען דער מאמען און דער טאכטער, געשלעפט די זייגערלעך פון זיינע טאפעלטע שטיבלעטען און די ווייבער האבען עס אריינגעפאקט אין די

אבשטעהענדע קארסעטען. דער שייגעץ האט יעדער ווײלע אליין אריינ־געלעגט דער טאכטער אין בוזים א זייגערל און די מויד האט א קוויטש געטהאן:

— מאמע, דער גוי קנײפט זיך!

— זעה נאר ווי עס שרייט פון איהר ארויס? וואס קען איך מיר העלפען, וואס? — האט די מוטער זיך געבייזערט וואס די טאכטער מאכט קולות און גלייך זיך געווענדט צום שייגעץ — אנטעק, וואס ווילסטו פון מיידעל?

א אידעל, קײלעכדיג ווי א פעסעל, איז געשטאנען אין מיטען וואגאן אין א לאנגען טלית קטן, לויז געמאכט דאס שטריקעל פון די הויזען, גע־האלטען אין איין ארויסציהען פון זיך לייבלעך, רעקלעך און סתם שטי־קער סחורות, אז ס'איז געווען א וואונדער ווי א מענש האט געקאנט אנ־פאקען אויף זיך אזוי פיעל סחורה און אבנארען די בעאמטע אויף דער „קאמער".

— אי, אי, — האט דאס אידעל, וואס איז פון א קײלעכדיג פעסעל פערוואנדעלט געווארען אין א קליין, אויסגעדארט מענשיל, זיך צושריען — ווער זאל זיך ריכטען אז „המן" וועט היינט ניט זיין ביי דער רעוויזיע?

— נישטא קיין מזל — האט זיך א אידענע אנגערופען — פונקט היינט, ווי אויף צופלאצעניש, איז מיר איינגעפאלען דורכצופיהרען אלטע „לאבעס".

דער עולם האט געוואלדעוועט, געשריען. א דיקער קאנדוקטער מיט א לאמטערנע אין דער האנט איז געגאנגען מיט א הויכען חסיד, א „שמיי־סער" און געצעהלט די אלטע בילעטען וואס דער „שמייסער" האט אויס־געטיילט זיינע פאסאזשירען.

דער „שמייסער" האט זיך אבגעשטעלט ביי משה לידז און מיט א חניפה־שמייכעל אנגעהויבען:

— נו, ר' משה, איהר האט זיך, אויף מייןווארט, געקענט איינ־ברײנגען א רובעל, אט קוקט, דער גאנצער וואגאן פאהרט „בלאט" און כ'פערזיכער אייך, עס וועט היינט קיין קאנטראלער ניט זיין!

— און ווען דו וואלסט מיך אבגעגאלטען — האט לידז אריינגענומען זיין שווארצע בארד אין דער האנט אריין — וואלט איך מיט דיר געפאה־רען? אלע צרות וואס קומען אויף אידען איז דאך איבער אייך, שווינד־

לערם! גוט, — האָט לידז צועפענט די האַנט און אַרויסגעלאָזט די באָרד — ס'קאָן זיך דאָך אָבער מאַכען, אַז אין מיטען וועג כאַפּט זיך אַרויף דער הויפּט־קאָנטראָלער, געפינט אַזאַ געפּאַקטען וואַגען אידעלעך און קיינער האָט קיין בילעט ניט? קען זיין אַ גרעסערער חלול השם?

— געהט עס אויס צו אַ פּאָר רובעל, ר' משה — האָט דער „שמייסער" געשמייכעלט — מיט „לאַפּקע" קען מען צוקומען צום סאַמען קיסר. ס'איז שוין אַזאַ וועלט! מען זאָל אייך פּאָלגען, ר' משה, וואָלטען מיר אַלע געדאַרפט לעגען די צייהן אויף דער פּאָליצע! יאָ, אַ בילעט האָט איהר שוין געקויפט, רייכער געמאַכט „פּאַניען" מיט אַ רובעל, אַ מצוה געטהאָן, כ'האָב אָבער אַן עצה איהר זאָלט זיך אויסשלאָגען די הוצאות און נאָך מאַכען אַ קערביל. נעהמט פאַר מיר די צוויי גאָלדענע זייגערלעך — גוט? טהוט אמאל אַ אידען אַ טובה!

— קיין טובות — האָט משה בייז געענטפערט — כ'האָב איינמאָל אַ נדר געטהאָן קיין מגע ומשא צו האָבען מיט אייך, טשעפּעט איך אָב!

דוד וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסען און קיין אויג ניט אַראָבגעלאָזט פון אַלעם וואָס איז פאַרגעקומען אין וואַגאָן האָט זיינע אויגען ניט געגלויבט. ער האָט געפיהלט אַ מאָדנע שנאה און עקעל צו די פערוואַקסענע אידען מיט די קרומע לאַנגע נעז, וואָס שאַרפען טאָג און נאַכט זייערע קרומע מוחות ווי איינער דעם צווייטען אָבצונאַרען. און דאָס איז דאָך דער רוב מנין ורוב בנין פון יעדער שטאָדט! און וואָס פאַר אַ שיכות האָבען די שלעפּערס צו איהם?

דער פאָטער האָט אַרויפגעלעגט אויפ'ן אינגעל אַ האַנט, ווי ער וואָלט פערשטאַנען זיינע געדאַנקען:

— מיינסט, כ'האָב ניט קיין עולה געטהאָן? כ'מיין ניט וועגען בי־לעט, וועגען די זייגערס. אין פלוג, דאַכט זיך, זיינען זיי גנבים, מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין, און אַז דו בעטראַכסט זיך וואָס זאָל טאַקע אַזאַ איד ווי כתריאל טהאָן? ווערען אַ בעל מלאכה? מיר האָבען זיי שוין די ויותר, בעל־מלאכות שטאַרבען אויך פון הונגער, בלייבט דאָך ווידער סוחרים... ווי לאַנג דו לעבסט ווילסטו עסען, העי כתריאל! — האָט לידז אַ געשריי געטהאָן צום „שמייסער", וואָס איז אַרומגעלאָפען אַ צו־יאַכמערטער.

כתריאל איז צוגעקומען מיט צופראלטע פאלעס פון דער קאפאטע:

— נו, ר׳ משה, איהר וועט נעהמען...

— כ׳וועל נעהמען, כ׳וועל נעהמען — האט לידז זיך מעשה נגיד געבייזערט — גיב אהער די זייגערס!

— אט אזוי — האט כתריאל געשמייכעלט און איהם געגעבען די זייגערס — איהר וועט ארייננכאפען צוויי רובעל ווי געפונען.

— האלט דיר דאס געלט — האט משה א געשריי געטהאן — ניט דערלעבען וועסטו דאס, שנארער דו, אז משה לידז זאל ביי דיר פער־דיענען!

ביסלעכווייז איז אין וואגאן געווארען אלץ שטילער און שטילער. די ווייבער מיט די קינדער האבען זיך צולעגט איבער די בענק און אנטשלא־פען געווארען. מיט אמאל איז אין וואגאן געווארען נאך טונקעלער — א ליכט איז אין א לאמטערנע אויסגעגאנגען. לידז האט זיך געדרעהט אויף דער באנק, זיך אויסגעצויגען און איידער דוד האט זיך ארומגעקוקט האט דער פאטער שוין געשמאק געבלאזען מיט די ליפען אין דער בארד אריין, אז די האר זיינען זיך אזש צופלויגען. דוד׳ן האט ניט געשלעפערט. ער האט ארויסגעקוקט דורך דער פערלאפענער שויב, גאר ניט געזעהן פון ערשטען אויגענבליק און, אז ער האט זיך א לענגערע צייט איינגעקוקט האבען שטיקלאך שנע זיך ארויסגעבלייכט פון די נאקעטע פעלדער. עס האט איהם דורכגעשוידערט. ער האט בעמערקט ווי דער קאנדוקטאר איז שטיל אריין, א וואונק געטהאן צו עמיצען אויף א באנק און איז צוריק ארויס. באלד האט זיך פון דער באנק אויפגעשטעלט דאס געפודערטע מיידעל, זיך איינגעקוקט צי די מוטער שלאפט און האט ליכט ווי א שא־טען זיך ארויסגעשארט.

פון צוגליהטען אייזערנעם אויווען האט געשלאגען א רויטע שיין, זיך צולעגט איבער דער פאדלאגע, אבגעגאסען א קופקע קאנטראבאנדיס־טען ווי מיט קופער. די קאנטראבאנדיסטען מיט כתריאל׳ן אן דער שפיץ זיינען געזעסען אויפ׳ן קוילען־קאסטען, צוגעווארפען קוילען אין אויווען און זיך געווארעמט. כתריאל האט זיי דערצעהלט די מעשה מיט משה לידז, ווי ער האט זיך אבגעזאגט פון די צוויי רובעל און אן עלטערער איד, א חסיד, האט זיך אפגערופען:

— א אידישע קישקע קען מען ניט שאצען!

— וואָס מיינט איהר — האָט זיך א צווייטער אריינגעמישט — משה איז א יודע ספר, זיין פאָטער ר' שלמה'לע ז"ל איז דאָך געווען א פער־ברענטער חסיד פון די אלטע קאָצקער און ער אליין, כאָטש ניט קיין גרוי־סער צדיק, וועט פונדעסטוועגען פאר א איד געהן אין פייער...

דוד האָט דערהערט זיין פאָטערס נאָמען, האָט ער זיך א נייגעריגער אונטערגערוקט, ער איז געזעסען אָן א זייט און זיך איינגעהערט.

— שעהנע אידען געווען די קאָצקער — האָט זיך איינער אָבגע־רופען — מוח־מענשען, אז ווי זעהט מען עס היינט ? !

— און ר' מענדעלי אליין, דערצעהלט מען — האָט זיך אן עלטע־רער חסיד נעהענטער צוגערוקט צום פאַנאַנדערגעברענטען אויווען, ארייג־געמאכט די הענט צווישען די פיס — פלעגט שבת בין השמשות ארומגעהן א קליינער, א גרויער מיט לאַנגע ברעמען איבער די אויגען, די גראבע פינגער אין גארטעל און מאכען אזעלכע געוואלדען, אז די חסידים איז אן אימה בעפאלען ! און וואָס מיינט איהר, האָט ער געשריען ? „כ'האָב תמיד געהאָפט צו האבען א מנין חסידים, א מנין, ארומגעהן מיט זיי אין די וועלדער, אין די וועלדער, אין די וועלדער ! אז היינט האב איך אָקסען ! כ'האָב געהאָפט צו ווערען א מענשען דאָקטאר און איהר, בהמות, האָט מיך געמאכט פאר א קאַנאַוואַל !...“

דוד איז געזעסען א פערגאַפטער, זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבען צו יעדען וואָרט זייערס, געזעהן ווי די וואכעדיגקייט איז פון זיי אוועק, זיצען מיט צושטראהלטע פנים'ער און ניט געגלויבט, אז דיזעלבע אידען זיינען א מינוט צוריק גרייט געווען קריכען איינער דעם צווייטען אין גרגרת. ער האָט זיי ליעב בעקומען.

דער צוג האָט זיך געשלעפט נאָך פאַמעליכער, אַנגעיאָגט א דריי־מעל. די חסידים האבען זיך גערוקט אלץ נעהענטער צום אויווען, זיך גע־טוליעט, פערקוועטשט די אויגען און זיך איינגעהערט וואָס דער עלסטער צווישען זיי האָט דערצעהלט. דאָס געפּודערטע מיידעל האָט זיך שטיל ארייגגע'גנב'עט, פערבייגעגאַנגען דעם אויווען מיט אראבגעלאָזטע אוי־גען און מיט א קרעכץ זיך אראבגעלאָזט ערגיץ אויף א באנק.

# אין סאַלון.

נאָך האַלבע נאַכט איז ביים „גרויסען־ווילי“ אין סאַלון דער עולם זיך צוגאנגען. דער בעל־הבית, א הויכער, א שווערער, מיט א מינע, וואָס ווערט פון קיין זאך ניט נתפעל, האָט זיך אוועקגעזעצט איבער א שיסעל פיש, געהאַלטען אין איין האַנט א מעסער, אין דער צווייטער א גאָפּעל און געגעסען מיט די הענט א קאָפּ פון א סענדאַק. ער האָט הילכיג גע־נאַגט די ביינער פון'ם פיש, יעדע ווײַלע גענומען צו ביסלעך בראַנפען און זיך צוגעקוקט, ווי קענגענאיבער ביי א טישעל האָבען פיער יונגען גע־שפּיעלט אין פּאָקער. אין סאַלון איז געווען שטיל. בלויז א בעקער, מיט וואַנסען, ווי א ביי קייזער ווילהעלם, איז געזעסען נעבען א טישעל, מיט די פּלייצעס צו דער וואַנט, איבער א נישט אויסגעטרונקען גלאָז ביר, גע־האַלטען די פיס אויף א שטוהל און מאָדנע געקלאַפּט מיט די ליפּען, ווי א צודעקעל וואָלט זיך געהויבען איבער א קאָכעדיג טעפּעל. אין סאַלון איז געשטאַנען א פערדומפּעטע פּאַרע, ווי די געטראַנקען וואָלטען געטריקענט אין די פלעשער, אין די פעסלעך און אָנגעזאַפּט די לופט מיט א קלעפּיגע פייכטקייט.

א יונג האָט א ציה געטהאָן די קעפּ איבער די אויגען און א וואָרף געטהאָן צוויי פּאַפּירלעך אויפ'ן טיש זאָגענדיג:

— דעם דאָלער מיט נאָך א דאָלער!

— אָ'ל סי יו! — האָט זיך א צווייטער אָנגערופען.

ווילי'ס ווייב, נאָך גאָר א יונגע, מיט א פּאָר טיעפע, פערשייטע אויגען, שווארצע, גלאַנציגע האָר, וואָס ליעגען צוגעקלעפּט אויפ'ן מיט שטערען און ארום די שלייפען, ווי מיט נאַסען זייף אָנגעשמירט, האָט געעפענט א זייטיגע טיר און אריינגעשטעלט דעם קאָפּ.

— ווילי, צייט צו פערמאַכען! ס'איז שפּעט!

— כ'וועל באַלד צומאַכען — האָט דער מאַן געענטפערט און זיך ווייטער געקיימט די פיש.

— ניין, דו זאָלסט שוין פערמאַכען — האָט דאָס ווייבעל געשרויפט מיט'ן מיילעכיל, כלומרשט א טופּע געטהאָן מיט א פּוס און איז צוגע־גאַנגען צו איינעם פון די שפּיעלערס.

— נו, פּיליפּ, וואַרט, כ'וועל זיך אוועקשטעלען ביי דיר וועט זיין מזל'דיג. וואָס קלערסטו? „בלאַה!“.

— ווער פרעגט אייך? — האָט פּיליפּ זיך געבייזערט, אוועקגע־וואָרפען די קאָרטען און א שאָר געטהאָן דאָס געלט. — נעהם, פרענק!

— איז נישט געפּידעלט! — האָט דאָס ווייבעל זיך צולאַכט.

— סיידי, קומט צו מיר — האָט פרענק זי אָנגעכאַפּט פאַר א האַנט.

— געה בעסער שלאָפען, געה! — האָט ווילי ארויסגעבורטשעט פון דער שיסעל.

סיידי האָט זיך ארויסגעדרעהט פון פרענק'ן, נאָך געשטאַנען א וויי־לע, ס'זאָל הייסען דער מאַן שפּאַסט, נאָכאַמאָל דערמאָנט ווילי'ן ער זאָל פערמאַכען און איז ארויס. די יונגען האָבען איהר נאָכגעקוקט, זיך גע־דרעהט אויף די בענקלעך און אין פערדומפּעטען סאַלון איז נאָר סיידי'ן עפּעס געבליבען, וואָס ס'האָט זיי נאָך לאַנג גערעגט

א נישט אויפגערוימטער האָט פּיליפּ טאַלירט די קאָרטען, גערעדט ווי צו זיך:

— ס'געהט נישט.

— אַבי ס'געהט דיר אין ליעבע — האָט פרענק אַן אויפגערוימטער געשפּאַסט.

— יו בעט — האָט ווילי זיך אָנגערופען און אוועקגערוקט פון זיך דעם טעלער מיט ביינער. — פּיליפּ, וויפיעל האָסטו שוין פערשפּיעלט, וויפיעל?

פּיליפּ האָט נישט געענטפערט, אויסגעוואָרפען די קאָרטען און זיך געפרעגט:

— ווער שפּיעלט?

— איך — האָט פרענק געשמייכעלט.

— נו?

—פופציג סענט — האָט פרענק זיך איינגעהאַלטען ער זאָל נישט ארויספּלאַצען מיט א געלעכטער.

די איבעריגע האבען אוועקגעלעגט די קארטען. פיליפ מיט פרענק'ן האבען געשפיעלט.

— „כ'טשיפ" מיט א דאלער — האט פיליפ א ברוגז'ער געזאגט.

— דעם דאלער מיט נאך צוויי! — האט פרענק געשמייכעלט.

פיליפ האט געטראכט א ווײלע, זיך געקווינקעלט, דאס פנים איז ביי איהם געווארען בלאס.

— אל ראיט! א'ל סי יום!

— געלט אויפ'ן טיש! — האט פרענק געוואונקען מיט א פינגער.

פיליפ האט גענומען זוכען אין די קעשענעס, א פערלוירענער זיך ארומגעקוקט און זיך געווענדעט צום „סאלון־קיפער":

— ווילי, גיט מיר צוויי דאלער!

— ווער האט געלט, ווער? — האט ווילי זיך אנגעהויבען צו קלא־גען. — נאך היינט קיין כענט נישט געלייזט!

פיליפ האט אראבגענומען פון פינגער א גאלדען רינגעלע און עס א ווארף געטהאן אויפ'ן טיש.

— וואס האסטו?

פרענק האט בעקוקט דאס פינגערעל, געשמייכעלט צו דער חברה און גערעדט צו פיליפ'ן:

— וואס האסט דו?

— א „פול־הויז" איז גוט? — האט פיליפ ארויסגעזאגט דורך די צייהן.

— נישט היינט! — האט פרענק געשמייכעלט און איהם געצייגט די קארטען.

— פיליפ, ס'געהט דאך דיר מיט אן אמת נישט? — האט ווילי ארויפגעלעגט אויף פיליפ'ן א האנט.

— אז ס'געהט אין ליעבע, געהט נישט אין קארטען — האט פרענק געצווינגען די ווערטער, ווי ער וואלט זיך געוואלט רייצען מיט פיליפ'ן.

— שאראפ! — האט פיליפ א שאט געטהאן דאס טעשיל איבער'ן טיש, זיך אויפגעשטעלט, צושטעלט די פיס און זיך איבערגעצויגען.

— וואוהין געהסטו? האסט קיין געלט נישט? קאם אן, כ'וועל דיר בארגען — האט פרענק זיך געווענדעט צו פיליפ'ן און ארויסגעכאפט א פולע האנט מיט געלט. — וויפיעל ווילסטו?

— כ'שפיעל נישט מעהר! — האט פיליפ א בייזער געענטפערט.

— דארף מען ניט! — האט פרענק געשמייכעלט, זיך אויפגע־שטעלט, בעקוקט דאס פינגעריל און א ציה געטהאן פיליפ'ן פאר אן אר־בעל. — העי, ווי פערשפיעלט מען דאס א פינגעריל פון א געליעבטער?

— ווי לאזט מען זיך צונעהמען א געליעבטע? — האט פיליפ איהם גאליג געענטפערט.

— דו האסט ביי מיר צוגענומען א געליעבטע? — האט פרענק אן אויפגערעגטער אויסגעשריען, ווי מען וואלט אויף איהם אויסגעטראכט א בלבול.

— אודאי איך! ווער דען? — האט פיליפ געשמייכעלט.

— האסטו. — האט פרענק זיך פערלוירען.

— דאס זאג איך דאך!

פרענק האט זיך געפיהלט געקרענקט וואס די חברה לאכען פון איהם, געקלערט וואס צו זאגען דער עולם זאל איבערגעהן אויף זיין זייט. האט ער געדרעהט דאס פינגעריל, געדרעהט און עס אונטערגעטראגען פיליפ'ן.

— און אז כ'וועל דאס שענקען בעסי'ן, וועסטו זיין „דזשעלאס"?

— זי האט דיך אין דר'ערד מיט דיין מתנה! — האט פיליפ אויס־געשפיגען.

פרענק האט נישט געענטפערט, ווי ער וואלט נישט געהערט די לעצטע ווערטער, קרענקליך פערביסען א ליפ און בעשטעלט פיער ביערס. ווילי האט אנגעגאסען די גלעזער, זיי אבגעשווימט און גערעדט צו דער חברה!

— כ'וועל אייך דערצעהלען, באיס, א „דזשאוק", וועט איהר לא־כען. געכטען זיצט דא אלעק מיט'ן אינדיאנער.

— מיט'ן דזשעק'ן? — האבען די יונגען זיך געפרעגט.

— יעס. זיי האבען געשפיעלט אין „סטאס". וואס זאל איך אייך זא־גען, אלעק האט איהם אזוי ארומגעטרימט, אז ער האט ביי איהם אפילו דעם זייגער צוגענומען. ס'איז א רחמנות געווען אויפ'ן יונג. פאר'ן אוועק־געהן זאגט דער אינדיאנער: „הער זיך איין אלעק, לאמיר נאך איין מאל שפיעלען". „אז דו האסט קיין געלט נישט", האט איהם אלעק געענט־

פּערט. „וואָס אַרט עס דיך, כ׳וועל איינשטעלען עפּעס בעסערס ווי געלט! ווילסט שפּיעלען אויף ראַזען?“

— אויף זיין בלאַנד מיידעל? — האָבען די יונגען געפּרעגט.

— וואָס איהר הערט! — האָט ווילי געזאָגט. — און וואָס מיינט איהר? דער אינדיאַנער האָט אָפּגעוואונען ביז צו א סענט!

— דאָנט־יו סעי־איט! — האָבען די חברה זיך גע׳חדוש׳ט.

פרענק האָט האַסטיג אויסגעטרונקען דאָס ביער, וואוילעריש גע־קלימפּערט מיט ביידע הענט אין די הויזען־קעשענעס און גערעדט צו פּיליפּ׳ן:

— זעהסט, פּיליפּ, כ׳שטעל ס׳גאַנצע געלט איין. דו ווילסט?

— וואָס מיינסטו? — האָט פּיליפּ איהם אָנגעקוקט.

— לאָמיר שפּיעלען אויף בעסי׳ן — האָט פרענק זיך פערלוירען.— דו קענסט געווינען!

— יו ראַטען בעסקעט, יו! — האָט פּיליפּ אויסגעשריען. — וואָס מיינסטו, כ׳בין א „גיני“? ביי אידען פערקויפט מען נישט קיין ווייבער! און אויב כ׳וועל זי פערקויפען, וועט זי אויך נישט געהן צו דיר! אז זי האָט דיך פיינט!

— דאָס וועט מען שוין שפּעטער זעהן! לאָז דיר דער קאָפּ נישט דאַ־רען — האָט פרענק געענטפערט און זיך געווענדעט צו די יונגען. — בעסי קען מיך פריהער פאַר איהם. איהר גלויבט נישט? אָט הערט: פּי־ליפּ, ס׳וואָהר אז בעסי האָט אויף דער רעכטער ברוסט א לעבעריל?

פּיליפּ האָט איוסגעהאַקט פרענק׳ן א פּאַטש. פרענק האָט א דרעה געטהאָן מיט׳ן קאָפּ, געוואָלט זעהן פון וואַן דער פּאַטש איז געקומען, האָט ער געכאַפּט א צווייטען און געזעהן פונקען פאַר די אויגען. זיי האָבען זיך א וואָרף געטהאָן איינער אויפ׳ן צווייטען מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די צייהנער, געלעגען אויף דער גליטשיגער פּאָדלאָגע, זיך געקנוילט און געסאָפּעט. די יונגען האָבען זיי פּאַנאַנדערגעריסען. פרענק אין אָבגעגאַ־סענער מיט בלוט האָט זיך געווישט מיט דער האַנט דאָס בלאַסע פּנים, ווי ס׳וואָלט געוואָרען אויסגעריבען, בעטראַכט דאָס בלוט אויף דער האַנט, קרענקליך געשמייכעלט און געגראַזשעט פּיליפּ׳ן:

— וואַרט, כ׳וועל זיך מיט דיר אָברעכנען!

דער בעקער, וואס איז אויפגעקומען פון די געשרייען און צוגעזעהן דאס געשלעג, האט זיך אנגערופען:

— און מיט דיר האט מען זיך שוין אפגערעכענט!

פרענק האט גענומען ארויסגעהן, זיך ביי דער טהיר אבגעשטעלט און גערעדט צו פיליפ'ן:

— שלאג, בעסטארד! און אז דו וועסט שלאגען פון היינט ביז מארגען וועט דיר עפעס העלפען? אבער ווער איז געשלאפען מיט דיין געליעבטער? איך! פרענק איז פריהער געשלאפען מיט דיין געליעבטער ווי דו! — האט ער זיך מיט די פויסטען געקלאפט אין הארץ אריין. — שמעקט דיר נישט, הא? כ'וועל דערצעהלען דער גאנצער וועלט, אז איך, פרענק, בין געשלאפען...

פיליפ האט זיך א ריס געטהאן צו פרענק'ן, די יונגען האבען איהם צוריקגעהאלטען, האט ער א שליידער געטהאן א פלאש. פרענק האט זיך א בויג געטהאן, זי אויסגעמידען.

— דו הינטישער זוהן, דו! — האט ווילי זיך אנגענומען פאר פיליפ'ן. — דו וועסט דאס בעשמוצען אן ארענטליך מיידעל? ארויס פון דאנען! זאלסט מעהר מיין שוועל נישט אריבערטרעטען!

— גיב בעסער אב די פאר דאלער — האט פרענק געזאגט.

— פאר גנב'ישע זאכען צאהלט מען נישט! — האט ווילי געענטפערט.

— אבער גנב'ישע זאכען נעהמסטו, הא? — האט פרענק געשטשריטע מיט די צייהן.

פיליפ האט זיך ווידער א ריס געטהאן מיט א פלאש אין דער האנט. פרענק איז ארויס פון סאלון, די יונגען נאך איהם. פיליפ איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, זיך אויסגעדרעהט, גענומען שפרייזען א צוטראגענער איבער'ן סאלון און געהערט ווי ווילי רעדט צו זיך:

— אז ווער דארף דאס אלץ ליידען?...

— הער זיך איין, ווילי — האט פיליפ זיך אבגעשטעלט.

— וואס איז?

— דו גלויבסט וואס פרענק האט געזאגט?

— שפיעלסט זיך מיט ווייבער — האט ווילי גיך געשפיגען אין

אלע זייטען, ווי א פליגעלע וואלט איהם אריין אין מויל. — אויף זיי קען מען אלץ גלויבען! די בעסטע דארף מען האלטען אין שפאן!

— הייסט עס, גלויבסט פרענק׳ן — האט פיליפ געעפענט א פאר אויגען.

— ביזט א דעם־פול״ — האט ווילי זיך אנגערופען. — ווער זאגט דיר אז כ׳גלויב? נאר גארנישט! א תקיעת־כף וואלט איך נישט געוואלט געבען! ס׳איז א בלינדע זאך! גיה טרעף וואו די וויאסלע האט געשניטען ס׳וואסער!

פיליפ האט נישט געענטפערט. ער האט זיך אראבגעלאזט אויף א שטול ביי א לעדיג טישעל, אפירגעווארפען די פיס, שטאר געקוקט אין דער פערדומפעטער פארע, וואס איז געשטאנען אין סאלון און מיט א קרעכץ ארויסגעלאזט די פלאש, וואס ער האט געהאלטען אין דער האנט. די פלאש האט טעמפ אבגעקלונגען אן דער גליטשיגער פארלאגע, געבליבען גאנץ און זיך צוגעקייקעלט צו דער וואנט.

# מאַדאַם מאַרקיז.

א הויכע, א בלאָנדע· מיט צוויי דיקע פלאַקסענע צעפּ, נאכלעסיג פערלעגט אויפ'ן קארק, וואָס, דאכט זיך, וועלען יעדע ווײלע צופאלען איבער איהרע פּלײיצעס, א פּאָר גרויסע, קורצזיכטיגע און אין דער זעל־בער צייט אזעלכע טיעפע, בלויע אויגען, לויזע קליידער, וואָס פאלען ווייך פון די אקסלען און אין יעדען ריהר פון איהר קערפער ליעגט אן אנגענעהמע, רייצענדע פוילקייט — דאָס איז מאדאם מארקיז.

זי ליעגט אויף א ווייכער אָטאָמאַנע, לייענט בלומרשט א בוך און מיט איהרע פערזשמורעטע אויגען קוקט זי זיך צו, ווי איהר שוויגער, א הויכע, גרויע איטאַליענערין שפּיעלט זיך מיט איהר פינף־יעהריגען זוהן.

מיט אמאָל צולאכט זיך די אלטע, ווייזט דער שנור אויפ'ן אייניקעל, זאָגט עפּעס און קושט איהם אין קעפּעל, אין די אויגען. די שנור שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווייס נישט וואָס די אלטע מיינט, לאָזט ליעגען דעם בוך און פערטראכט זיך.

זי קען זיך נישט אויסשמועסען מיט דער שוויגער, וועלכע איז נישט לאנג אין לאנד, געקומען אויף דער עלטער פון פלאָרענץ צו איהרע קינ־דער. זיי רעדען זיך דורך אויף די פינגער, אויף שטום לשון און ווייסען קיינמאָל נישט, וואָס איינער וויל פון צווייטען. די שנור וואונדערט זיך, ווי אוהר אוירוּוינג זיצט מיט אן אָפען מויל און הערט זיך איין, ווי די באָבע דערצעהלט איהם עפּעס אויף איטאַליעניש. די אלטע רעדט מיט די הענט, מיט'ן פּנים, מיט אלע גלידער און דאָס אינגעל הערט זיך איין, ווי ער וואָלט יעדעס וואָרט פערשטאַנען. און ווער ווייס? טאָמער רעדען זיי זיך דורך אויף קינדער־לשון.

די שנור דרעהט זיך אויס, לאָזט ארויס פון קאָפּ א ביינערנעם קאָם, הויבט איהם אויף און זעצט איהם אריין אין איהרע צופּאטעלטע האָר, ווי מען זעצט אריין א ווידלע אין א בונט היי. זי נורעט זיך איין אין די ווייכע קישענס און פיהלט, אז ס'איז איהר אומעטיג.

צייט די שוויגער איז געקומען צו איהר אין הויז אריין האָט מאַדאַם מארקיז דערפיהלט, אז אלץ איז איהר דאָ פרעמד, ווי די אלטע וואָלט גע־ווען איהר געוויסען, און זי האָט גענומען בענקען צוריק אהיים.

זי איז געבוירען געוואָרען, געוואקסען און זיך אויסגעהאָדעוועט אין א הויף ביים שווארצען ים. פון קינדווייז אָן האָט זי אלעמען אויסגעמידען. תמיד געווען פערטהאָן מיט זיך אליין. אז זי איז עלטער געוואָרען און די מעקלערס, וואָס האָבען זיך געדרעהט ארום איהר פאָטער האָבען איהר גענומען רעדען שדוכים, האָט זי נישט געוואָלט הערען דערפון. זי האָט תמיד גע'חלומ'ט, אז „פעטשאָרין" אַן אָבגעברענטער פון דער זון און ווינט, מיט צושויבערטע, שווארצע לאָקען וועט אין א שטורמדיגער נאכט אנקומען מיט זיין שיפעל הינטער איהר פענסטער. א שלאָפענדע וועט ער זי ארויס'גנב'ענען און אוועקפיהרען ערגעץ נאָך קרים צי נאָך קאַווקאַז, וואו צווישען הויכע בערג, ווייט פון א מענשליכען ישוב, וועלען זיי וואוינען.

די מעקלערס און די אַרימעלייט, וואָס האָבען זיך געדרעהט ארום איהר פאָטער, זיינען צו איהר אָפט געקומען מיט בריעף פון זייערע קינ־דער, וואָס זיינען געווען אין אמעריקע. זי האָט פאַר זיי געלייענט די בריעף, געפיהלט אז דאָרט, אויף יענער זייט ים, מוז ס'לעבען זיין ברייטער און זי האָט בעשלאָסען צו פאָהרען אהין. נאָך פיעל קריעגערייען מיט איהרע עלטערען איז זי, מערי שטיין, א זעכצעהן־יעהריג מיידעל אָנגע־קומען נאָך ניו־יאָרק. זי איז אוועק ארבייטען אין א „שאָפּ". מערי איז פון ערשטען טאָג אָן געוואָרען ענטוישט און ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט וואָלט זי צוריק אהיים געפאָהרען.

דערווייל האָט זי זיך באקענט, כמעט אויף שטום־לשון, מיט פיליפ מארקיז, אַן אָבגעברענטען איטאַליענער מיט שווארצע האָר, וואָס פון שווארצקייט האָט מען זיך אין די האָר געקענט איינשפיגלען. דער איטאַל־יענער מיט די שווארצע, פער'חלומ'טע אויגען, מיט די פלינקע בעווע־גונגען איז איהר געפעלען. צו מיינסטען אבער איז איהר געפעלען דער נאָ־מען — מארקיז! ווי שעהן דאָס קלינגט! נאָך יעדען שווערען טאָג אר־בייט, וואו מערי האָט אין אַן ענגען, שטויביגען שאָפּ, אין דרייען א גע־בויגענע, גענעהט א גאַנצען טאָג קנעפּ, איז ער, מארקיז, אַן אויסגעפוצ־טער, אַן אָנגעפערפיומירטער צו איהר געקומען. יעדען אָוועגד האָט ער

זי געגומען אין אן אנדער פלאץ, זי אמוזירט, ביז דאס מיידעל האט איהם ליעב געקראגען. געזעהן אין איהם איהר אמאליגען העלד „פעטשארין“ און האט מיט איהם חתונה געהאט.

מארקיז האט געהאט עטליכע בארבער־שעפער, געווען פערמעגליך, האט ער איהר אויסגעמעבלירט א היים, ווי זי אליין האט נאר געוואלט. יעדען טאג האט זי זיך ערגעץ אנדערש געוויילט, געהאט א קרייז פער־עהרער — צו מיינסטען אמעריקאנער און אמעריקאניזירטע איטאליענער. זי האט נישט צייט געהאט צו טראכטען וועגען זיך, כמעט פערגעסען, אז זי איז א אידישע, אז זי האט עלטערען אין רוסלאנד. אז אוירוויגג איז געבוירען געווארען, האט זי עפעס יא א טראכט געטהאן אז מען דארף דעם אינגעל „אידישען“, זיך געשעמט פאר'ן מאן, געררעכענט, אז פיליפ וויים נישט אז זי איז א אידישע און בעשלאסען איהם צו רופען אברהם, נאך איהר זיידען. רופען איהם „אייב“ — איז צופיעל אידיש. גוים האבען נישט אזעלכע נעמען, האט זי געמאכט א פשרה און איהם א נאמען גע־געבען אוירווינג. נאך דער קינדבעט האט זי פערגעסען אן אלעס, פשוט נישט צייט געהאט צו טראכטען דערפון. זי האט זיך געוואונדערט פארוואס מענשען האבען א שלעכטע מיינונג איבער איטאליענער — אז זיי בע־האנדלען שלעכט זייערע ווייבער. פערקערט, צייט זי וואוינט מיט פי־ליפען האט זי נאך נישט געהערט פון איהם קיין הויך ווארט. נאר צייט די אלטע איז געקומען צופאהרען פון איטאליע, איז ביי איהר אין מוח געווארען אן איבערקערעניש. עס האט איהר פערדראסען וואס די אלטע רעדט מיט אוירווינגען איטאליעניש און שוין עטליכע מאל, צייט יאהרען, ווי זי האט אנגעהויבען צו טראכטען אין אידיש. זי ווייס נישט פארוואס, נאר אז זי בלייבט איבער מיט דער אלטער אין שטוב ציטערט זי, האט דאס געפיהל אז די אלטע איז א מכשפה, קען זיך יעדער רגע ווארפען אויף איהר מיט איהרע ביינערנע קנאכען. דעמאלט פיהלט זי אז זי איז זינדיג. איהרע טאטע־מאמע האבען פאר דער לעצטער צייט אנגעהויבען איהר צו חלום קומען. זיי וויינען, בעטען זיך ביי איהר זי זאל „אידישען“ דאס קינד, זי זאל זיך צו'נט'ען מיט'ן מאן. יעדעס מאל כאפט זי זיך אויף אן אויסגעמאטערטע, קוקט זיך ארום, געפינט דעם מאן נעבען זיך, רוקט זי זיך אב, בעהאלט זיך אין אן עק בעט, ווי זי וואלט זיך געשראקען פאר איהם. תמיד ווען איהרע עלטערען קומען איהר צו חלום, געפינט זי אויף

איהרע הענט און פים בלויע צייכענס, ווי קניפּען פון טויטע. זי פיהלט, אז אלע האבען זיך צונויפגערעדט קעגען איהר, ליגען ערגעץ בעהאלטען אין די ווינקלען, אונטער די בעטען, און ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועלען זיי זיך ווארפען אויף איהר, זי בעשטראפען. זי האט אנגעהויבען צו בעמערקען זאכען, וואס זי האט ביז איצט נישט געזעהן. אז זי איז געקומען מיט פיליפען צו גאסט האט זי מעהר נישט געקענט הערען זיינע מעשיות. עס האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז אלע וואס ער רעדט איז גראב, אז ער איז אין גאנצען א גראבער־יונג, אז היינט, מארגען וועט ער זי אנהויבען שלעכט צו בעהאנדלען, ווערען אייפערזיכטיג. ווי אלע איטאליענער און איהר צושניידען דעם פנים מיט א ראזיר־מעסער. גאנצע טעג איז זי ארומגעגאנגען און געטראכט ווי אזוי צו „אידישען" דאס קינד. צוערשט האט זי געוואלט עס דערצעהלען פיליפען. דערנאך האט זי בעשלאסען, אז זומער, ווען זי וועט אוועקפאהרען אין די בערג אויף פריי־שע לופט, וועט זי עס לאזען טהאן אהן דעם מאנ'ס וויסען. זי האט געהערט, אז פיעלע איטאליענער זיינען זיך מגייר, ווען זיי האבען חתונה מיט א אידישע מיידלעך, איז ביי איהר אין מוח אויף א רגע ליכטיג געווארען— ווער ווייס? טאמער, ווען זי בעט שטארק פיליפען, פאלט איהם צו די פים, וויינט, זי פועל'ט דאך ביי איהם אלץ, וואלט ער עס אויך געטהאן? דעמאלט וואלט זי פערבעטען צו זיך איהרע טאטע־מאמע... וואס פאר א מאוס'ער מענש זי איז! האט שוין איבער דריי יאהר קיין בריעף זיי נישט געשריבען. די מאמע מוז שוין זיין אלט, אלט פון צרות, האלט מסתמא אין איין וויינען... און דער טאטע? זי האט דערפיהלט ווי עס ווערט איהר ווארעם ביים הארץ, אין האלז שטעלט זיך עפּעס אוועק און די אויגען ווערען פייכט.

אויף א ווייכען דיוואן איז געזעסען די אלטע באבע, געהאלטען אויר־ווינגען אויף דער שוים און איהם עפּעס געזונגען.

מערי האט זיך געטרייסעלט, חשק געהאט צו כאפּען איהר אינגעל, זאגען דער אלטער זי זאל מעהר דא נישט אריינקומען, זאל זיצען אין קיך און זי האט ביי זיך אין געדאנק נאכגעמאכט דער אלטער ווי זי זינגט— קאפּושעטא, שטי־לעטא, מאנ־צעטא, אלטע מכשפה!

זי האט זיך אויפגעזעצט און א געשריי געטהאן:

— אוירווינג, קום נאר אהער!

אוירווינג האט זיך א ריס געטהאן פון דער באבען, זיך א ווארף גע־טהאן דער מוטער אין די ארעמס:

— מא — — מא — — —

די מוטער האט איהם געקושט, געהאלזט און ס׳ערשטע מאל אין יאה־רען האט זי גערעדט צו איהם אידיש:

— מיין זוהנדעל, מיין אברהם׳ל, וועסט פאהרען צום זיידען? האסט אזא שעהנעם זיידען מיט א לאנגע, גרויע באָרד, מיין אברהם׳ל!

אוירווינג האט זיך ווי דערשראקען, אבגעשטופט די מוטער מיט די הענט, נישט פערשטאנען וואס זי רעדט און מיט מורא געקוקט אויף איהר.

— וואס רעדסטו, מא? כ׳פערשטעה נישט...

— האסט ליעב די מא? — האט די מוטער געפרעגט.

אוירווינג האט ארומגעכאפט די מוטער מיט די הענט, מיט די פיס, איהר אויסגעקושט דאס פנים און די מוטער א האלב פערוויינטע האט זיך געקאטשעט מיט איהם אויף דער אטאמאנע, איהם דערצעהלט האלב אין ענגליש, האלב אין אידיש וועגען זיך, וועגען איהרע עלטערען און גייתיהלט בשעת מעשה ווי עס ווערט איהר לייכטער.

# הינטער די קוליסען.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, הער וואלד — האט פידלער, דער טראגיקער פון צייטאג'ס „רוף־גארדען", אן אויסגעפוצטער אין א פראק מיט א בינאקעל אין דער רעכטער האנט, אויפגענומען ביי זיך אין גארדעראבע־צימער א יונגען דראמאטורג און גערעדט פאטעטיש מיט צונויפגעשנירעלטע ליפען, פערגלייזטע אויגען, ווי ער וואלט געשפיעלט אויף דער סצענע — איך האב היינט זעהר א קליינע ראלע, הער וואלד. איך שפיעל אינגאנצען א מינוט פופצעהן אין ערשטען אקט, דערנאך בין איך פריי ביז אין פיערטען. צווישען ערשטען אקט און פיערטען וועלען מיר איבערלייענען, פערשטעהט איהר מיך, אייער ווערק און לויט ווי מען האט מיר איבערגעגעבען דעם אינהאלט, האף איך, אז איך וועל עס אויפפיהרען צו מיין בענעפיט און עס וועט האבען אן ערפאלג.

— וואס שטעהסטו, וואס, צו אלדע יאהר? זיך אוועקגעשטעלט איצט שמועסען... מען דארף דאך דיך אויף דער סצענע! — איז דער מענעדזשער, א קליין דאר מענשעל, מיט א געלבליך פנים און מיט אן אויבערשטער ליפ, וואס האט א טבע זיך צו פעררייסען בשעת אין רעדען, אריין מיט א קוויטש.

— אדיע! — האט פידלער זיך פערנייגט פאר וואלד'ן, געמאכט א מינע ווי ער וואלט געזאגט — עס טהוט מיר זעהר לייד, איהר זעהט דאך אבער, אז ס'פאלק קען מעהר ניט ווארטען — און א צופריעדענער, א בויניגער איז ער ארויס מיט'ן אנטרעפרעניער.

וואלד איז געבליבען אליין. ער איז דאס ערשטע מאל געווען הינטער די קוליסען. צייט ער האט גענומען חלומ'ען צו ווערען א דראמאטורג האט איהם געצויגען אהער. ער האט זיך תמיד פארגעשטעלט אז דארט קומט עפעס מיסטיריעזעס פאר. דאס בלויזעווארט „הינטער די קוליסען" האט פאר איהם געהייסען — שטילע, טונקעלע צימערען, וואו צווישען ווייכע פארטיערען, אויף אויסגעבעטע פאטעלען, זיצען שוישפיעלער, ווי כהנים

פּאר'ן „איבּיגען פייער", ווארטען מען זאָל אויפהויבען דעם פּאַרהאנג און יעדער וועט נעהמען א שטיק פון דעם שרייבּער'ס דראמע, עס איבּער־קאַכען, איבּערלעבּען און עס אונטערטראָגען דעם פּובּליסום אויף זיין. דעם שוישפּיעלערס, שטייגער. און דאָ האָט ער דערזעהן פאר זיך א חורבה. דאָס גארדעראָבּע־צימער איז געווען קליין, מיט אָבּגעריסענע טאַפּעטען. מיט אלערליי פינגער און הענט־פלעקען איבּער די ווענט, וואו די שויי־שפּיעלער האָבּען אָבּגעווישט דעם גרים פון זייערע פּנים'ער. איבּער'ן צימער זיינען געווען צוואוואָרפען אָנגעהויבּענע סלאָיקעס, פלעשלעך, שאכטלעך. עס האָבּען געהאנגען אויסגעריבּענע מלבּושים, צוקנייטשטע צילינדערס, אויסגעצופּטע שטריימלעך, קאַלטענעוואַטע בּערד. אויף א שטוהל מיט א דורכגעלעכערטען געזעם האָט זיך געוואַלגערט א ווייבּער־שער קאָרסעט, א זיידען קלייד מיט גאָלדענע בּלעכלעך און א פּאָר קאָליר־טע זאָקען מיט אויסגעריסענע פינגער. דאָס צימער האָט געשמעקט מיט פּריזירער, מיט איינגעווייקטע וועש און עס האָט אויסגעזעהן ווי אימיצער וואָלט זיך נאָר וואָס אַרויסגעקליבּען און איבּערגעלאָזט אונניצליכע שמאָ־טעס מיט שאכטלעך.

א בּרייט־בּייניגער אָנגעשמירטער אקטיאָר, מיט א פּאָר שארפע אוי־גען, ווי בּיי א פיהרער פון א מערדער־בּאנדע און מיט עפּעס רוצח'ישעס אין גאנצען פּנים, איז אריין אין צימער, עטליכע מאָל פערבּייגעלאָפען וואָלד'ן, איהם ניט בּעמערקט, געשאָלטען דעם סופליאָר און גענומען פון זיך אראָפּוּוארפען די קליידער. מיט פערקאָשערטע ארבּעל האָט ער זיך אָוועקגע־שטעלט בּיים „סינק", גענומען אָבּוואשען דאָס שמירעכץ, געריבּען מיט בּיידע הענט די בּאקען, זיך געווישט, און געבּליבּען שטעהן פאר'ן שפּיגעל מיט אן עלטער, צוקנייטשטן פּנים, בּלוי ווי א מילץ. ער איז צוגעגאנגען צו וואָלד'ען און זיך קוים פערנייגט:

— כ'האָבּע די עהרע... דער קאָמיקער אָלעק וואכטעל!

— זעהר אנגענעהם — האָט זיך וואָלד עטוואָס אונטערגעהויבּען און איהם איז איינגעפאלען, אז די ווייסע פלעקען וואָס זיינען געבּליבּען אין די קנייטשען אויפ'ן אקטיאָר'ס פּנים, זעהען אויס ווי צוקרישעלטע שטיקלעך קאַלך אין די שפּאַלטען פון אן אלטער געבּיידע.

דער קאָמיקער האָט גערעדט גיך און אָבּגעהאקט, ווי ער וואָלט בּיז־לעבּוויז אויסגעשאָטען אַלץ וואָס ער האָט געהאט צו זאָגען, זיך גע־

שמירט בשעת מעשה דאס פנים מיט גליצעריין און געמאכט אזעלכע גרי־מאסען, אז וואלד האט ניט־ווילענדיג געמוזט שמייכלען.

א אידענע, ברייט ווי א פעסטונג איז אריין, גענומען זוכען אין אלע ווינקלען, אנגעווארפענדיג אין א בארג קליידער, שאכטלעך, זיי צוריק צו־ווארפען און געפאנפעט אונטער דער נאז:

— אן ארדנונג ביי אונז אין טעאטער, אזא מזל אויף צייטאנג׳ען!

— וואס איז דער מעהר, מיס פריוועס? וואס זוכט איהר? — האט דער קאמיקער זי געפרעגט.

— אן אנשיקעניש — האט זיך די אידענע געקאכט — אז דא ווערט אלץ פערפאלען פון אונטער דער האנט! כ׳דארף ארויסטרעטען און כ׳האב ניט דאס שייטעל!

— אט הענגט עס דאך! — האט דער קאמיקער איהר אנגעוויזען אויף דער וואנט.

די אידענע האט א כאפ געטהאן דאס שייטעל, עס אנגעטהאן, פער־שייט א וואונק געטהאן צום קאמיקער און איז ארויס.

— אויך א שוישפיעלערין? — האט וואלד געפרעגט.

— יא וואהל — האט דער קאמיקער געשמייכעלט — שפיעלט אויס־געצייכענט מוטער־ראלען און דער עיקר זי איז נאך צום האבען!

— איצט בין איך פריי — איז דער טראגיקער אריין אין צימער און גענומען אויסטהאן דעם פראק.

דאס איז געווען א שווארץ־חנ׳עוודיגער יונגער מאן, מיט א מאט בעוועגליך פנים, לענגליכע האר, פון די יונגע לייט וואס דערמאנען אן א שווארצען־קינסטלער וואס קען „חכמת היד״ און אין וועמען יונגע מיידלעך פערליעבען זיך פון ערשטען קוק.

פיעדלער האט זיך געהאלטען פאר איינעם פון די בעסטע אידישע שוישפיעלער, געווען בייז וואס די גרויסע טעאטערע אגאנזשירען איהם ניט, זיך געקלאגט, אז ער פטר׳ט זיין טאלאנט, מוז שפיעלען פאר א פינס־טערע מאסע, וואס האט קיין אהנונג וואס הייסט טעאטער, גיב איהר קופלעטלעך, באלאגאן, א טענצעל, אבער פון אמת׳ער דראמע וויל זי ניט הערען און תמיד געסטראשעט, אז ער וועט אוועקגעהן צו די גוים. איצט, צו זיין בענעפיט האט ער בעשלאסען אויפצוטרעטען אין א מאדערנער דראמא, וועט פערבעטען די „סטארס״ פון די גרויסע טעאטערס און זא־

לען זיי זעהן, ווי ער, פיעדלער, דער אמת'ער טראגיקער, מוז שפיעלען באלאגאן אויף א „רוף־גארדען", ווען ביי זיי שפיעלען „פורצעס".

א האלב־אויסגעטוענער, מיט א האנדטוך אויפ'ן קארק האט פיע־לער זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל רייטענדיג, מיט'ן פנים צום וועג־טעל, געמאכט אן ערנסטע מינע און שטיל געזאגט צו וואלד'ן:

— איהר קענט אנהויבען.

— ס'פאסט דיר שוין ניט פארצושטעלען א קאלעגא, הא? — האט דער קאמיקער אן איבערגעטוענער, ארייגעמאכט די הענט אין די הויזען־קעשענעס, זיך געבויגען פון איין פוס אויפ'ן צווייטען, געשאקעלט מיט'ן קאפ און גערעדט צו פידלער'ן — דו פרא אדם, דו!

— שאראפ, כ'האב געמיינט איהר קענט אייך — האט פידלער זיך פערענטפערט, און איהם פארגעשטעלט פאר וואלד'ן — דאס איז אונזער קאמיקער, מיסטער וואכטעל, שרייבט אויך אמאל, פערפאסט קופלעטען... און דאס — האט ער געוויזען אויף וואלד'ן — איז א יונגער דראמאטורג מר. וואלד. ביזט צופריעדען? נו, איצט, באיעלע, פאק זיך!

דער קאמיקער האט אנגעטהאן דעם קאפעלוש אן א זייט, וואוילע־ריש געדרעהט מיט א שטעקעלע, א צופריעדענער אונטערגעפייפט און איז ארויס.

פיעדלער האט רייטענדיג אויף דער שטוהל זיך נעהענטער א רוק גע־טהאן צו וואלד'ען, אנגעשטעלט א פנים מיט א פאר אויגען, ווי ער וואלט זיך געקליבען איהם איינשלינגען און ווארטער א מאך געטהאן מיט דער האנט ער זאל אנהויבען.

וואלד האט געלייענט. פיעדלער האט צוגעשטעלט א האנט צום אוי־ער, עם אנגעשטעלט געגענאיבער וואלד'ס מויל, ווי ער וואלט מורא גע־האט דורכצולאזען א ווארט, און זיך איינגעהערט. ער האט געכאפט התפעלות פון דער ערשטער שורה, געמאכט גרימאסען, ווי ער וואלט שטום מיטגעשפיעלט און מיט אמאל האט ער ארויפגעלעגט אויף וואלד'ן א האנט:

— ענטשולדיגט, מיסטער וואלד, איהר זעהט, דעם איטאליענער ייאלט מען אזוי גערארפט שפיעלען!

פיעדלער איז אויפגעשפרונגען, אראבגערוקט דעם קעפ איבער די

אויגען, אנגעשטעלט די שווארצע אויגען ווי עגבערס, אויסגעצויגען די גאמבע און גענומען „עקטען". ער האט גערעדט גיך, גענדיגט יעדעס ווארט מיט „טא", עס זאל קלינגען איטאליעניש, געארבייט מיט די הענט, געבלעזילט מיט׳ן מויל און אזוי הנאה געהאט פון׳ם אייגענעם שפיעלען, אז ער האט פערגעסען אויפצוהערען.

א זעכצעהן יעהריג מיידעל האט ארייגעשטעקט דעם קאפ, זיך ארומ־געקוקט, פאמעלעך אריין, האלטענדיג מיט צוויי פינגער די זוים פון איהר קורץ קלייד און זיך פערנייגט מיט א שמייכעל, מעשה וואדעוויל אקטריסע.

— שפיעלט, שפיעלט מיסטער פיעדלער, כ׳וועל אייך ניט שטערען — און זי איז ארוים מיט א געלעכטער.

— אה, עליזאבעטה, דארלינג, ווי געהט׳ס? — האט פיעדלער אויס־געשריען, גענומען לויפען נאכ׳ן מיידעל, געבליבען מיט אמאל שטעהן ביי דער טהיר, ווי ער וואלט זיך אן עפעס דערמאהנט, צוגעגאנגען צו וואלד׳ען, איהם ווייך ארומגענומען און לייכט געקלאפט איבער דער פלייצע, — איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, הערר וואלד, כ׳קום באלד אריין... איין רגע... איהר ווייסט דאך, מיר קינסטלער, הא, הא, הא!

וואלד איז געבליבען זיצען מיט דער דראמע אין האנט. ער האט ניט געקענט הערען פיעדלער׳ס געלעכטער, וואס האט זיך געטראגען פון די טרעפען, געפיהלט אן עקעל און אויסגעשפיגען. עס איז מיט אמאל שטיל געווארען. וואלד האט זיך איינגעהערט, געמיינט ביים קלענסטען שארך, אז פיעדלער קומט א.ז זיך געפיהלט בעליידיגט וואס ער לייענט פאר אזא „פורצע" זיין דראמא און ס׳האט איהם באנג געטהאן צו וואס ער איז איינגאנצען אהער געקומען. איהם איז נמאס געווארען צו ווארטען. ער האט איינגעפאקט די דראמא, זיך אויפגעשטעלט און בעשלאסען, אז אויב אפילו פיעדלער וועט איצט אריינקומען, וועט ער פאר איהם מעהר ניט לייענען. ער האט בעמערקט אויף די וועגט פאטאגראפיעס. אויף איינע איז געווען ארויבגענומען אן אלטער איד, מיט א לאנגער קאלטענוואטער בארד, ווי ער האט געהאלטען א לאנגען מעסער און עס געשליפט. עס איז געשטאנען אונטערגעשריבען — אייזעק פיעדלער אין דער ראלע אלס שיילאק. ארום דעם בילד אויף דער וואנט זיינען געווען אנגעשריבען קופלעטען, וואו יעדער האט זיך גענדיגט — ווייל איך בין אן עקטער.

וואלד האט ארויסגענומען א בליישטיפט אונטערגעשריבען אונטער שיילאקען — ווייל איך בין א „פורצע" — און איז ארויס פון צימער. ער איז געגאנגען איבער דער אייזערנער טרעפ, וואס האט געפיהרט אין גאס אריין און זיך אונטערגעברומט:

— ווייל איך בין א „פורצע"!

# אַ געוועהנליכע געשיכטע.

ארום האלבע נאכט איז אין זאַל געוואָרען שיטערער. פאַרלעך זייענען אוועקגעגאנגען, אנדערע זיינען געשטאַנען אַנגעטוענע — די קאפּעליושען אויף א זייט, די פאַלטענעס ארויפגעוואָרפען אויף די אַקסלען, אין די לאַצען די צוקנייטשטע בלומען. יונגע לייט האַבען געפלירטעוועט מיט דאמען, וועלכע זיינען ניט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, זיך געשאַרט און געבויגען פון איין פוס אויפ'ן צווייטען, געריצט מיט די ־דעקאַלטעס און אויפגערוימטע געוואַרט ארייננצוכאַפּען נאָך א טאַנץ.

פון די קאָלירטע קליידער, פּערפיומען, פּודערס, פון די פינקעלדיגע אויגען, צופּאטעלטע פריזורען און פון דעם יוינאָז־אָרקעסטער איז אין זאַל געשטאַנען א טויבקייט, זיך געטראָגען איבער די קעפּ ווי אַ שטויביגער נעבעל און געקרעלט אין האַלז.—

די מוזיקאנטען שלעפעריגע האַבען אויפגעהערט שפּיעלען, זיך פון מאָל צו מאָל דערמאַהנט אז דאָס פּובליקום וואַרט, האַבען זיי מיעדע צוגעלעגט די פיעדלען צו די גאָמבעס און א „טו־סטעפּ„ האַט זיך צום הונדערטען מאָל געשאַטען איבער'ן זאַל.

דער איבערגעבליבענער עולם האַט זיך ארומגעקוקט, אין די אויגען האַט זיך אויפגעכאַפּט א פלעמיל, ווי ביי א פייעריל ווען עם האַלט ביים אויסגעהן, טייל האַבען געכאַפּט זייערע דאמען, געשוואומען איבער דער גליטשיגער פּאַדלאָגע, אנדערע האַבען זיך געהויבען שטעהענדיגערהייט.

פון גאַרדעראָבע־צימער איז יעדער ווײלע אַנגעקומען אז אנדער יונגערמאַן, בעלאָדען מיט א ווייבערשען מאנטעל און קאפּעליוש, געבליבען שטעהן, געזוכט אין שטויביגען נעבעל זיין דאמע, זיך וואוילעריש א לאָז געטהאָן מיט א גליטש איבער'ן זאַל און איהר אונטערגעטראָגען מיט א בויג די זאכען.

אין א זייט, ביי א טישעל איז געזעסען סטעלא, נאָך א יונגע שווי־

שפּיעלעריין, און געטרונקען מיט שרייבער און סטודענטען רויטען וויין. די שרייבער האָבען זיך גערוקט נעהענטער צו דער אקטריסע און די סטו־דענטען האָבען זי ארומגערינגעלט, זיך געדרעהט ארום איהר, ווי פליע־גלעך ארום א פלאַם. די שרייבער האָבען געקושט איהרע הענט, געהויבען די גלעזער פאר איהר געזונט און זי, א צושטראהלטע, א צופלאַמטע פון וויין, פון קאָמפּלימענטען האָט געענטפערט ווענען מיט אן אויג, ווע־מען מיט דער דעקאָלטע און ווענען מיט דער זיידענער הענטשקע אי־בער'ן פּנים.

שאפּס, א יונגער, רייכער סטודענט, איז געשטאַנען די גאנצע צייט, און אויג ניט אראַבגעלאָזט פון דער אקטריסע, זיך געפיהלט בעליידיגט פאר זיינע חברים, ווי זיי פיהרען זיך אויף און אין דערזעלבער צייט זיי מקנא געווען. דער וויין האָט איהם אביסעל צושרויפט, איז ער געשטאַנען מיט צופלאַמטע אויגען, ציטערדיגע נאָז־פליגעל, געקוקט אויף איהר הוי־בען, ווייסען האלז, אויף איהרע גלאַטיגע כמעט דורכזיכטיגע הענט, אויף די בלאָנדע, צופּאַטעלטע האָר, וואָס זיינען געפאַלען איבער די אויערען און געפיהלט אן אנגענעהמע ווארימקייט.

סטעלא האָט זיך אויפגעשטעלט.

— איהר געהט שוין? — האָבען עטליכע שטימען מיט אמאָל זי געפרעגט.

— כ'געה, ס'איז שפּעט.

זי איז דורך דעם זאַל מיט א שמייכעל, זיך לייכט און פויל געבוי־גען פון איין זייט אויף דער צווייטער, געשטעלט געמאָסטענע טריט ווי א טויב און אז זי האָט בעמערקט ווי א פּאָר אויגען קוקען אויף איהר, איז איהר טראַט אינסטינקטיוו געוואָרען ווייכער, די בעוועגונגען שנעלער, בוי־גיגער און פון א טויב איז זי פערוואנדעלט געוואָרען אין א קאַץ.

די שרייבער מיט די סטודענטען זיינען נאָכגעגאנגען, געהיט איהר יעדע בעוועגונג, ווי זיי וואָלטען געוואָרט אויף א בעפעהל.

זי האָט זיך איינגעדרעהט, געגעבען שאפּסען א בלעכענעם נומער ער זאָל ארויסנעהמען איהרע זאכען און זיס א שמייכעל געטהאַן:

— איהר וואונט דאָך מיט מיר אין שכנות, קומט!

אין א ווייל ארום איז זי שוין געשטאַנען אן אנגעטוענע, מיט א

מאך מיט דער הענטשקע זיך געזעגענט מיט די בעקאנטע, גענומען שאפט'ען אונטער'ן ארעם און ארויס.

די נאכט איז געווען א פראסטיגע. שטומע זיינען זיי געגאנגען איי־בער די לעדיגע גאסען, די קעפּ פעררייסען און יעדער, ווער עס איז זיי אנטקעגען געקומען, האט זיך אבגעשטעלט, זיי נאכגעקוקט און געטראכט, אז דאס איז א פערליעבט פּארעל.

שאפט איז געווען גליקליך. ער האט סטעלא'ן ווייניג געקענט, גע־פיהלט אז זי בעמערקט איהם נישט, און דא, מיט אמאל, האט זי איהם אויסגעקליבען פון גאנצען „באנטש", ער זאל זי אבפיהרען. ער האט גע־קלערט ווי צו פערפיהרען א שמועס, אנצוהויבען פון וועטער איז באנאל, מען דארף זיין אריגינעל, און פונדעסטוועגען האט ער אנגעהויבען פון וועטער, און איז רויט געווארען. זי האט עפּעס געענטפערט און שטומע האבען זיי ווייטער געשפּאנט, פיהלענדיג איינער דעם צווייטען נעבען זיך.

— אט דא וואוין איך! — האט סטעלא ארויסגענומען די האנט פון שאפט'ס ארעם, געטאנצט פון איין פוס אויפ'ן צווייטען, זיך געקלאפּט מיט דער האנט איבער'ן מויל — קאלט!

זיי האבען זיך געדריקט די הענט, שוין געוואלט זיך צוגעהן, האט זי א שמייכעל געטהאן:

— איהר וועט אפשר ארויפגעהן?

— כ'וויים... אויב ס'איז ניט שפּעט?

— נא, מיינע שלאפען שוין, קומט ארויף, מען וועט מאכען א גלעז־זעל טהעע, גוט?

זי האט אויפגעשלאסען די טהיר.

— פאלט ניט, ס'איז פינסטער, איבריגענס, גיט מיר א האנט, אט אזוי!

מיט א פערכאפּטען אטעם האט שאפט זיך געלאזט פיהרען, געפיהלט איהר ווארעמע האנט און געווען צומישט פון פרייד. אויפ'ן צווייטען שטאק האט זי זיך אבגעשטעלט:

— און אפשר טאקע צו שפּעט, ווי זאגט איהר?

שאפט האט זיך פערלוירען, געפיהלט ווי ער ווערט רויט און עפּעס געשטאמעלט.

— צום טייפעל! — האט סטעלא זיך צולאכט — וואס מיר עטי־

קעטע, קומט, מיר וועלען טרינקען א הייס גלעזעל טהעע, אז סא׳יז מיר אזוי קאלט!

זי האט צועפענט דאס מויל און גענומען קלאפען מיט די ווייסע צייהן ווי מיט שנירען פעריל.

— און האניג האט איהר ליעב? איך וועל אייך געבען ברויט מיט האניג, גוט?

אויפ׳ן פינפטען שטאק זיינען זיי שטעהן געבליבען. זי האט לאנג געשלאסען די טהיר, איהם שטיל אריינגעפיהרט, געלאזט שטעהן אין דער פינסטער און אליין איז זי פערשוואונדען. איידער שאפט האט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען איז סטעלא צוריק אריין און אנגעצונדען די גאז. זי האט זיך שוין געהאט איבערגעטהאן — געטראגען א „קימאנע" פון רויטען סאמעט. זי האט איהם דערלאנגט אן אלבאם און שטיל געזאגט:

— בעקוקט דערווייל די בילדער און איך וועל מאכען טהעע.

שאפט האט געמישט דעם אלבאם, גאר ניט געזעהן, געפיהלט ווי דאס הארץ קלאפט, געציטערט און זיך ארומגעקוקט.

דאס צימער האט אויסגעזעהן ווי מען וואלט זיך געהאלטען פון דארט ביים ארויסקלייבען. אויף די ווענט און אויף די שטוהלען האבען געהאנגען קליידער, אין מיטען צימער איז געשטאנען א צועפענטער „טראנק" און די לופט איז פול געוועזען מיט׳ן ריח פון פוידער און אדעקאלאן.

סטעלא איז אריין מיט צוויי גלעזער טהעע, מיט צוויי פליטשען ברויט בעשמירט מיט האניג. זי האט זיך אויסגעצויגען אויף א לעדערנע אטא־מאנע וואס איז געשטאנען אין א ווינקעל, בעהאלטען די פיס הינטער זיך, געקייעט דאס ברויט און א פרעג געטהאן שאפט׳ען:

— נו, ווי שמעקט אייך דער האניג?

און איידער שאפט האט צייט געהאט צו ענטפערען איין פראגע, האט סטעלא איהם געפרעגט צעהן נייע. געוויזען מיט דער האנט נעבען זיך:

— זעצט אייך!

שאפט האט זיך אוועקגעזעצט.

— רוקט אייך צו נעהענטער! ווי ער שעמט זיך, אסור א מיידעל, הא, הא, הא! נעהענטער, אט אזוי...

זי האט א הויב געטהאן די ווייסע, דורכזיכטיגע האנט מיט די

לענגליכע פינגער, א בליץ געטהאן מיט טראפענס פייער און מיט די פוכלע, ווי קישעלעך, שפיצען פינגער, האט זי שאפטען קוים אנגעריהרט פאר א האנט:

— אצינד, מיין באי, דערצעהל מיר וועגען זיך, דערצעהל וועגען דיינע ליעבעס... דו גוסטירסט אודאי אין א ברונעטקע, ביזט דאך א בלאנדער, דערצעהל, כ'וויל אלץ וויסען...

סטעלא האט איהם געגלעט איבער דער האנט, איבער'ן פנים, איבער די האר, געבלענדט מיט די בריליאנטען, האט שאפט געפיהלט, ווי עפעס פלאצט אין איהם, בריהט, ווי די פלעמליך פון איהרע פינגער וואלטען איהם ארומגענומען.

— און מיך האסטו ליעב, כ'בין דאך א בלאנדע? — האט זיך סטעלא געפיעשטשעט — וואס קוקסטו אויף דער וואנט? שעהמסט זיך? מיין חסיד'ל!

זי האט זיך מיט אמאל אויפגעזעצט, אריינגעלאזט די פינגער אין זיינע קוטשמעס, זיך אבגערוקט ווי ווייט די הענט האבען איהר ערלויבט, איהם דורכגעעגבערט מיט די אויגען:

— האסט מיך ליעב?

ווי פון אונטער דער ערד ארויס איז אויסגעוואקסען אן עלטערער איד אין א טלית קטן, מיט א יארמולקע אויף'ן גאלען קאפ, גלייכגילטיג געקוקט אויף'ן פארעל, ווי אויף א שטיקעל מעבעל און זיך צוגענעצט.

סטעלא האט זיך א ריס געטהאן פון שאפט'ס הענט און זיך צובייזערט אויף'ן טאטען:

— טאטע, וואס געהסטו ניט שלאפען?

דער אלטער האט ניט געענטפערט, ווי מען וואלט איהם ניט געמיינט, זיך געוואשען די הענט, הויך געזאגט „אשר יצר", אבגעזיפצט און פערשוואונדען.

א בויגיגע איז סטעלא צוגעגאנגען צו דער טהיר, זי עטוואס געעפענט און זיך איינגעהערט. זי האט מעהר ארויפגעדרעהט די גאז, געכאפט א קוק אין שפיגעל און א צושטראהלטע האט זי מיט אמאל ארומגעכאפט שאפט'ס קאפ מיט ביידע הענט, אויסגעשריען: „נא, איהם געטהאן א קוש און אבגעשפרונגען.

שאפט האט געפיהלט ווי דאס קדחת ווארפט איהם, איז ער אויפ־

געשפּרונגען, אראָבגעדרעהט די גאָז און זיך גענומען יאָגען נאָך סטעלא׳ן.

— וואָס טהוט איהר? דרעהט צוריק ארויף! — האָט סטעלא איהם געגראָזשעט מיט א פינגער.

זיי האָבען זיך גענומען האמפּערען און אין שטוב איז געוואָרען פינסטער.

אין א ווײַלע ארום איז סטעלא געזעסען מיט צולאָזטע האָר, דעם קאָפּ אראָבגעלאָזט און זיך געווישט די אויגען.

שאָפּט איז געשטאַנען פאר איהר אויף די קניהען. זיך געפּיהלט שול־דיג. ער האָט איהר געקושט די הענט, די פיס, זי געהאַלטען אין איין איבערבעטען.

— נו. וויין ניט, סטעלא, כ׳בעט דיך!

סטעלא האָט ניט געענטפערט, איהם אַנגעקוקט א רגע מיט די פער־וויינטע אויגען און זיך שטיל צוהעשעט. שאָפּט האָט ניט געקענט הערען ווי זי וויינט, פערביסען די ליפּען, זיך געקנאַקט די פינגער און זיך גע־בעטען ביי איהר:

— טאָ וואָס ווילסטו, זאָג? אז כ׳בין אויף אלעם גרייט, אבי וויין ניט! וואָס שווייגסטו?

ער האָט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהר, אַנגעשפּארט איהר קאָפּ אָן זיין ברוסט, איהר געווישט די טרעהרען:

— נו, בערוהיג דיך!

— האָסט מיך ליעב? — האָט סטעלא איהם געוויספּערט אויפ׳ן אויער — שטארק ליעב?

— אודאי האָב איך דיך ליעב!

— דו ווייסט, מיט מיר איז נאָך קיינער אזוי נאָהענט ניט געווען? דו ביזט דער ערשטער... ווייל כ׳האָב דיר געגלויבט... ביזט אזא שטילער, מיט אזא ליידענד פּנים... און כאָטש פרויען גלייכען ניט אזעלכע... האָסטו מיך ליעב, זאָג? זעהסט, איך האָב דיר געגלויבט... כ׳האָב פון ערשטען קוק געזעהן אז דו ביזט אנדערש ווי דיינע קאָלעגען... מיין שעמעוודיגער בחור, עס וועט אזוי גוט זיין! וואָס ביזטו אומעטיג? ביי מיר וועסטו תמיד זיין פרעהליך! דיינע עלטערען וועלען זיין דאַגעגען? וועל איך ווע־רען אוים שוישפּיעלערין...

שפּעט ביינאכט איז שאפּט אַרוים אויף דער גאס. ער האָט זיך איינ־געקאָרטשעט, אראָבגערוקט דעם קאַפּעליוש איבער די אויגען און פעסט געשפּאנט. א טרוקענער שנעע האָט געשטאָכען אין פּנים. די קעלט האָט איהם דורכגענומען, אויסגעלופטערט, האָט ער גענומען געהן פּאמעליכער און זיך צושמייכעלט. דער גאנצער עסק איז איהם אויסגעקומען עפּעס ווי א טעאטער־שטיק.

# משה ליגנער.

אַ זייגער צוועלף ביינאַכט איז דער רומענישער וויין־קעלער געווען געפּאַקט. ארום די טישלעך זיינען געזעסען רומענישע אידען מיט ווייבער, יונגעלייט מיט מיידלעך, געקנאַקט געבאַקענע מאַנדלען, געדרויכערט און הנאה געהאַט פון אַ „היימיש“ גלעזיל וויין. דער בעל־הבית, אַ הויכער, אַ דאַרער מיט עטליכע האָר, ווי צוגעקלעפּטע, אויף דעם נאַקעטען קאָפּ, איז גראַציעז געזעסען ביי אַ שפּיעלקאַסטען, געשאַרט מיט אַ האָלצערנעם האַמער און מיט די פינגער איבער מעטאַלענע סטרונעס און אויסגע־שפּיעלט האַלב אומעטיגע רומענישע פאָלקס־נגונים. דאָס פּובליקום האָט שטיל מיטגעזונגען, צוגעקלאַפּט מיט די פיס צום טאַקט. פון מאָל צו מאָל איז אַרויס אַ פּאָרעל פון אונטער אַ טישעל. דער עולם האָט געמאַכט פּלאַץ און דאָס פּאָרעל האָט זיך פויל געשאַרט, ווי ס׳וואָלט געשטאַנען אויף איין אָרט, און גערייצט מיט יעדען קעהר, מיט יעדען בויג. אַ גאַסען־זינגער איז געגאַנגען פון טיש צו טיש. ער האָט זיך אָבגעשטעלט ביי אַ טישעל פעטע ווייבער מיט אויסגעבלויזטע גוידערס. די ווייבער זיינען געזעסען מיט עטוואָס צושפּרייטע פיס, געהאַלטען אין די שויסען מאַנדלען, זיי געוואָר־פען אין די מיילער אריין, געקנאַקט און אויסגעשפּיגען די שאָלען אויף דער פּאָדלאָגע. זיי האָבען זיך געהאַלטען פאַר די זייטען פונ׳ם זינגערס פּיקאַנטע קופּלעטען, געוואונקען צו אַן עלטערען, פּליכעוואַטען מאַן מיט שמאָלציגע, פערלאָפּענע אויגען, וואָס איז געזעסען מיט זיי און האָבען פערשייט מיטגעזונגען:

— אוי, אַ באָמ־בע, אוי אַ באָמ־בע!...

ביים „רעדזשיסטער“ איז געזעסען די בעל־הבית׳טע, אַ פעטע אַי־דענע מיט אַ פּאָר קעצישע אויגען, איבער אַ שיסעל גראַשיצע, פויל גע־קייעט און געדרעמעלט.

פון די פעטע ווייבער, פון שפּיעל־קאַסטען, פון די עלעקטרישע לאָמ־פּען און פון די געפּרעגעלטע פליישען, האָט זיך געטראָגען איבער׳ן קע־

לער א געשריי, וואָס האָט פערטויבט, גערייצט, געמאַכט טרוקען אין האלז — האָט מען בעשטעלט עכטען, היימישען וויין.

---

משה „ליגנער“ איז געזעסען אין א ווינקעל. ער האָט געטראָגען דעם שטייפען הוט וואוילעריש, אויפ׳ן רעכטען אויער דעם גלאַנציגען, אויסגעריבענעם פּרינץ־אַלבערט פּערקנעפּעלט, די געשטרייפטע הויזען אויסגעפּרעסט. צווישען די פינגער האָט ער געהאַלטען א שטעקעל, עס גערעהט און צוגעפּייפט. ער האָט זיך יעדע ווײַלע א כאַפּ געטהאָן פאר דער פערפלאָמטער נאָז, וואָס איז געווען בלוילעך ביים שפּיץ, ווי דער פלאָם פון אלקאָהאָל.

משה איז געווען א תושב אין רומענישען ווײַן־קעלער. דאָ האָט ער פערבראַכט גאַנצע טעג, אויסגעקוקט א „העכטיל“, וואָס זאָל שטעלען ווײַן, אָדער רופען אָבעסען. און די העכטלעך האָט ער דערטאַפּט צווישען נייע געסט, גרינע אידען און שרייבער. אז ער האָט דערטאַפּט א שרייבער האָט ער גאָר אָבגעלעבט. ער האָט געוואוסט, אז פון אזא שמועס וועט אין קעשענע קיין מזומן ניט בלייבען, עס וועט אפילו קיין גלעזעל ווײַן אויך ניט זיין, דערפאר האָט איהם הנאה געטהאָן וואָס מען פערשטעהט איהם, וואָס ער רעדט זיך אָב ס׳הארץ פאר א קאָלעגע. ער האָט דערצעהלט ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מעשיות, זיך געמאַכט אַלטפרענקיש, תמ׳עוואַטע, אָפט געוויינט. ער איז גיך אריין אין דער ראָלע, זיך פערגעסען, אליין גענומען גלויבען אין דעם אלעם וואָס ער האָט דערצעהלט און אז דער שרייבער איז געבליבען זיצען א פערגאַפטער, האָט ער א גליקליכער ארויפגעלעגט אויף איהם א האנט, מיט די פינגער פון דער צווייטער זיך געקלאַפּט אין הארץ און געלאַכט:

— און איהר טראַכט דאָך מסתמא ווי אָנצוהויבען א נייע ערצעהלונג מיט אָט דעם משה׳ן אלס הויפּט־העלד, הא, הא, הא!

אז ער האָט דערטאַפּט א גרינעם, האָט ער איהם ראשית אָנגעהאַקט א קאָפּ, ווי ליכט עס איז אין אמעריקא רייך צו ווערען. ער האָט איהם בעוויזען מיט אותות ומופתים, ווי אלע זיינע לאַנדסלייט — היימישע שוסטערס, בעלי־עגלות זיינען דאָ עשירים. און אז ער האָט דערפיהלט ווי דאָס אידעל פערגעסט זיך און חלומ׳ט שוין מסתמא וועגען „ווײַס איך וואָס“ — האָט ער איהם גענומען דערצעהלען, אזוי, אז דעם אידעל

האט פערפעהלט אטעם, ווי ער, משה, איז אמאל אן עושר געווען, וואס פאר א גאלדענע צויטען האבען זיך איהם נאכגעהאנגען, און ווי זיין שותף, א ליטוואק, ימח־שמו, פון טיעף רוסלאנד, האט איהם בע־גנב'עט, צוגענומען ביי איהם דאס ווייב, פערפיהרט זיין איין־און־אייציגע טאכ־טער און געדעדט אזוי לאנג מיט א פערשטיקט קול און מיט רויטע פער־לאפענע אויגען, ביז דאס אידעל האט רחמנות געקראגען אויף איהם. דער־מאלט איז משה'ן לייכט אנגעקומען ארויסצוקריגען א פאר סענט.

משה האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, געזוכט וואו ער זאל זיך צושארען. כמעט אלע טישלעך זיינען געווען בעזעצט און ביי א געפאקט טישעל וועט מען איהם זעלטען אויסהערען און עס וועט מסתמא תמיד זיין איינער וואס ער קען איהם. דערצו איז דער זיגנער געלאפען, ווי א שד, פון איין טישעל צום צווייטען, זיך געריסען דעם נארגעל און משה האט געפיהלט אז די צייט איז פאר איהם ניט גינסטיג.

נעבען דער טהיר, ביי א קליין טישעל איז געזעסען בעני, א זעקס פוסיגער יונג, און זיך געגאסען פון א קריגעל אין א גלאז ארייז וויין. משה האט זיך געקווייקעלט צי זאל ער צוגעהן. ער האט שוין פון עטליכע טעג, צייט בעני האט זיך בעוויזען אין וויין־קעלער, געווארפען אן אויג אויף איהם. ער האט זיך אבער געשראקען, געוואוסט אז בעני האט „ליג־קע ביזנעס" און אבצושלאגען ביי א מענשען די לונגען איז ביי איהם פונקט אזוי לייכט, ווי אויסצוטרינקען א קריגעל וויין. דערצו איז ער תמיד געזעסען מיט חברים, און וואס מעהר משה האט זיך געשראקען פאר איהם, אלץ שטארקער האט עס איהם געצויגען ער זאל צוגעהן, געווען זי־כער אז אזיב ס'וועט זיך איהם איינגעבען, וועט ער פון דעם יונג ארויס־שלעפען א שעהנע מטבעה, ווייל וואס פאר א בעטרעף האט ביי אזא חברה־מאן געלט?

משה האט זיך אויפגעשטעלט, גלייך געמאכט דעם פרינץ־אלבערט, זיך א טאפ געטהאן ביי דער פערפלאמטער נאז און זיך אוועקגעזעצט נע־בען בעני'ן. דער יונג האט געמאכט פלאץ. משה האט כלומר'שט געננ־מען רופען דעם „וויימער", געווארען באלד אונרוהיג, זיך געשאלטען, גע־שווארען אז זיין פוס וועט דא מעהר ניט איבערטרעטען, אז עס איז א חזר'יש פלאץ — שוין באלד א שעה צייט ווי ער האט בעשטעלט א קרי־געל וויין און מען דערלאנגט ניט.

בעני האט איהם צוגערוקט א לעדיג גלאז, געוויזען מיט דער האנט אויפ'ן קרוגעל:

— נעמט דערווייל א גלאז וויין!

— דאנקע שעהן. סער — האט זיך משה פערנייגט, זיך אנגעגאסען א גלאז וויין, אויסגעטרונקען און בעקומען קוראזש — אין יוראפ וואלט אזא זאך ניט פאסירט! ווען דער לומפ דערלאנגט מיר ניט דעם וויין פלעט איך איהם דעם קאפ! אז דא איז ער א יחסן, בעלאנגט צו א יוניאן און טהו איהם עפעס!

משה האט ארויסגענומען א פארט־סיגאר, אונטערגעטראגען בעני'ן:

— ביטע!

זיי האבען פעררויכערט, געזעסען א ווײלע און ביי משה'ן האט דער מח געארבייט נאכ'ן גלעזעל וויין, געפלאנט ווי נאך ארייצוכאפען דעם יונג, ער זאל ווערען א געפלעווטער.

— אודאי א לאנדסמאן? אז כ'דערקען באלד אן אייער קמץ, א יאסער, הא?

— איהר זייט אויך א יאסער? — האט בעני געשמייכעלט.

— נאך וואס פאר א יאסער, כ'קום פון סאמע „מקום"! — האט משה כמעט ווי אויסגעשריען און באלד אבגעזיפצט — געמוזט אבער אנטלויפען! וואס ווייסט איהר, וואס? אין אלע גרעניץ־שטעדטלעך אויף די באהנהאפען איז געווען מיין בילד און ווי איהר קוקט מיך אן, האט די רעגיערונג צוגעזאגט א סומע געלט יעדען, ווער עס וועט מיך ברענגען א לעבעדיגען!

בעני, וואס האט ביז אהער, כמעט ווי זיך ניט איינגעהערט וואס מען רעדט צו איהם, האט מיט אמאל אנגעשפארטביידע הענט אן טיש, אנגעקוקט משה'ן מיט א פאר דורכדרינגענדע אויגען, אז עס איז איהם אזש קאלט געווארען, און א פראינטערעסירטער געפרעגט:

— וואס הייסט, די רעגיערונג האט צוגעזאגט א סומע געלט?

משה האט געפיהלט אז ער האט שוין איינגעפעדעמט, און געווען זיכער, אז דער העכט וועט זיך שוין אזוי לייכט ניט ארויספלאנטערען פון זיינע הענט.

— דאס איז, מיסטער, אן אינטערעסאנטע געשיכטע — האט משה געצויגען די ווערטער — —געוויס, איז איצט ניט די צייט, ביי א געלע־

גענהייט, מיר וועלען זיך טרעפען נאך אמאל, וועל איך אייך דערצעהלען! אז וואס ווייסט איהר, אפילו דא, אין אמעריקא, בין איך די ערשטע צייט ניט געווען זיכער! רומענישע שפיאנען זיינען מיר נאכגעגאנגען אויף טריט און שריט און כ'האב מורא געהאט מען זאל מיך ניט איבערגעבען דעם רומענישען קאנסול אין די הענט אריין! ווי איהר קוקט מיך אן, האב איך אביסעל דורכגעמאכט אויף מיין לעבען!

דער „וויימער" איז צוגעקומען.

— נאך א קרוגעל וויין — האט בעני געזאגט און זיך געווענדט צו משה'ן — נעהמט עפעס!

משה האט געמיטליך אנגענומען דעם „וויימער" פאר א האנט, איהם געקלאפט איבער דער פלייצע, ווי אן אלטען בעקאנטען, און איהם כמעט אריינגעשריען אין אויער:

— מאך מיר א „סטייק" מיט „פרענטש פאטייטאס", נאר א פריי־שען הערסט, רודאלף!

אין קעלער איז געווארען אלץ לעבעדיגער. דער וויין האט דעם עולם צוגומען, געמאכט פון אלט יונג און פון יונג אלט, האבען עלטערע מענער ארומגענומען יונגע מיידלעך, פערווארפען די גאלע קעפ און הייזעריג בעגלייט דעם שפיעל־קאסטען. אין א ווייטע ארום איז משה געזעסען אי־בער א „סטייק", הנאה געהאט וואס נאך יעדען שניט מיט'ן מעסער טריפט בלוט, פערטרונקען מיט וויין און דערפיהלט ווי די שרייפלעך אין קאפ וואקלען זיך, די צונג ווערט לויזער. ער האט זיך נעהענטער צוגערוקט צו בעני'ן און פאמעטיש איהם איינגערוימט אין אויער:

— און היינט, מיינט איהר, איז בעסער? ס'קאן זיין, אז אפילו איצט, ווען כ'רעד מיט אייך, היטען מיך א פאר אויגען! אז מען קוקט מיר נאך אויף טריט און שריט!

אינסטינקטיוו האט זיך בעני ארומגעקוקט. ער האט א ציטער גע־טהאן. אין א ווינקעל איז געזעסען א מאן אין א געקעסטעלטער קעפ אי־בער א גלאז וויין און פון איהם קיין אויג ניט אראבגעלאזט. בעני איז געווען זיכער, אז עס איז א דעטעקטיוו. ער האט מעהר ניט געקוקט אהינ־צו, זיך געטרייסעלט, געפיהלט ווי די אויגען ברענען איהם אין קארק, שטעכען און געווארט אז יעדער מינוט זאל דער פרעמדער זיך אויפהויי־בען, ארויפלעגען אויף איהם א האנט און איהם ארעסטירען. בעני האט

זיך ניט איינגעהערט וואָס משה האָט גערעדט, בלויז געקלערט ווי זיך אָב־צוטראָגען פון קעלער און מיט אמאָל איז איהם איינגעפאלען, אז ווער ווייסט, טאָמער איז דער פרעמדער, מיט וועלכען ער רעדט אויך א דע־טעקטיוו?

— כ'פרעג אייך — האָט משה אָנגענומען בעני'ן פאַר א האנט— קען זיין עפּעס שרעקליכעס, ווי ס'גאנצע לעבען טראַכטען, אז עמיצער קוקט דיר נאָך? וואָס ציטערט איהר אזוי? ס'איז אייך קאַלט?

— וואָס פאַלט אייך איין? — האָט בעני געשטאַמעלט און בשעת מעשה געטראַכט — ער מיינט מסתמא ער האָט פאַר זיך א יאָלד! נעוועער מיין!

— אז וואו דו שטעלסט נאָר א פוס, — האָט משה איהם פעסטער אָנגענומען — וואו דו טהוסט נאָר א געניץ — ווייסט מען! וואו דו טאָנסט, דאַרט נעכטיגסטו נישט! איהר פערשטעהט? אזוי ליידט א מענש, געהט אוים פון טאָג צו טאָג און קיינעם אַרט ניט!

— זעה נאָר ווי ער מאַכט זיך תמ'עוואַטע, דער „סאָן אָף ע' גאָן". וויל פעררעדען די ציין! אויב ער טשעפּעט זיך ניט אָב פון מיר, ברעך איך איהם הענט און פים! — האָט בעני זיך געטראַכט און געזאָגט — פאַר וואָס זאָל איך ניט פערשטעהן?

— אָט זיצען הונדערטער מענשען — איז משה זיך פערגאַנגען— טרינקען וויין, אמוזירען זיך מיט דאַמען, אין דער היים וואַרטען געוויס אויף זיי ווארימע בעטען און קיינער פון זיי טראַכט ניט, אז איך אין דעם אויסגעטראַנזשירטען פּרינץ־אלבערט, וועל מוזען שלאָפען ערגיץ אין א פּאַרק מיט...

בעני האָט געזעהן ווי דער מאַן אין דעם געקעסטעלטען קעפּ האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען געהן צו זיין טישעל, האָט ער זיך א ריס געטהאָן פון משה'ס האנט, איהם שיעור ניט אראָבגעוואָרפען פון בענקיל, פער־געסען די רעשט וואָס דער „וויטער" האָט איבערגעלאָזט אויפ'ן טישעל און דער זעקס־פוסיגער יונג איז אַרוים פון קעלער ווי א רוח.

# אַ הויז אויף גאָרעק סטריט.

זיי וואוינען אויף גאָרעק סטריט אין צוויי קליינע צימערלעך. די האלב־פינסטערע צימערלעך זיינען אָנגעפּאקט מיט שמאטעס. אָנגע־שטופּע זעק מיט צו־אַטען פּאר שניידערס ליגען ביז אונטער דער סטע־ליע. שוטאש, שפּיצען, קאָלירטע סטענגעס וואלגערן זיך קנוילענווייז, צע־וויקעלטע בענדער הענגען אויף שטריקלעך, וואס ציהען זיך איבער די צי־מערלעך און ביי'ם ערשטען אריינקומען מיינט מען אז דער פּערוואקסע־נער ר' מענדיל, מיט די שווארצע פּאות, ווי געלאַקטע צעפּ, וואס שפּרייזט צווישען די פּיעל־פּארביגע בענדער און מח'ט זיך — איז א כשוף־מאכער.

אויף די שמאטעס זיצט לאה, ר' מענדילס ווייב, א קליינע, אן אויס־געדארטע, גרוע ווי א טויב, מיט אן אָבגעשאָסען שטערען־טיכעל איבער די אויגען און ליינט אויפ'ן קול מיט א תחינה ניגון א דיקען אידישען ראמאן.

צו איהר רעכטער האנט זיצט איהר איינציגע טאָכטער — א בלייך מיידעל, בויגיג ווי א פלאנץ, וואס פערבלאָנדזשעט אמאָל אין א פייכטען, פינסטערען קעלער, שפּראָצט ארויס פון צופוילטע גרינס. זי סאָרטירט פון א זאק ארויס פּערלמוטערנע קנעפּ און א פער'חלום'טע הערט זי זיך איין ווי די מוטער לייענט. צו דער מוטערס לינקער האנט זיצט איהר איינציגער זוהן — א צוועלף יעהריגע קאליקע מיט אויסגעבויגענע פיס ווי פּיילענבויגענס, שמייכעלט אידיאָטיש און ציהט אויף העקעלעך „וויבלעך" אויף טאָוולען.

און עס דאכט זיך, אלע דריי זיינען אויסגעוואקסען פון די שמאטעס, קומען קיינמאָל נישט ארויס פון די פינסטערע צימערלעך און עס איז שווער צו גלויבען אז זיי וואוינען אין שכנות מיט דער ריעזיגער וויל־ליאמסבורג־בריק.

ר' מענדיל נעמט אראָפּ פון א קליינעם גאז־אויוועז א טעפּיל מיט קרופּניק, גיסט אָן אין א שיסעל און עסט מיט ברויט. די לאנגע באָרד

מיט די וואנסען פלאנטערען זיך אין דער שיסעל, לאזען נישט עסען און ער שלינגט גיך, צוקייט נישט, ווי ער וואלט פון עסען קיין הנאה נישט געוואלט האבען. באלד נעמט ער בענשען. ער הילט איין דאס פנים אין דער בארד, און א פערשטיקטער, וויינענדיגער ניגון טראגט זיך איבער דער שטוב.

לאה הערט אויף לייענען, הערט זיך איין ווי דער מאן בענשט און אין קאפ פלאנטערט זיך איהר אז צייט זי האט געבוירען דעם קאליקע, האט מענדיל אין גאנצען זיך דערווייטערט פון איהר. ער האנדעלט ווייניג, זיצט גאנצע טעג און לערענט, ווערט פרומער פון טאג צו טאג און זיי לעבען אין גרויס דחקות. ביי אנ'אנדער מאמע אזא מיידעל וואלט געווען מיט לייטען גלייך, א דערוואקסענע טאכטער, ביז מען דערלעבט עס און דא גארנישט! זי איז שוין מיעד רעדענדיג...

א פערבענקטע קוקט לאה ווי דער מאן שפרייזט שוין ווידער פון איין ווינקעל אין צווייטען און א פערביטערטע פרעגט זי איהם צו'ם הונ־דערטסטען מאל:

— מענדיל, וואס וועט זיין דער תכלית?

— וואס מיינסטו? — שטעלט זיך מענדיל מיט אמאל אפ, טהוט א ווארף מיט'ן קאפ און מיט דער האנט, ווי א פליעג וועלכע ער האט עטלי־כע מאל אוועקגעטריבען, וואלט איהם ווידער א בים געטהאן.

— כ'מיין, לאמיר זיך נישט נארען, פייגעלע איז שוין נישט קיין קינד... געווארען אכצעהן יאהר און דיך הויבט נישט אן צו ארען... ביזט דאכט זיך א טאטע... כ'וויים, אנדערע מיידלעך געהען אויף בעלער, געהען אין א טאנץ־זאל, באקענען זיך מיט יונגע־לייט... אז דו לאזט זי נישט ארויס אויף דער ליכטיגער שיין, דארפסטו זעהען עפיס א תכלית...

פייגעלע ווערט פערפלאמט פון דער מוטערס רייד, ציפט זיך פאר'ן פארטוך און צעוויינט זיך נישט שיעור:

— וואס ווילסטו? אז כ'וויל נישט קיין חתן?

די קאליקע שטעקט דער שוועסטער א פינגער אין פנים אריין, צו־עפענט א מויל און שמשירעט מיט די ציין — כי, כי, כי...

ר' מענדיל, א הויכער, אן איינגעבויגענער, מיט א לאנגער, שוואר־צער בארד ביז איבער'ן גארטעל, מיט א פאר פייערדיגע אויגען וואס קו־קען קיינעם נישט אן, ענטפערט נישט. ער נעמט א זאק מיט „טרימינגס"

אויף די פלייצעס, שטעהט א ווײלע מיט א צועפּענט מויל, ווי ער וואלט זיך געקליבען עפּיס זאגען, טהוט א מאך מיט דער האנט, קושט די מזוזה און געהט ארויס.

---

ר' מענדיל איז אויפגערוימט. ער האט פערקויפט אין די ערשטע צוויי „שעפּער" דעם גאנצען זאק מיט סחורה. ער געהט אין מיטען גאס מיט'ן זעקיל אונטער'ן ארעם און פיהלט אז ס'ועט היינט זיין א מזל־דיגער טאג.

א נידריגער, ברייט־בייניגער איד, מיט דער באָרד אריינגעמאכט אין ווערסטעל אריין, מיט א זעקעל אויף די פּלייצעס שטעלט איהם אָב אין מיטען געהן:

— האלאָ, ר' מענדיל, וואָס מאכט איהר?

— האלאָ, ר' משה, כ'האָב אייך טאקע שוין לאנג נישט געזעהן! כ'האָב געהערט, איהר וואוינט ניט מעהר אין די מקומות, הא?

— צייט מיינע איז מיר געשטאָרבען וואוין איך אין בראָנזוויל.

— און ווי איז מיט פּרנסה?

— מיט פּרנסה, איז געלויבט צו גאָט, הלואי אויף אלע אידען געזאגט, נאָר — טהוט ר' משה זיך א וויש איבער דער באָרד וואָס שטעקט אין בוזעם און זיפצט אָב — שווער, ר' מענדיל, אָהן א ווייב, ניטאָ ווער עס זאָל זיין מיט די קינדער, ס'עלטסטע, פערשטעהט איהר מיך איז צוועלף יאָהר, אמת, א קלוג מיידעל, אבער נאָך אליין א קינד, דאַרף האָבען מען זאָל ביי איהר ארומגעהן. ווען ס'מאכט זיך מיר אזוי א לייטישער שידוך, ר' מענדיל, נאָך געלט שטעה איך ניט, וואָלט איך חתונה געהאט.

— איהר האט דאכט זיך פיער קינדער, זאָלען געזונט זיין, הא?

—— כ'האָב, קיין עין הרע, פיער ערוואקסענע קינדער, ס'איננסטע איז דריי יאָהר אלט. מען קען זיי שיקען א גאנג, אָבוואשען א געשיר... נאָר גאָר ניט, כ'וועל אייך זאָגען ר' מענדיל, אז אמעריקא איז דאך אן אָנגעלאָפענע וועלט און כ'וויים שוין מיט וועם כ'טהו א שידוך? קלעהר איך, איידער צו טאפּען אין דער פינסטער, ווען ס'מאכט זיך מיר אזוי א היימיש מיידעל... כ'וויים...

— ס'וועט זיך מסתמא מאכען — בערוהיגט איהם ר' מענדיל —

פאַר וואָס קומט איהר אַמאָל ניט אַרויף, אַז איהר זייט „דאַון־טאַון״?

— כ׳וועל אייך זאָגען דעם אמת, כ׳האָב די לעצטע טעג זיך טאַקע געקליבען צו אייך, אַז עס קומט אַלץ ניט אויס. איהר וואוינט דאָך אין דערזעלבער דירה?

— יאָ, אויף גאָרעק סטריט, זועט איהר קומען?

— כ׳וועל קומען.

— גוד־באַי!

— גוד־באַי!

— ר׳ מענדיל געהט אין מיטען גאַס פערטיעפט אין רעיונות און קלערט, אַז לאה איז גערעכט — מען דאַרף אַ טראַכט טהאָן וועגען פייגעלען. איהם פאַלט איין אַז מיט משה׳ן וואָלט געווען אַ גוטער שידוך, אַ „טרימינגס־פעדלער״, האָט גוטע קונים און דער עיקר אַן עהרליכער איד, ניט קיין עם־הארץ.

---

אויף די שמאָטעס זיצט לאה מיט דער טאָכטער. פייגעלע האַלט אויף צושפּרייטע הענט אַנגעוויקעלטע טאַשמעס און די מוטער וויקעלט אויס קנוילען. אין אַ זייט זיצט דער קאַליקע, כאַפּט פליגען, האַלט זיי ביים אויער פאַר די פליגעלעך און הערט זיך איין ווי זיי צאַפּלען זיך און זשומען. אין צווייטען חדר ביי אַ נאַפט־לאָמפּ זיצט ר׳ מענדיל און לערענט שטיל מיט אַ טרויריגען ניגון. דאָס שטילע געזאַנג טראָגט זיך איבער די חדרים׳לעך, בלייבט אין די אויערען ווי אַ זשומעריי און סאַ׳יז שווער צו זאָגען צי דאָס קומט פון די געפּייניגטע פליגען, צי פון ר׳ מענדיל׳ס אַר־מעטיגען געזאַנג.

ר׳ משה קומט אַרײַן אין שבת׳דיגען ראָק, געמאַכט פון גלאַנציגער אַלפּאַגע:

— גוט אבענד!

— גוט אבענד! — ענטפערען לאה מיט מענדלען.

לאה לאָזט ליגען דעם קנויל מיט טאַשמעס און שטעלט זיך אויף. פייגעלע בלייבט זיצען אַ רוהיגע, האַלט אויף די צושפּרייטע הענט די אויפגעוויקעלטע טאַשמעס, קוקט אָן ר׳ משה׳ן און רעדט קיין וואָרט ניט. זי ווייסט, אַז דאָס איז איהר חתן — קומט היינט אָבשטעלען די התונה. זי וויל זאָגען אַז זי האָט איהם פיינט, אַז זי וויל ניט אַן אַלטען איד מיט

א „וויסקי“, א טאַטען פון קינדער פאר א מאן, אז... זי נעהמט זיך טרייס־לען, פיהלט אן עקעל צו משה'ס לאנגער באָרד, קריגט פיינט טאטע מאמע און לאָזט אראָב די אויגען.

— זיצט, ר' משה! — רוקט לאה איהם צו א שטוהל.

— זיצט — העלפט ר' מענדיל אונטער, שפרייזט און אויפגערוימ־טער איבער דער שטוב, רייבט א האנט אָן א האנט און ווענדט זיך צו פייגעלען, ווייסט אז זי איז נאָך א קינד, דערצו נאָך אן אמעריקאנער מיידעל, קען מסתמא ניט גוט קיין אידיש — שווייגט זי. ער בעט פיי־געלע זאָל איהם מכבד זיין מיט א גלעזעל טהעע, קוקט איהר אין די אויגען און איז גליקליך.

פייגעלע פיהלט, אז זי איז די אומגליקליכסטע, אז ווי וועט זי זיך ווייזען מיט אזא מאן פאר איהרע חבר'טאָרענס? זי זעצט זיך אוועק אין א ווינקעל און פערגעסט זיך:

זי טרעפט זיך אָפט מיט סידני'ן אויף די טרעפ. ער ווערט העכער און שעהנער פון טאָג צו טאָג. זי האָט בעמערקט, אז ער ראַזירט זיך שוין אויך. צייט זי איז ארויס פון „סקוהל“ האָט זי אויפגעהערט צו רעדען מיט איהם און אז זיי טרעפען זיך אויף די טרעפ, ווערעןביידע רויט און בעגריסען זיך. זי האָט איהם אזוי ליעב, זי וועט איהם היינט זאָגען, אז איהרע עלטערען ווילען זי חתונה מאכען פאר אן אלטען מאן מיט א „וויסקי“... ער וועט זי פון אונטער דער חופה אוועקנעהמען...

די מוטער נעהמט ארום די טאָכטער, קושט איהר אין קאָפּ אריין און פרעגט:

— טאָכטערשי, איצט איז נאָך דאָ צייט, אויב דער שידוך געפעלט דיר ניט, זאָג, כ'וויל דיך ניט נויטען!

— געוויס, געוויס — כאַפּט אונטער ר' משה — צועפּענט בשעת מעשה א פּאָר אויגען, ציטערט אין גאנצען ס'זאָל דעם מיידעל אמאָל א פארישקייט ניט אריין אין קאָפּ.

פייגעלע ענטפערט ניט, צעוויינט זיך.

— *א יונג מיידעל, שעהמט זיך* — האָב אויך געוויינט, פטור!

זיי זיצען ביז שפּעט אין אָבענד, שמועסען וועגען היימישע זאכען און ביים אוועקגעהן שטעלט מען אָב די חתונה. ר' משה געהט א היים א גליקליכער. דער קאַליקע כאפט נאָך אלץ פליעגען, מאַטערט זיי און די

פּליגען צאַפּלען זיך, זשומען. דער פּאַטער פּערטיעפּט זיך צוריק אין אַ ספר, צוזינגט זיך שטילער און טרויריגער ווי פריהער. די מוטער, אַ קליי־נע, אַ גרויע, שאַרט זיך צו דער טאַכטער, ווי זי וואָלט זיך געפיהלט שולדיג קעגען איהר, נעהמט זי אַרום און אַ שטומע ווישט זי זיך די אוי־גען אָן פייגעלעס ווייכען האַלז.

דאָס שטילע געזאַנג טראָגט זיך איבער די חדרים׳לעך, בלייבט אין די אויערען ווי אַ זשומעריי און ס׳איז שווער צו זאָגען צי עס קומט פון די געפיינינגטע פליעגען, צי פון ר׳ מענדיל׳ס צוואָועהטאָגטען געזאַנג.

# א משומדת.

דוד האלצמאן, א צוואנציג יעהריגער בחור, איז געזעססען א צוטראַ־גענער ביים אָפּענעם פענסטער פון וואגאן, געקוקט אויף די האלב־ווילדע פעלדער, דורכגעשניטענע מיט וואסערען, מיט שטיקלעך וואלד, וואס זיי־נען, דאכט זיך, געלאָפען אויף צוריק און געטראכט צי די מוטער וועט איהם דערקענען. ער איז געפאָהרען נאָך איהר אין די קעטסקיל־בערג, וואו זי האָט געוואוינט אויף א פארם. אז די מוטער איז אוועק, איז דוד נאָך קיין פיער יאָהר ניט אלט געוועזען. ער האָט בלויז געדענקט, ווי איין מאָל א פארנאכט, ווען ער איז געלעגען אין בעטעל, איז די מוטער אריינ־געקומען, איהם גענומען האלזען, קושען, אנגעזאָגט צו פאָלגען דעם טאַ־טען, וואס איז דעמאָלט געווען אין פרייסען וועגען געשעפט, זיך גענומען ברעכען די הענט, איהם געדריקט צום הארץ ביז צו וועהטאָג און אזוי פיעל געוויינט, אז ער אליין האָט זיך פאנאנדערגעוויינט און איז איינ־געשלאָפען ביי איהר אויפ'ן שויס.

פארטאָג איז ער אויפגעקומען, געזעהן ווי דער פאָטער שטעהט איבער איהם מיט א פאָר אויגען, ווי ער וואָלט זיך געקליבען איהם שלאָ־גען. האָט דוד זיך ־ערשראָקען און גענומען וויינען:

— מאמע! מיין מאמע! כ'וויל צו דער מאמע!

דער פאָטער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי איהם אויפ'ן בעטעל:

— וויין, וויין אויף דיין פינסטער מזל! דו ווייסט וואו דיין מאמע איז?

— זי שלאָפט — האָט זיך דוד צוואויינט.

דער פאָטער איז אויפגעשפרונגען, זיך אריבערגעבויגען איבער איהם און זיך געהאלטען פאר די זייטען:

— הא, הא, הא! זי שלאָפט, זאָגסטו? הא, הא, הא! יא, דיין מאמע איז א חצופה, איז זי! ווייסט וואס א חצופה איז? דיין מאמע איז אוועק מיט מאקאראָווז'ן, מיט די בלויע הויזען! א כאָליערא! זי וועט שוין

קיינמאָל ניט קומען, קיינמאָל! הערסט? און ווייסט ווער דיין טאַטע איז? מאַ־קאַ־ראָוו!

דוד האָט זיך צוכליפּעט:

— מאמע, מיין מאמע! כ'וויל צו דער מאמע!

— שווייג, דו ממזר! דיין מאמע האָט דיך אין דר'ערד! — האָט דער פאַטער געטופּעט מיט די פיס, איהם אָנגעקוקט א ווײַלע, דערנאָך האָט ער זיך אַראָבגעלאָזט אויפ'ן בעטיל און איהם גענומען קושען.

מעהר האָט דער פאַטער מיט איהם וועגען דער מוטער ניט גע־רעדט. פון דעמאָלט אָן, האָט דוד אָנגעהויבען פּיהלען אויף שריט און טריט, אַז ער האָט ניט קיין מאמע... איז ער געקומען צו א משפחה האָט מען זיך געשושקעט, איהם בעדויערט, בעקוקט צי ער געהט אין ריינע אונטערוועש, און ווי ריין די וועש זאָל ניט האָבען געווען, האָט מען תמיד געזיפצט איבער איהם:

— אז ס'איז ניטאָ קיין מאמע...

אַז ער איז עלטער געוואָרען, אוועק אין חדר און זיך אמאָל גע־שלאָגען מיט די חברים, האָבען זיי איהם גערופען: קאַזאַק, שמד'ניק. ער האָט געוואוסט, אז דאָס מיינט מען זיין מאמען, וואָס איז אוועק מיט א קאַזאַצקען אָפיצער. פון פערדרוס האָט ער בעשלאָסען, די חברים אויף צו להכעיס, זיך צו שמד'ען, דערנאָך וועט ער זיך אָברעכענען מיט יע־דען איינעם פון זיי בעזונדער. און, אז ער איז אהיים געקומען נאָכ'ן גע־שלעג, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעוויינט, געשוואוירען, אז ווען ער וועט עלטער ווערען, וועט ער אוועק נאָך אמעריקא, דערשיסען דעם אָפיצער, בעפרייען די מוטער און וועט מיט איהר אהיים קומען. ער האָט ניט געקענט בעגרייפען די מוטער זאָל האָבען אַנטלאָפען, געווען זיכער, אז דער קאַזאַק האָט זי געפאַנגען, אוועקגעפיהרט און האַלט זי פערשפּאַרט.

דער צוג איז אריין אין אן אויסגעהוילטען באַרג און אין וואַגאָן איז געוואָרען שטאָק פינסטער. דער צוג איז געפלויגען, עטליכע מאָל א בלענד געטהאָן די אויגען ווען ער איז פערביי די באַרג־שפּאַלטען וואָס זיינען געווען אָבגעגאָסען מיט זון און איידער וואָס, איז דער צוג ארויס פון באַרג און ס'איז נאָך ליכטיגער געוואָרען ווי פריהער.

דוד איז ניט איינגעזעסען אין וואַגאָן, זיך געדרעהט, זיך געהויבען, צום צעהנטען מאָל ארויסגענומען דער מוטער'ס בריעף וואו זי האָט

איהם געבעטען ער זאָל קומע נאָך איהר, אז ניט וועט דער גוי זי דער־הרג'ענע, געפּיהלט יעדעס מאָל בשעת'ן לייענען, ווי די פויסטען קאַרטשען זיך ביי איהם און געטראַכט ווי ער זאָל זיך בעגעהן מיט'ן קאָזאַק. דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט. מיט הארצקלאַפּעניש איז דוד ארויס פון וואַגאָן, זיך געלאָזט רעכטס מיט'ן זאמדיגען וועג, געצעהלט די טריט און געפּיהלט, אז וואָס נעהענטער ער קומט צום פארם, לעגט זיך אויף איהם א טרויער, ס'פּערקלעמט ביים הארץ. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן פאָטער, וואָס זיצט גאַנצע וואָכען אין פּרייסען, טרינקט צוליעב דער מוטער, און ער, דער איינציגער זוהן, געהט זי איצט בעגעגענען. און ווער ווייסט, ס'קאָן זיין, דער קאָזאַק קאָן זיך נאָך מיט איהם צוקושען? ברורר — מיט א פערביטערט הארץ איז ער אריבער דאָס הילצערנע בריקעל און דערזעהן דאָס הייזעל וואָס איז געשטאַנען טיעף אין וועג אריין. ער איז צוגעגאַנגען און אָנגעקלאַפּט:

א דארע, פערעלטערטע פרוי, מיט אן ארומגעבונדענעם קאָפּ, ווי אן איטאַליענערין, איז איהם אנטקעגען געקומען. זיי האָבען זיך א ווײלע אָנגעקוקט, איבערראַשט צועפּענט די מיילער, זיך ארומגעכאַפּט און זיך עטליכע מאָל צוקושט.

— מיין דוד'ל! מיין דוד'ל! — האָט די מוטער פון פרייד געכלי־פּעט — אזוי פיעל יאָהר! קיין עין־הרע אויסגעוואַקסען! נו, וואָס שטעהסטו? קום אריין!

זי האָט איהם אריינגעפיהרט, אוועקגעזעצט, אָנגעשטעלט א טיש מיט עסען, גענומען אויספרעגען ווען ער איז געקומען נאָך ניו יאָרק, וואָס יעדער פון דער משפחה מאַכט און געהאַלטען אין איין וויינען.

— און וואָס מאַכסטו? — האָט דוד זי א פרעג געטהאָן און איז רויט געוואָרען.

— ניט גוט, מיין זוהן, ניט גוט! — האָט זי אריינגעוויינט אין פאר־טוך — א משוגעת איז מיך דעמאָלט בעפאַלען! וואָס זאָל איך דיר זאָגען? כ'האָב אויף וואָס צו וויינען!

— וואו איז — האָט דוד גענומען שטאַמלען — כ'מיין... וואו איז ער?

— ער איז שוין צוויי טאָג ניט אין דער היים! — האָט זי אָפּגע־זיפצט און געוויזען אויפ'ן צוגעבונדענעם קאָפּ — וואָס זאָל איך דיר

זאָגעז, זוהן מיינער, אַלץ, וואָס עס קומט אויף מיר, איז צו ווענינ! אַ אידישע טאָכטער טאָר ניט נעהמען קיין גוי! האָט ער זיך אנומעלט אַנגע'שכור'ט. נו, צו וועמען לאָזט מען אוים? צו'ם ווייב! ער האָט מיר שיער דעם קאָפּ ניט געעפענט מיט אַ שטעקען! האָב איך עס גענדאַרפט? און וואָס מיינסטו, איהם איז גוט? איבער מיר האָט ער דאָך געמוזט אוועק פון קאַזאַצקען פּאָלק, מיר האָבען זיך אַרומגעשלעפּט איבער גאַנץ רוסלאַנד, זיך צו קיין זאַך ניט געקענט צושלאָגען...—צייט מיר זיינען דאָ אַהער געקומען בענקט ער אַלץ אהיים; די לעצטע צייט האָט ער גאָר אַנגעהויבען צו טרינקען און אַז ער טרינקט זיך אָן, נעהמט עס אוים צו מיין קאָפּ! נישט גוט, דוד'ל, נישט גוט! ווען גאָט העלפט מיר און כ'קען זיך פון דאַן אַרויסקריגען — — —

זי האָט ניט דערהערט און אַריינגעוויינט אין פאַרטוך.

— אפשר וואָלסטו, מאַמע, גלייך מיט מיר מיטגעפאָהרען? — האָט דוד פון גרויס איבעראַשונג זיך נעהנטער צוגערוקט צו איהר — כ'מיין, מיט אַן אמת, מאַמע, פאָהר מיט מיר מיט, מיר וועלען וואוינען צוזאַמען. דאַרפסטו דער שכור זאָל דיך שלאָגען? כ'פערזיכער דיך, דער טאַטע וועט דיר אַלץ מוחל זיין, כ'וועל גלייך נאָך איהם שיקען, דאַרף ער זיך דאָרט וואַלגערן איינער אַליין, טרינקען פון צרות, אַז מיר קענען זיין צוזאַמען! נו, וואָס זאָגסטו, מאַמע?

זי האָט פערדעקט דעם גאַנצען פּנים מיט'ן פאַרטוך, געהעשעט אויף'ן קול און ס'איז שווער געווען צו זאָגען פון וואָס זי וויינט — צי פון פרייד, צי ס'איז איהר אַ שאָד צו שיידען זיך מיט'ן גוי. זי האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעשטעלט, אַראָפּגעריסען דאָס טיכעל פון קאָפּ און זיך גע־נומען פערריכטען די האָר:

— אָל־רייט, דוד, כ'פאָהר מיט דיר מיט!

דוד איז געזעסען אַ גליקליכער, טויזענדער קליינינקייטען האָבען זיך געפּלאָנטערט ביי איהם אין מוח, די שנאה צום אָפיצער איז ביי איהם אין גאַנצען פערשוואונדען. ער האָט בלויז געוואָלט זיי זאָלען וואָס גיכער אַרוים פון שטוב, דען טיעף אין הארצען האָט ער עפּעס מורא געהאַט, געפּיהלט, אַז די מוטער קען נאָך חרטה האָבען.

אין אַ שעה אַרום איז די מאַמע מיט'ן זוהן געגאַנגען איבער'ן זאַמ־דיגען וועג צום באַהן־הויף. אַז זיי זיינען צוגעקומען צום בריקעל, האָט דוד

בעמערקט, ווי א הויכער גוי, מיט שמאָלע פּלייצעס, וואַקסט אויס אין שאָטען און נעהמט געהן מיט דער לאַנקע.

— אָט איז ער! — האָט די מוטער דוד'ן א כאַפּ געטהאָן פאַר דער האנט און גענומען שרייען — פּעטיא! פּעטיא!

זי האָט געלאָזט שטעהן דעם זוהן אין מיטען וועג, אנטקעגען געגאַנ־גען דעם מאַן, ווי זי וואָלט זיך קיינמאָל מיט איהם ניט געשלאָגען:

— וואו ביזטו פערפאַלען געוואָרען אויף גאַנצע צוויי טעג? שעהמען מעגסטו זיך! מיך צו לאָזען איינע אליין!

דער גוי האָט זיך פערלאָרען, שולדיג א צוג געטהאָן מיט די אקס־לען און געוויזען אויף דוד'ן:

— ווער איז דער יונגערמ־מאַן?

— דאָס איז דאָך מיין זוהן, דאַוויד!

— אזוי רעד!

ער איז צוגעגאַנגען, געדריקט דוד'ן די האנד:

— קומט, מיר וועלען נעהמען צו ביסלאַך ווין!

דוד'ן האָט פערדראָסען צו וואָס ער האָט דעם קאַזאַק די האנד גע־געבען, געוואוסט, אז די מוטער וועט שוין ניט פאָהרען מיט איהם, זיך פיינד געקראַנגען, פאַרוואָס ער לאָזט זיי ניט שטעהן אין מיטען וועג און נעהט ניט אליין צום באַהן־הויף. דוד האָט זיך מיט אמאָל דערפיהלט אזוי שוואַך, ניט בכוח געווען אָפּצוזוואַרפען דעם קאַזאַק'ס האנד, וואָס האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און א דערשלאָגענער איז ער מיטגע־גאַנגען.

# אַ פערשוואונדענער מאַן.

לאה, נאָך א יונגע פרוי, אָן אָבגעארבייטע, איז געזעסען שפּעט אין אָבענד ביי זיך אין שטוב און געלעגט לאַטעס אויף איהרע קינדער'ס זאָקען. די קינדער, צוויי אינגלעך, זיינען געשלאָפען אין אַן אייזערען בעטעל, געצויגען היין און צוריק די שמאָלע קאָלדרע און געריעדט פון שלאָף. דער אָנגעגליהטער אייזערנער אויווען, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען שטוב האָט געוואָרפען א רויטען שיין איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע און פערטונקעלט דאָס פלעמיל פון גאַז־רעהר וואָס האָט געברענט איבער'ן אויווען. אַן אויסגעשמירטע קאַץ איז געלעגען אין א בלעכענעם עמער מיט אַש, געוואָרעמט דעם רוקען, גע־דרעהט מיט'ן שפּיץ פון עק און געוואַרטשעט.

די וואָרימקייט האָט לאה'ן צונומען. א שלעפעריגע, א מיעדע, האָט זי געמאַכט אַלץ ברייטערע שטעך מיט דער נאָדעל, געוואָלט וואָס גיכער פערריכטען דעם זאָק, געהן שלאָפען, האָט זיך מיט אמאָל דערהערט א קלאַפּ אין טהיר. זי האָט א ציטער געטהאָן, אוועקגעלעגט דעם זאָק, זיך געוואונדערט, ווער ס'קען אזוי שפּעט קלאַפּען און זיך אויפגעשטעלט:

— ווער איז דאָס?

— איך, לאה!

— ווער? — איז לאה צוגעגאַנגען צו דער טהיר האַלב דערשראָ־קען, האַלב בייז — ווער איז דאָס?

— דו דערקענסט מיך ניט, לאה?

זי איז מיט אמאָל בלאַס געוואָרען — דערקענט איהר מאַנ'ס קול. אין איין רגע זיינען ביי איהר דורך אַלע צרות און חרפּות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען, צייט דער מאַן איז פערשוואונדען פון איהר, זי איבער־געלאָזט מיט צוויי קינדער אָהן א סענט געלט. זי האָט זיך געטרייסעלט, געפיהלט, אַז זי דאַרף איצט נקמה נעהמען אַן איהם.

— לאה, דערקענסט מיך ניט? דאָס בין איך, הערשי, — האָט זיך געהערט פון הינטער דער טהיר ווי דער מאַן בעט זיך ביי איהר.

זי האָט געעפענט. הערדי, אַ הויכער, אַ בלאַסער, אין אַ זומערדיג רעקעל מיט אַן אויפגעשטעלטען קאָלנער, האָט פערמאַכט הינטער זיך די טהיר, געבליבען שטעהן ביי דער שוועל, ווי אַן אורח, זיך געשעהמט צו קוקען דעם ווייב אין די אויגען און געציטערט פון קעלט.

לאה האָט זיך אָנגענומען מיט אַלע כחות איהם ארויסצוטרייבען, וויזען וואָס פאַר אַ אונמענש ער איז, און וואָס מעהר זי האָט זיך צוגע־גרייט, אַלץ שטאַרקער איז ביי איהר דער כעס געוואַקסען, געפיהלט ווי אַלץ אין איהר קאָכט.

הערדי האָט זיך ניט געריהרט פון דער טהיר און מיט אַ שולדיגער שטימע, ווי איינער וואָס בעט זיך מען זאָל איהם שענקען ס'לעבען, האָט ער אָנגעהויבען:

— לאה, כ'ווייס, דאַרפסט מיך ניט אריינלאָזען, כ'האָב געהאַנדעלט קעגען דיר ערגער ווי אַ גזלן, איבערגעלאָזט דיך מיט מיינע אייגענע צוויי קינדער אָהן אַ סענט! גלויב מיר, לאה, אַז כ'ווייס אַליין ניט, וואָס עס איז דעמאָלט מיט מיר געוועזן, עפּעס אַ משוגעת איז מיר בעפאַלען!... גע־ענדיג פון דער ארבייט, האָב איך זיך ארויסגעכאַפּט אויף אַ טריין און כ'בין אוועק. צומאָרגענס באַלד, האָב איך חרטה געהאַט, געוועזן שוין אָבער צו שפּעט, ניט געהאַט מיט וואָס אהיימצוקומען... שלעפּ איך זיך שוין פון דעמאָלט אַן איבער דער וועלט... אַז אַלץ וואָס כ'בין אויסגע־שטאַנען איז ווייניג פאַר מיר! איין שלעכטער טריט — האָט הערדי גע־וויזען אויף זיין הילוך און קרענקליך געשמייכעלט — זעהסט, וואָס ס'איז פון מיר געוואָרען?

לאה איז געוואָרען אביסעל וייכער, געפיהלט ווי דער קנויל, וואָס איז געשטאַנען ביי איהר אין האַלז און געשטיקט, האָט נאָכגעלאָזט, האָט זי ניט געקענט זעהן ווי הערדי שטעהט ביי דער טהיר און איהם צוגערופען:

— וואָס האָסטו זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טהיר?

הערדי איז צוגעגאַנגען צום בעטיל וואו די קינדער זיינען געשלאָ־פען, לייכט אָבגעדעקט די קאָלדרע, זיך איינגעקוקט און זיך גענומען ווי־שען מיט אַ נאָז־טיכעל די אויגען. ער האָט זיך מיט אמאָל אויסגעצויגען אויף דער פּאָדלאָגע, געבליבען ליגען ביים ווייב'ס פיס און זיי אָנגעהויי־בען קושען. דאָס ווייב האָט זיך פערלוירען, זיך ניט געלאָזט און זיך גע־בעטען, גלעטענדיג איהם איבער'ן פּנים:

— הערדי, זיי ניט משוגע!

— שלאָג מיך, כ'בין ערגער פון אַ מערדער! — האָט הערדי זי פעסט געהאַלטען פאַר די פיס — אַ מערדער וועט ניט איבערלאָזען אַ ווייב מיט איינענע קינדער, אָהן אַ סענט!

ער האָט פערריסען דעם קאָפּ, אונטערגעשטעלט דאָס פּנים, זיך גע־בעטען ביים ווייב — שלאָג, לאה! — אָנגעכאַפּט דעם ווייב'ס האַנט, זיך גענומען מיט איהר שלאָגען אין פּנים אַריין און טעמפּ געוועט.

לאה איז געוואָרען גערירט, ניט געקענט הערען ווי דער מאַן ווייגט, איהם אויפגעהויבען, אוועקגעזעצט נעבען זיך און גענומען בע־רוהיגען:

— נו, נו...

— כ'וויל דו זאָלסט מיר מוחל זיין — האָט הערדי זיך געפּיעש־טשעט — כ'טאָר דיין שוועל ניט איבערטרעטען, דו ביזט דאָך אַ דימענט. אַ צדקת, אַן אַנדערע וואָלט מיך מיט קאַבעדיג וואַסער אַרויסגעבריהט און דו לאָזט מיך נאָך אַריין אין דיין שטוב!

לאה האָט איהם אַלץ מוחל געווען, האָט עס אָבער איהם ניט געקענט זאָגען, און זיך אויפגעשטעלט:

— ווּעסט אפשר עפּעס עסען?

— פאַרע זיך ניט, לאה'שי!

— ניין, זאָג, כ'וועל מאַכען אַ היים גלאָז קאַווע, גוט?

זי האָט גיך אַרויסגעכאַפּט אַ פענדעלע, אָנגעגאָסען מילך, אַרויפגע־שטעלט אויפ'ן אויווען, אונטערגעלעגט אויפ'ן טיש אַ טישטוכעל און גע־שטעלט ברויט מיט פּוטער.

הערדי האָט זי שטיל געפרעגט:

— ווי האָסטו דורכגעשטופּט די צייט?

— גאָט פערלאָזט ניט — האָט לאה גוטמוטיג געענטפערט. — אמת, כ'האָב שווער געאַרבייט: געוואַשען ביי לייטען וועש, פּאַדלאָגעס, די קינדער אָבער האָבען פון קיין נויט ניט געוואוסט, פאַר זיי האָט אַלץ געמוזט זיין פּונקט ווי פריהער און אפשר נאָך מעהר. דערצו האָב איך געלויבט צו גאָט, נאָך אָבגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר אויך!

ער האָט אָבגעזיפצט און זיך אָבגערופען:

— מעהר ארבייטען וועסטו ניט, לאה. מאָרגען געה איך זוכען א דזשאב. איצט וועל איך שוין ניט זיין אזא „דעם־פול“, אוועקלעגען א סענט צו א סענט און זיך דערשלאָגען צו אַ שטיקעל ביזנעס. וואָס פרעגסטו, וואָס איך האָב אין די פּאָר חדשים דורכגעמאכט? ווייסט, ווען מיר קענען עפּענען א סאָדאַ־סטענד און דערצו דאַרף מען ניט קיין סך, מיט אַ קנאפּען הונדערטער קען מען עס עפּענען!

— אז ס'וועט האלטען דערביי, האָב איך קיין עין־הרע א קנאפּען פופציגער אָבגעשפּארט — האָט לאה א שמייכעל געטהאָן, און זיך איינגעבויגען, ווייזענדיג אויף איהר זאַק — אָט ליגט עס!

זיי האָבען געגעסען, זיך צואווארעמט און געבליבען זיצען אויפ'ן בעט ארומגענומענע. איצט האָט לאה זיך געפּיעשטשעט, איהם דערצעהלט וואָס זי האָט אלץ געליטען, צומיינסטען האָט זי זיך געשעהמט פאר איהר משפּחה, ניט געקענט זיך ווייזען אויף די אויגען... און וויפיעל געזונט האָט עס איהר געקאָסט צו געהן וואשען ביי א צווייטען וועש... זי האָט איהם בעסער ארומגענומען און זיך געפרעגט:

— וואָס איז געווען מיט דיר דעמאָלט? אנאַנדערער, כ'ווייס, הונט, טייפעל, לאָז פאלען א וואָרט און דו גאַרנישט, ביזט אוועק און ווי אין וואסער אריין! שרייבען האָסטו דאָך געמעגט?

— ס'איז פּשוט — האָט הערדי ארויפגעלעגט לאה'ס קאָפּ צו זיך אויף דער ברוסט און איהם געגלעט — מיר האָט דערעסען דער שאָפּ. שטעל דיך פאָר — א פערד געהט אין שפּאָן, שלעפּט, צובריקעט עס זיך אויך אמאָל און אנטלויפט, א פּשיטא שוין א מענש! כ'האָב געארבייט אכט יאָהר אין א שאָפּ, זיך כמעט קיינמאָל ניט געקענט אויסשלאָפען, ניט געהאט די מינדסטע האפנונג זיך ארויסצורייסען פון דאָרט און דאָ האָט זיך געמאכט כ'האָב אָבגענומען מיט אמאָל פאר א חודש „ווייזשעס“, איז מיך א משוגעת בעפאלען און כ'בין אוועק. נאָר גלויב מיר, לאה'שי, מען ווייסט ניט וואָס א ווייב איז, ביז מען ריכט זיך אוים א וויסט יאָהר אין דער פרעמד!

זיי האָבען געפלאפּעלט ביז א שטיק אין דער נאכט אריין, אָבגעמאכט גאָר ניט צו דערצעהלען די קינדער און אין דערפריה זיי אייגציגווייז צוצושיקען צום בעט.

דער שלאָף איז געקראָכען אין די אויגען, האָט מען אויסגעלאָשען די גאז, געזעהן ווי דער אָנגעגליהטער אויווען אָטעמט מיט אַ רויטליכער ווארימקייט און מען איז איינגעשלאָפען.

אין דער פריה האָט זיך לאה אויפגעכאפּט, געוואָלט זעהן צי דער מאן שלאָפט נאָך. זי האָט קיינעם ניט געפונען נעבען זיך. די קינדער זיינען געלעגען אין בעט און געבעטען עסען. זי האָט אינסטינקטיוו זיך אַ כאפּ געטהאָן פאר'ן זאַק — די פופציג דאָלאר זיינען ניט געווען.

# קאָנקורענטען.

אין פּעדערהויז פון דער שוהל „אַנשי־פּוילען" איז ביינאַכט געווען שטיל. אויף א ברייטען דעמבאָווען טיש, א זעקיל שטרוי צוקאָפּענס איז געלעגען דער שבת־גוי, אַן עלטערער פּאָליאַק, געאַרבייט מיט דער גאַז, מיט'ן מויל און געלאָזט פּאַרע ווי א זודיגער טשייניק. אין א ווינקעל אויף א באַנק איז געזעסען א זקן מיט א געפּלעקעלטע באָרד, וואָס האָט א טבע קיינמאָל נישט גרוי צו ווערען. דער זקן האָט אונטערגעשפּאַרט אונטער דער גאָמבע זיין שטעקען און די באָרד א צוכמאַליעטע האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי א צושאָטען בעזעמיל. קעגענאיבער אויף א באַנק איז געזעסען א צווייטער זקן מיט א שיטער, גרויע בערדיל, ווי ערטערווייז וואָלט עס געווען אויסגעצופּט, פּערוואָרפען דעם קאָפּ און געדרימעלט.

איבער'ן אויווען אויפ'ן „מענטעלפּיעס" זיינען געשטאַנען צוויי יאָהר־צייט לעמפּלעך, וואָס אידענעס פון דער גאַס האָבען אריינגעבראַכט, זיך געשמאָלצען אין די קאַרבירטע גלעזער און קוים בעלויכטען דאָס פּעדער־הויז. די צאַפּעלדיגע פלעמליך האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין דער שויבען־טהיר פון דער שוהל, וואו רויטע פּאָרהאַנגלעך האָבען געהאַנגען, זיך געשאָרט, און אז מען האָט זיך א לענגערע צייט איינגעקוקט איז געוואָרען אומעטיג, ווי עמיצער וואָלט געשטאַנען אין דער פּערשלאָסענער שוהל, קוים פּאַנאַנדערגענומען די פּאָרהאַנגלעך און אריינגעקוקט.

צייט מיסטער ליץ, דער פּרעזידענט פון דער שוהל, איז געוואָרען חרוב־קראַנק, זיינען די צוויי זקנים נישט אָבגעטראָטען פון דער שוהל. גאַנצע טעג זיינען זיי דאָרט געזעסען, נישט גערעדט צווישען זיך, קאָנקורענטען געווען און ביי יעדען סקריפּ פון דער טהיר זיך אויפגעכאַפּט, געוואָלט פּערלויפען איינער דעם צווייטען דעם וועג, קריגען דעם מת. (די זקנים האָבען גענעכטיגט ביי טוידטע, תהלים געזאָגט). דער מיט דער געפּלעקעלטער באָרד, האָט געהאַט שטייפע פּיס, זיי געשאָרט ווי זיי

וואלטען געווען האלצערנע, נישט זיינע, האט ער פאראויס געשיקט דעם שטעקען, נישט צוגעלאזט דעם זקן מיט'ן אויסגעצופטען בערדעל און ביי יעדען סקריפ פון דער טהיר האבען זיי זיך צוקריעגט, געשאלטען און אנגעבלאזענע צוריק זיך אוועקגעזעצט איינער קעגען אנדערען. יעדער פון זיי האט פערהאנדעלט מיט'ן שמש פון שוהל, איהם עפעס צוגעזאגט, מכבד געווען מיט א סיגאר און יעדער האט געבעטען גאט ער זאל עם איהם צושיקען, דען ווען מאכט זיך נאך אזא רייכער מת? אזוי זיינען זיי אבגעזעסען גאנצע טעג, דארט געגעסען און נאר א היים געגאנגען שלאפען. און אז דעם קראנקען איז געווארען ערגער און מען האט זיך געריכט ער זאל יעדע מינוט שטארבען, האט יעדער פון זיי געפלאנט אבצונארען דעם צווייטען. זיי האבען געהיט איינער דעם צווייטען ביז שפעט אין דער נאכט, זיך געטראכט, אז איינער וועט א היים געהן שלאפען, וועט דער צווייטער זיך אומקעהרען, אוןביידע זיינען געבליבען נעכטיגען. זיי זיינען געזעסען איינער קעגען צווייטען, ניט אויסגעטהאער־נע און יעדער האט געבעטען גאט דער צווייטער זאל איינשלאפען און אז מען וועט אנקלאפען זאל ער לויפען.

זיי איז אבער דערעסען געווארען דאס זיצען און ווארטען, האבען זיך זייערע אלטע, שווערע קעפ צעוויעגט. משה האט געדרימעלט אויפ'ן שטעקען און לייב האט פערווארפען דעם קאפ. דער קלענסטער שארך האט זיי אויפגעוועקט. זיי האבען זיך אויפגעכאפט, זיך ארומגעקוקט, ווי זיי וואלטען אליין ניט געוואוסט פון וואנען זיי קומען אהער, זיך א ווײלע איינגעהערט און מיעדע, שלעפעריגע האבען זיי געפיהלט, אז די שנאה פון איינעם צום צווייטען איז אן איבעריגע, אז יעדער וויל פרנסה, וויל לעבען כל־זמן די נשמה איז אין גוף, און אזוי וואס האט דען איינער צום צווייטען? זיי קענען זיך דאך נאך פון אינגעלוויז. האט משה אוועק־געלעגט די גאמבע אויפ'ן שטעקען, אבגעזיפצט און גערעדט ווי צו זיך:

— מען קומט אב חבוט הקבר אויף דער וועלט!

האט לייב זיך א וויש געטהאן איבער'ן אויסגעצופטען בערדיל און אונטערגעבאפט:

— אזא פרנסה אויף אלע שונאי־ציון געזאגט! ווי שפעט קען שוין זיין, משה? הא?

— כ'וויים — האט זיך משה איינגעקוקט אין פענסטער — ס'מוז

שוין זיין נאָך האַלבע נאַכט. שוין גרויסע נעכט — באַלד נאָכ'ן זומער...

ביידע זיינען געבליבען אַנשוויגען, געזעסען מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ. מקנא געווען דעם גוי, וואָס איז אַזוי געשמאַק געשלאָפען און איינציג־ווייז מיט אַ מאָדנעם קרעכצען. ווי זיי וואָלטען געלעגען אין אַ שוויץ־באָד, האָבען זיי זיך אויסגעצויגען אויף די בענק.

די יאָהר־צייט לעמפּלעך האָבען זיך געטאָפּיעט, געוואָרפען שטיקלעך ליכט אויף דער פּאָדלאָגע, זיך געשפּיגעלט אין די רויטע פּאַרהאַנגלעך פון דער שוהל־טהיר און מיט אַמאָל האָט אַ קנייטעל געגומען קנאַקען ווי מען וואָלט אויף דעם געשיט זאַלץ, דערנאָך זשומען ווי אַ געפּייניגטע פליעג, אַז ס'איז אַזש קאַלט געוואָרען.

די אַלטע אידען האָבען זיך געדרעהט אויף די האַרטע בענק, גע־קרעכצט. משה האָט צו ערשט אַראָבגעלאָזט דעם שטעקען, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעזעצט, געריבען די פּלייצעס און דעם ווענטעל פון דער באַנק, ווי ס'וואָלט איהם קאַלט געווען און גערעדט צו זיך ווי ער וואָלט געהאַט אַ מיחוש:

— אַי, ווען מען קריגט איצט אַ סיגאַרעטיל...

לייב האָט נישט געעפענט די אויגען, ליגענדיגערהייד אַרויסגענומען פון וועסטעל קעשענע אַ סיגאַרעטיל און זיך אָנגערופען:

— האַ, אַ סיגאַרעטיל ווילסטו? נאַ, נעהם און לאָז מיר אויך איבער אַ ציה.

משה איז שוין געבליבען זיצען אויף לייב'ס באַנק, זיך פערגעסען, אַז זיי זיינען קאָנקורענטען, פערצויגען, זיך געקוויקט מיט'ן ביסעל רויך און אַ פרעג געטהאָן:

— לייב, שטעהסטו נאָך ביי ישראל'ן?

— ניין — האָט לייב זיך אויפגעזעצט — געווען צו גרויס דער שנור אין די אויגען. דאָ שטעל זיך נישט, דאָ שפּיי נישט — איז מיר נמאס געוואָרען און איך בין אוועקגעגאַנגען. איצט וואוין איך מיר ביי אַ לאַנדסמאַן.

— און וואו עסטו?

— צרות טאַקע, וואָס פרעגסטו — האָט לייב זיך אַ וויש געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן פּנים און אַריינגעכאַפּט דאָס שיטערע בערדיל אין מויל אַריין — שבת עס איך ביים יוהן און אַ גאַנצע וואָך „קעכעלט“

מען אליין, מען קומט אפ מיט טרוקענס, וואס קען איך מיר העלפען... צייט מיינע, צו לענגערע יאהר אונז, איז אוועקגעשטארבען, איז מיר, ברודער, שלעכט... פריהער בין איך געווען א זיידע, די שנור האט מיך בכבוד געהאלטען און איצט?

לייב האט אראבגעלאזט דעם קאפ, זיך געצופט דאס בערדעל און אנשוויגען געווארען.

— און מיך מיינסטו איז דא וואס מקנא צו זיין? — האט משה ארויסגעלאזט א מויל מיט רויך — יעדער האט זיינע צרות. מען טאר דאך נישט זינדיגען, נאר גלויב מיר, ס'וואלט גלייכער געווען פאר מיי־נער ווען זי שטארבט. ליגט א צובראכענער שארבען, קען זיך ניט איבער־דרעהען, פערשילט זיך די יאהרען — וואס זאל איך דיר זאגען? איידער אזא עלטער...

— מיר האבען ביידע גוט אויסגעהאנדעלט אין דער גאלדענער מדינה, נישט צו פערזינדיגען — האט לייב אבגעזיפצט.

זיי זיינען אנשוויגען געווארען, אראבגעלאזט די קעפ, געשפיגען און זיך פערטראכט.

משה האט מיט אמאל ארויפגעלעגט אויף לייב'ן א האנד:

— סעי, דו געדענקסט, ווי מיר ביידע האבען געריסען ביים געלען שוסטער, ביי לייזער'ן, פלוימען? עה, יאהרען, יאהרען, וויפיעל א שטיי־נער איז עס?

— און לייזער האט אונז געיאגט אין די גאטקעס, געדענקסט? גע־שריען — אכברושים, דורס'ן וועל איך אייך! — האט לייב זיך דער־מאהנט א צופריעדענער ווי א אינגעל, — אי, דאס זייגען שוין יאהרען, איבער פופציג אודאי, הא? — — — —

— יא, יא, אלץ א חלום — האט משה אבגעזיפצט.

דער שבת־גוי האט זיך איבערגעווארפען, צועפענט א פאר אויגען, געקוקט אויף די זקנים טעמפ, ווי איינער וואס קומט אויף נאך דער פאר־ליגע, זיך צוריק אוועקגעלעגט און געבורטשעט:

— פערשאלטענע נשמות!

עס האט זיך געהערט א קלאפ אין טהיר — עפענט!

ביידע האָבען זיך א ריס געטהאָן פון די פּלעצער, גענומען לויפען צו דער טהיר. לייב אויף א פריהער, משה מיט די שטייפע פיס, ווי פון האָלץ, האָט געשטעלט אָבגעמאָסטענע טריט, געשאַרט מיט׳ן שטעקען, גע־שטערט לייב׳ען און איהם אָנגעכאַפּט. ביידע האָבען פערגעסען, אז זיי זיינען חברים, אז זיי האָבען נאָר וואָס זיך דערצעהלט מעשיות פון זייער קינדהייט, געשטאַנען איינער קעגען צווייטען ווי שונאים, ווי ביטערע קאָנקורענטען, זיך געקריגט און געשאָלטען.

# פון ניו־יאָרקער גהעטאָ

# I.

ארום פיער א זייגער פאַרטאָג איז ספּאָרט אויפגעשפּרונגען. אויסגעצויגען זיין לענגליכען קערפּער מיט די שפּיציגע מאָרדע, געדרעהט מיט'ן האָריגען עק, געדראַפּעט מיט די נעגעל און זיך צובילט. ער איז באַלד ארויף אויפ'ן בעל־הבית בעטיל, צוגעשטעקט זיין קאַלטען שנוק צו סעם'ס באַק און איהם געגומען גלעטען.

סעם האָט זיך דורכגעטרייסעלט, געוואָרפען א בליק אויף דער וואַנד, וואו די גרופּע „פּייטערס"*) האָבען געהאָנגען און זיך איינגעקוקט אין דעם העלען פיער עקיגען שיין. עס האָט געהייסען: אז די גרויסע עלעקטרישע לאָמפּ, וואס העננט אויף א גרויסען קלאָץ קעגען איבער דעם פענסטער ברענט נאָך און דער זייגער איז נאָך ניט פיער.

סעם האָט זיך איבערגעצויגען. געשמאָק פונאַנדערגעגענעצט און איינקוקענדיג זיך אין שיין איז ער אראָפּ פון בעטיל. באַלד האָט זיך פון שיין געגומען בולט ארויספּרעסען „נאָק־אוט־בראַון" מיט זיין פּער'עקשן'טען, ווי ביי א יונג ביקעל, שטערען. פון הינטער וועלכען עס האָבען אָפּערגעקוקט א פּאָר ווייכע, שמייכלענדע אויגען. סעם האָט זיך פערקוקט אויפ'ן „פּרייז־פּייטער". בשעת מעשה אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנד ווי א פליענעל פון א ווינד־מיל, די לינקע מיט א פאַרקוועטשטע פויסט האָט ער איינגעקורטשעט, געהאַלטען נעבען דער גאָמבע און זיך פאַרמאָסטען גלאַט אין דער וועלט אריין.

ספּאָרט האָט זיך צוגעזעצט אויף זיינע הינטערשטע לאַפּעס און מיט א הינטישע שמחה זיך געוואָרפען אויפ'ן בעל־הבית. סעם האָט איהם ארומגעכאַפּט, זיך א שליידער געטאָן אויפ'ן בעטעל און הארציג געלאַכט.

און ניט בחנם איז סעם אזוי אויפגעלעגט געווען — ער איז נעכטען אויסגעפאָהרען מיט פּאַלי'ן, זיין בעל־הבית'טעם טאָכטער.

---

*) אַנגליציזמען — זעה זייט 101.

דער גאנצער „געננ“, וואס האלט זיך אויף ביי זיין בעל־הבית׳טע אין „סטייטשאנערי־סטאר“. האט זיך אפילו געבלאזען, גע׳טענה׳ט, אז אהן אלעקס וויסען דארף ער ניט פאהרען. נאר וועמען ארט עס! ער איז אלעקסען ניט געקראכען אין וועג אריין! און צוריקגערעדט, האט אלעק גאר קיין רעכט ניט זיך ארומצושלעפען מיט א „יאהודיש“ מיידעל. ער איז א „גיני“ טא לאז ער זיך אויסקלייבען פון זיינע! און דער עיקר וועלען איהם איצט אלע מקנא זיין. א קליינינקייט, זיי ווערען דאך אלע פארכאפט פאר פאלין!

סעם האט געפלאנט ווי אזוי אלעקסען אראפצוראמען פון וועג. ער איז געווען זיכער, אז דער גוי וועט איהם ניט פארשווייגען. ער איז דאך אן איטאליענער, אז ביי יעדער געלעגענהייט וועט ער איהם אריינזעצען א שטילעט אין דער זייט. נאר דאס האט איהם איצט כמעט ווי גאר ניט געארט. ער האט צומיינסטען געטראכט וועגען פאלי׳ן. ווי דאס מיידעל האט מיט טרעהרען אין די אויגען זיך געווארפען איהם אויפ׳ן האלז, איהם געשלעפט ווי זי געהט און שטעהט אין ווייסען „סוועטער“ צו א „ראבאי“ א חופה שטעלען, געבעטען, אז ער זאל זי צונעמען פון אלעק׳ען. דען זי איז א פארלוירענע! דער גוי וועט זי באלד נאך דער חתונה פאר־קויפען. אז ניט וועט ער איהר צושניידען מיט א בריטווע דאס פנים, זי ווייס, אז איטאליענער טוען אזוי. — — —

סעם האט געשמייכעלט. ער האט געוואוסט, אז דאס איז ניט דאס ערשטע מאל, וואס פאלי צוקריגט זיך מיט אלעק׳ען. און יעדעס מאל קלויבט זי זיך אויס, אלעק׳ען אויף צופלאצעניש, א צווייטען יונג און ווי נאר אלעק באווייזט זיך און בעט זי איבער, שלאגט זי מיט׳ן יונג כפרות. און ווער געדענקט ניט די מעשה מיט דזשייק׳ן? און דזשייק איז ניט געווען אבי ווער! ער איז געווען א טעלעגראפיסט מיט א גוטען געהאלט און אלע האבען געהאלטען אין איין טענה׳ן, אז פאלי איז איהם ניט ווערטה. נו, איז זי זיך מישב און שיקט איהם אפ פאר דער חתונה די תנאים און דער בחור האט פון גרויס צרות אזש גענומען שכור׳ן. סעם אבער וועט זיך ניט לאזען שפייען אין דער קאשע — ער קאן זיין שטעד־טעל באשטעהן!

פון צווייטען צימער האט מען געהערט ווי מיסעס ריטש, סעם׳ס בעל־הבית׳טע פארעט זיך. זי האט געוועקט איהר זוהנדעל הערי. ער

זאל עפענען דעם „סטענד" מיט צייטונגען וואס זי האט געהאלטען אונ־טער'ן „עלעווייטער".

מיסעם ריטש, אן אלמנה פון א יאהר פערציג, איז געווען א רויטע, געזונטע אידענע ווי א טערק מיט א פאר פינקעלדיגע אויגען. זי האט גערעדט מיט א קוויטשיגען אלט און עס האט זיך געדאכט, אז ניט זי רעדט, נאר א דבוק קוויטשעט ארויס פון איהר און מאכט חוזק.

— הערר' אום גאטעס ווילען, געט אפ, געט אפ! — האט זי גע־רעדט האלב אין אידיש, האלב אין ענגליש און איהם געקיצעלט די פיא־טעס פון די פיס.

הערי, א פעט בחור'ל פון א יאהר פערצעהן, קיינמאל ניט קיין אויס־געשלאפענער האט זיך דורכגעווארפען, געעפענט זיינע פארשלאפענע אויגען, באטראכט א ווײלע די מוטער, זיך א האסטיגען דרעה געטאן און געבורטשעט:

— גראַרי היר! באלד עפענען, באלד! לאז אן אויג צומאכען!

אן עלטערער איד מיט א פאר גרויע וואנסען, וואס איז געשלאפען אויף א לעדערנער קאנאפע, האט זיך מיט אמאל אויפגעזעצט. ער האט אויסגעשטעקט דעם קאפ מיט'ן קורצען האלז, אויסגעגלאצט א פאר וואַ־סערדיגע אויגען און זיך שטארק צוהוסט. דער איד האט אויפגעהערט הוסטען, גענומען ווארפען דעם קאפ ווי אין היילינגען־וויטעס־טאנץ און געשלונגען לופט מיט אלע כחות. עס האט זיך געדאכט, אז א פאר פעסטע הענד שטיקען דעם איד פאר'ן האלז און ער אמפערט זיך.

דאס איז געווען מיסעס ריטש טאטע, א לעמבערגער איד וואס האט געליטען פון א שווערע אסטמע.

א קליין אינגעל פון א יאהר דריי אין א לאנג פלאנעלען שלאף־העמדעל איז אראפ פון בעט, זיך גענומען שיבערען מיט איין הענטעל די האר, מיט'ן צווייטען גערימען די מוטער פאר'ן אונטער־קלייד און געמע־קעט ווי א קעלבעל:

— מא־אה עס־סען!

— נא, גוט שבת, זיך אויפגעכאפט „פארצע־דראנע"! — האט מי־סעס ריטש זיך צוקוויטשעט, א כאפ געטאן דעם אינגעל פאר א הענטעל און איהם א שליידער געטאן אין בעט אריין — שלאף, ממזר, דען כ'דורס דיך!

דאָס אינגעל האָט זיך נאָך העכער צעוויינט, גענומען אַראָפּוואַרפן מיט די פיסלעך די קישענס אויף דער פּאָדלאָגע און געשריען:

— כ׳וויל עסען — — עס—ס—סען! — —

משה, מיסעס ריטש טאַטע, וואָס איז שיעור ניט דערשטיקט געוואָרען און געכאַרכעלט מיט׳ן האַלז ווי אַ געקוילעטע גאַנז האָט געררופען דעם אינגעל:

— אַרטהור, כי, כי כי!

אַרטהור האָט זיך פאַרקוקט אויפ׳ן זיידע׳ן, געמיינט אַז ער מאַכט „פאַן“ און אָנשוויגען געוואָרען.

מיסעס ריטש האָט אַ צופּאַטעלטע געעפענט סעמ׳ס טיר און איז לייכט אַריין אין איהרע שיך מיט גומענע אָפּצאַסען.

— העי, סעם, שלאָפסט? — האָט זי געזאָגט און אַרויפגעלעגט איהר האַנד אויף זיין מוסקולעסטע אָרעם.

— ווער שלאָפט?

— טאַ הער, פאַרגעס ניט צו לאָזען אַז עקסטראַ „וואָירלד“ אין סאַלון און דעם אַלטען בעקער אַ „טיימס“, וועסט ניט פאַרגעסען?

— אַל־רייט!

מיסעס ריטש האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן בעטעל, וואָוילעריש סעמען אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע און מיט אַ שמייכעל געפרעגט:

— נו, האָסט כאָטש פּאָלי׳ן געגעבען אַ „גוד־טיים“, דו „לאָבסטער“?

— פּראַלאָזט זיך אויף סעמען, מיסעס ריטש, אַז ער פּעדעמט איין— נייעט! איהר ווייסט דאָך, כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך סעם האַרציג צולאַכט.

— שאַראַפּ יאָו — האָט מיסעס ריטש כלומרשט אַ בייזע געענטפערט און איהם אַרויפגעלעגט די האַנד אויפ׳ן מויל — וואָס טויגען די קונצען, סעם, ביזט זי אסור ווערטה! און גלויב מיר ווען ניט דאָס אומגליק מיט׳ן שייגעץ, מיט אַלעק׳ען מיין איך, איז מיין נאָמען ניט סיידי, צו דו וואָלסט זי געקריגען — — לאָמיר זיך ניט נאַרען. אַזאַ פּאַרשוין ווי דו וואָלט זי קיינמאָל ניט פאַרשפּעטיגט! דו ביזט דאָך אַ געוואָלדיגער פאַרדינער, מיר ווייסען דאָך! ווען דו וואָלסט געווען אַ לייט, וואָלסטו שוין היינט געהאַט אַ „ביזנעס“ פאַר זיך, ניט געדאַרפט אַרבייטען פאַר פרעמדע. נעם אַט די אַלע „ניוס־דילערס“, דאָס זיינען דאָך

אלע גרינע אידען און איינם בייאיינס זיינען זיי ווערטה צו עטליכע טוי־זענד טאלער. און איהר אלע, דעם גאנצען „גענג“ מיין איך? איהר זייט א חברה לעדיג־געהערס, פוסט־און־פאסניקעס! מישטיינס געזאגט, ביי אייך קאן א ווייב לעבען אין ליידען. עסען ברויט מיט׳ן לעפעל?!

סעם האט זיך ביי די לעצטע ווערטער צושמייכעלט, זיך צוגעבויגען צו מיסעס ריטש און איהר איינגערוימט:

— אז כ׳האב געפאסט פאר דער מאמע׳ן, פאס איך פאר דער טאכ־טער אי־אי!

— נו, גענוג זיך צו חכמה׳נען. סעם, מיר וועלען זיך שוין שפעטער אויסשמועסען! גיב נאר אהער די דריי טאלער וואס דו האסט נעכטען אפגענומען אין סאלון פאר צייטונגען!

— די דריי טאלער פארשרייבט אויף מיינע „וויידזשעס“ — האט סעם געענטפערט.

— וואס מיר „וויידזשעס“? — האט מיסעס ריטש א קוויטש גע־טאן — שוין די דריי טאלער אהער! קיינע „מאנקי־ביזנעס“! דיר קומט גאר ניט און אויב עס געפעלט דיר ניט ברעך הענד און פיס ארוים! ביזט נאך דערווייל מיין מאן און מיין איידעם ניט. הערסט? גנבים. סאקערס! איך א שוואכע אלמנה מיט קליינע יתומים, מיט אן אלטען קראנקען טאטען איבער׳ן קאפ, מוז נעבעך פארשווארצט ווערען, ניט שלאפען קיין נעכט — — — און פאר וועם? פאר אזעלכע ליידאקעס. רוסישע שנארערס!

סעם האט געוואוסט, אז דאס איז ניט דאס ערשטע מאל, וואס זיין מיסעס קריגט זיך מיט איהם, אז נאך היינט וועט די „גאליציקע־גנב“ (אזוי פלעגט ער זי תמיד רופען) איהם איבערבעטען און כלומרשט אז אנגע׳ברוגז׳טע וועט זי איהם מוסר׳ן, אז אויב ער וויל איהר טאכטער, טא זאל ער זיך ניט ארומשלעפען מיט אנדערע נקבות.

מיסעס ריטש איז זיך דערווייל פארגאנגען אלם העכער אויף איהר קוויטשיגען אלט, געמאכט אזעלכע קולות, אז אלע אין שטוב האבען זיך אויפגעכאפט.

דער אלמער משה האט זיך באוויזען אין דער טיר אין א צופראלטען שלאפראק מיט צוויי פאמפענעס. ארטהור האט איהם געהאלטען פאר די פאלעס און געשפיעלט מיט׳ן זיידע׳ן אין פערדלעד. הערדי איז אריין אין

די גאטקעס, אנגעכאפט די מוטער פאר א האנד און זי געגומען שלעפען:

— זעה נאר, זיך צוריטשעט! קום שויז, קום! געה עפען דעם „סטאר" בעסער!

מיסעס ריטש איז געווארען מיט אמאל שטיל, גלייך מען וואלט איהר הענד און פיס אפגענומען און גענומען ארויסגעהן מיט הערריץ. זייענדיג שוין ביי דער טיר, האט זי זיך ערשט ארומגעזעהן, אז העררי פיהרט זי ארויס, האט זי פון פארדרוס איהם א ווארף געטאן פון זיך, זיך אויס־געדרעהט און אויף דאס ניי אנגעהויבען איהר פזמון:

— גנבים! פאקערס! כ'וועל אייך איינס ביי איינס דורכטרייבען! וואס? כ'וועל זיך קומען אנפרעגען ביי העררי סמארעק צי איך זאל שרייען, צו ניין? א ניט דערלעבען וועט ער עס! קיינער האט מיר דא קיין דעה ניט צו זאגען! כ'וויים ניט? זיך צונויפגעשלאגען די קעפ, די גאנצע באנדע און אלע אנטקעגען מיר! און דו ליטוואק — האט זי זיך געווענדעט צו סעמען — דו זאלסט זיך ניט דערוועגען ווייזען אויף די אויגען אהן די דריי טאלער, הערסט? — און צוקלאפענדיג די גלע־זערנע טיר איז זי אריין אין צווייטען צימער.

דער אלטער משה האט אויסגעגלייכט עטוואס זיין איינגעהויקערטע פיגור און מיט א טריט פון א היימישען יורד איז ער צו צו סעמען. ער האט גערעדט מיט א ווייכען למד און געהאט א טבע צו פארציהען פיעל ווערטער, ווי למשל: שיסעלע, קיהעלע.

— גוט מארנינג! — האט ער אנגעהויבען און א בויג געטאן די קניען ווי א איד צו שמונה־עשרה — נו, סעמעלע, אז מען האט שוין א סכסוך'ל, דארף מען אזוי שרייען? מען האט דאך געקאנט מיינען, כ'וויים וואס? א שיפעלע איז חס וחלילה אונטערגעגאנגען! און איז גאנצע געהט עס אין דריי טאלער! פע, גאר ניט שעהן! ס'פאסט פאר א אי־דענע! כ'בין אויך אמאל א ביזנעסמאן געווען. ווי דו קוקסט מיך אן בין איך א בעלן געווען מיט „פינווערי'ל" א סיגארעל פאררויכערען און ניט. פארשטעהסטו מיך, אבי ווער? געפיהרט „ביזנעס" אין די שווערע טוי־זענדער! א ליוועראנט בין איך געווען. א ליוועראנט אין קייזערליכען הויף! ער שפילט זיך מיט מיר, כא, כא, כא! דו פארשטעהסט! די פרא אדם בצורת פערד! און אזוי ווי כ'רעד מיט דיר פה אל פה, האב איך גע־

רעדט מטי'ן קייזער, מיט פראַנץ יאָזעף'ען. זאָל לעבען! נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. יעס. מיר טענה'ן דאָך היינטיגע צייטען — — —

סעם האָט דעם אַלטען משה כמעט ניט פאַרשטאַנען. ניט געקאָנט צוקייען דעם אַלטענ'ס עברי, געוואוסט אַז ער זאָגט קיין איין וואָהר וואָרט ניט, פונדעסטוועגען האָט ער איהם ליעב געהאַט און אָפט פאַרבראַכט מיט איהם.

סעם איז איצט ניט געווען אויפגעלעגט אויסצוהערען דעם אַלטענ'ס מעשיות, געווען זיכער, אַז דער אַלטער וועט אַזוי לאַנג „האַקען אַ טשייניק" ביז ער וועט דורך פאַרשידענע קונצען ביי איהם ארויסקריגען עטליכע סענט. האָט ער איצם באַצייטענס געגעבען אַ צעהן סענט שטיק אָבי פּטור צו ווערען פון איהם.

דער אַלטער האָט זעהר קונציג ארייַנגערוקט די מטבעה צווישען צוויי פינגער, געכאַפּט פאַר שמחה ארטהור'ן, וועלכער האָט זיך געשפּיעלט מיט ספּאַרטען און איז ארוים פון צימער.

מיט אַמאָל איז אין שטיבעל געוואָרען טונקעל. די לאַמפּ אין דרויסען האָט אַ צאַפּעל געטאָן און דאָס שטובעל איז געוואָרען אָפּגעגאָסען מיט אַ מאַטע רויטקייט. נאָך אַ רגע — אַלץ איז צושווימען און עס איז געוואָרען שטאָק־פינסטער.

סעם איז גיך אראָפּ פון בעטעל, איז צו צום קראַן מיט וואַסער און זיך גענומען איינוואַשען, ארויסלאָזענדיג בשעת מעשה מאָדנע קולות. ער האָט גיך ארויפגעוואָרפען אויף זיך אַ פּאָר הויזען, אַ פּאָר לייווענטענע שיך צי שנורעווען, אַ שוואַרץ העמדעל מיט אַן איבערגעלעגטען קאָלנער, אריבער געוואָרפען אַ לאַנגען פּאַסעק איבער'ן אַקסעל, זיך פון פאַרדרוס פינאַנדערגעפּייפט און ארוים מיט ספּאַרטען אויף דער גאַס.

# II.

אויף דער גאס האט זיך סעם אפגעשטעלט. אנגעפאקט זיין פייף מיט טאבאק און פארצויגען. עס איז נאך געווען פינסטער, נאר דא און דארט האבען זיך שוין געוויזען סמנים פון מארגען ווי ער רייסט זיך. שלאגט זיך דורך א וועג.

פון א זייטיג געסעל איז אנגעקומען א וואגען מיט מילך געשפאנט אין איין פערד. דאס פערד האט זיך פארקערעוועט אהן בעל־הבית און זיך אפגעשטעלט נעבען א מויער. באלד איז ארויסגעשפרונגען פון א קארידאר א יונג אין איין העמד מיט הויזען, א פייף געטאן און דאס פערד האט זיך געריהרט פון ארט.

איבער'ן טראטואר האט זיך געשלעפט א יונג אין ווייסען. ווי אן אויסגעבאקענער. ער האט געפיהרט מיט א געפילדער א וועגעלע געבעקס. פון געבעקס האט זיך פארשפרייט אן אנגענעמער ריח וואס רעגט און מאכט אפעטיט. סעם האט אפגעשטעלט דעם יונג, געקויפט ביי איהם א בייטעל מיט פאנטשעס און געשפרייזט ווייטער.

מיסטער פאלאק, א פעטער „סאלון־קיפער". מיט אן אנגעלאפענעם פנים, מיט וואסערדיגע אויגען, וואס מאכט דעם איינדרוק ווי ביים ערש־טען שטופ צוגיסט ער זיך, איז סעם'ען גלייך אין פנים אנגעקומען, זיך געוואלט א דרעה אוים טאן, באלד זיך מישב געווען, אז עס איז צו שפעט און זיך געגריסט:

— האלא, סעם!

— האלא, מיסטער פאלאק! וואס טוט איהר דא אזוי פריה?

— ביזנעס, זעהסט ניט — האט פאלאק געשטאמעלט — דיינע אמעריקאנער דאקטוירים, די קאנאוואלען, רעדען מיר איין, אז כ'ביז קראנק, הייסען טרינקען ביטער וואסער, זיך דורכגעהן אביסעל, אזוי א פיער און צוואנציג שטונדען אין מעת לעת, כא, כא, כא! און העלפען וועט עס ווי א טוידטען באנקעס! יא, „יעס־סיר" נו, „גוט־באי". סעם— און ער איז אוועקגעגאנגען.

— אַז אַלטער „פּייקער“, וויל פאַרעדען די ציין! — האָט סעם צו זיך געזאָגט.

סעם האָט געוואוסט, אַז פּאַלאַק איז פאַרליבט אין מיסעס ריטש איבער די אויערען, וואַרט זי יעדען טאָג אָפּ ביים הויז און העלפט איהר עפּענען דעם „סטאָר“.

ער האָט אויסגעשפּיגען, געגאַנגען ווייטער און אין מח ביי איהם האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט זיין מיסעס:

ווערט זי פאַרכאַפּט מיט איהרע ציטונגען צוזאַמען! — האָט סעם צו זיך גערעדט — כ'וועל מיט איהר רעדען פּראָסטע דבורים, זיך ניט לאָזען אַרומפיהרען ביי דער נאָז, מיר אַלץ איין אַיינ'עם אויפוואַרפען, אַז כ'בין ניט קיין פאַרדינער! און אויב כ'געפעל איהר ניט האָט זי אַ ברירה! וואָס מיינט זי, וואָס? כ'בין ווי יענע גריגע „קאַיקס“ וואָס פאַר־דינען זעקס טאָלער אַ וואָך און שפּאַרען זיבען? טהע־העלל“!

אין אַ קאָרידאָר איז געשטאַנען אַ יונגער פּאָליסמאַן געאָרעמט מיט אַ מיידעל. סעם זעהענדיג דאָס פּאָרעל האָט זיך צוזונגען:

——“Everybody is doing it.
is doing it,
is doing it!”

(„— — — יעדער איינער טוט עס, טוט עס, טוט עס!“)

און צוגעקלאַפּט מיט די אָפּצאַסען אויפ'ן טראָטואַר.

פון קאָרידאָר האָט זיך געהערט אַ געלעכטער.

סעם האָט גענומען גיכער שפּאַנען.

אַ פּאַרטיע איטאַליענער אין קאָלירטע העמדלעך, מיט ברייטע שטרויענע קאַפּעליושען, מיט בלאַנקענדע שפּאַדלעס אויף זייערע אַקסלען זענען איהם אַנטקעגען געקומען. זיי האָבען געגודערט ווי גענז, געוואָרפען גיך צום טאַקט מיט זייערע הענד און געקלאַפּט מיט זייערע היימישע שטיבלעטען.

— שטילעטאָ, קאַפּושעטאָ, פּאַלאַצעטאָ! — האָט סעם זיי גוט־מוטיג נאָכגעמאַכט. די איטאַליענער האָבען זיך איבערגעקוקט, צושמייכ־לענדיג און איינער אַ יונגער האָט איהם געוויזען אַ צונג.

פון דער ווייטענס האָט שוין סעם דערזעהען די „ניוס־דילערס“. זיי זענען געווען צעוואָרפען איבער אַ האַלבען „בלאָק“, געסאָרטירט זייערע

צייטונגען, וואָס זענען יעדע פּופצעהן מינוט אנגעקומען מיט'ן „עלע־וויטער". דאָס רוב „ניוס־דילערס" זענען געווען אידען, עטליכע אמערי־קאַנער יונגען און צוויי דייטשע „פרווילייגס". די אידען זענען אַליין ניט געקומען נאָך די צייטונגען. זיי האָבען געהאַלטען מענשען. דאָס רוב סטודענטען — בלייבע בחורים מיט לענגליכע האָר און ניט געראַזירטע פּנים'ער. וואָס האָבען פּאָר דריי טאָלער אַ וואָך צוטראָגען יעדען פריה־מאָרגען די צייטונגען איבער די הייזער.

די סטודענטען פלעגען זיך צונויפקלייבען אין אַ ווינקעל, פאַרזוימ־טע, ניט אויסגעשלאָפענע, זיך צוזעצען אויף אַ טרעפּ, פון לאַנגווייליג־קייט פאַרציהען עפּעס אַ דעבאַטע איבער אַ רוסישע פראַגע און דרעמלען. די שקצים מיט סעם'ען אין דער שפּיץ פלעגען אויפזוכען אַ שמאַטע, זי איינטונקען אין וואַסער און אַ שליידער טאָן אין דער קופּע. די בחורים פלעגען זיך איבערטרייסלען און בורטשען. סעם האָט זיי אַלע פיינד גע־האַט, זיי געטאַפּט פּאַר די הענד צו זיי האָבען מוסקולען און די בחורים פלעגען אויסגלאָצען זייערע קרענקליכע אויגען און נאַריש שמייכלען: „געטראָפען ס'אַרט"!

ליוואַי, אַ נידריג אידעל פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיט אַ קאָסע אויג און מיט אַ פּאָר צוגעשווירענע, שטייפע, ווי נאָדלען, וואָנסען, האָט געסאָרטירט זיינע צייטונגען און געזונגען מיט אַ ראש־השנה ניגון:

-אוי—אוי—יאוי—אוי—יאוי — האַ—האַ—אַ — האַ—אַ.

און אַ הויכער געלער יונג האָט אונטערגעכאַפּט:

— ה—מ—ל—ך!

לעבען זיי איז געשטאַנען מיס בעקער, אַן עלטערע דייטשע מויד אַרומגערינגעלט מיט עטליכע שקצים. מיס בעקער האָט גענומען אַ זעמעל, דורכגעצויגען אַ שטריקעל עס זאָל אויסזעהן ווי אַ של־ראש, זיך אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ, זיך געשטעלט אין אַ ווינקעל און נאָכגעמאַכט מיט ווילדע קולות, וואַרפענדיג מיט די הענד און מיט'ן גאַנצען קערפּער, ווי אידען דאַווענען.

אַלע, סיי גוים, סיי אידען, האָבען געפּלאַצט פון געלעכטער.

סעם האָט בטבע פיינט געהאַט אַלע אידישע „סאָנגס". ער איז אַליין אַ גרויסער בעל געווען אָפּצולאַכען ווי אידען רעדען ענגליש, ווי זיי מאַ־

כען משונה'דיגע העויות בשעת זיי רעדען. נאר אז ער פלעגט זעהן ווי א גוי טוט עס, פלעגט ער אז אויפגעקאכטער ווערן.

ער איז א בלאסער ארויף אויפ'ן „עלעווייטער“, אראפגעכאפט זיינע צוויי פעקלעך צייטונגען, זיי אויסגעסארטירט און איינגעשנורעוועט אין פאסעק. די מויד איז נאך אלץ געשטאנען און געבלעקעצט. סעם האט אוועקגעגעבען הערריי'ן, וואס האט נאר וואס געעפענט דעם „סטענד“ זיין פאק צייטונגען, גענומען מים בעקערם „פושקארט“, פאמעלעך איהם צו־געפיהרט צו איהר און זי הינטערווייליכס א זעץ ארייננעטאן איז וועגעלע.

די „פרוילין“ האט געמאכט קולות, זיך געריסען, נאר סעם איז גע־פלויגען מיט'ן וועגעלע איבער'ן טראטואר ווי א רוח. ספארט איז גע־שפרונגען אויף א פריהער מיט א בילעריי, זיך געווארפען אויף דער מויד. זי האט פאריסען איהרע נאקעטע פיס און געשאלטען. סעם האט ניט געענטפערט. ער האט זי צוגעפיהרט צו דער צווייטער סטאנציע פון „עלע־ווייטער“ און זי אפגעלאזט. ער איז גיך אוועק, געכאפט די צייטונגען. זיי אריבערגעווארפען איבער'ן אקסעל און אז אויפגערעגטער זיך געקלי־בען אין וועג אריין.

— האלא, סעם! — האבען איהם עטליכע חברים אפגעשטעלט.

— האלא, באים! ווי געהטס? — האט סעם געענטפערט.

סעם איז אבער קיין נאר ניט געווען. ער האט געוואוסט, אז עס וועט באלד געהן א סדרה פאלי — שווייגט ער, קוקט מיט שטאלץ אויף זיינע חברים.

— נו, — האט איהם איינער א שטופ געטאן מיט'ן עלענבויגען — ביזט „אל־רייט“, סעם! הפנים פאלי גלייכט דיך! — — —

— דאס ווייס איך — האט סעם געענטפערט מיט אזא צווידייטיגען שמייכעל, ווי איינער זאגט: „ניט נאר זי גלייכט, ברודער, נאר זי ווערט פשוט פארכאפט פאר מיר.“

— און אלעק מיינסטו וועט דיר שווייגען? — האט א צווייטער געזאגט — איטאליענער שווייגען ניט. — — —

— „וואט טהע העלל“! ווער האט מורא, ווער? און איצט, חברה, „גוט־באי“, מיר וועלען זיך דאך טרעפען פארנאכט אין סאלון — און געוואלט אוועקגעהן.

— אַלעק האָט נאָר וואָס געפּרעגט אויף דיר — איז הערדי צו און איהם איינגערוימט א סוד.

— נו? — האָט סעם געפּרעגט.

— כ'האָב געזאָגט, אז דו ביזט אוועק אויפ'ן „ראָט".

— און ער?

— ער האָט גאָרניט געענטפערט. מיר דאַכט זיך ער איז געגאַנגען צו דזשעראָם־וועלדיל.

סעם האָט זיך א טאָפּ געטאָן פאַר זיין הינטערשטער הויזען־קעשענע, א שפּיי געטאָן און איז אוועק. ער איז אַרוים אויף א זייטיג וועגעל וואו קליינע פּריוואַט הייזלער זענען געשטאַנען. ער האָט שנעל געדרעהט די צייטונגען אין רוידען. זיי געפּאָלדעוועט, פלינק געוואָרפען אויף די וועראַנדעס. פון מאָל צו מאָל האָט ער ספּאָרטען געגעבען א צייטונג אין פּיסק אריין. דער הונד איז פאַרשוואונדען, איז באַלד צוריק מיט א העשען און מיט אונגעדולד געוואַרט אויף א נייע שליחות. סעם האָט געשפּאַנט און געפּיהלט ווי דאָס פּעקעל ווערט גרינגער. ער האָט זיך יעדע ווייַלע אַרומגעקוקט, געווען זיכער אז אַלעק ליגט ערגעץ אויף א „לאָט", הינטער א קוסט און קלייבט זיך איהם איבערפאַלען. ער האָט מיט אמאָל דערפּיהלט א געוואַלדיגען חשק אז אַלעק זאָל אַרוים מיט א רעוואָלווער, צו מיט א שטילעט, איהם פאַרשטעלען דעם וועג, פרעגען א פּרעטענזיע — — ער איז געווען זיכער אז פריהער אָדער שפּעטער און איינער וועט מוזען אָפּטרעטען, דען פאַר זיי ביידע איז קיין פּלאַץ נישטאָ. סעם האָט מיט אמאָל א ציטער געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט.

פון א גרויסע גוס־אייזערנע רויר, וואָס איז געלעגען אין מיטען וועג אנגעגרייט פאַר וואַסער־לייטונג, האָבען אַרויסגעשטעקט א פּאָר שוואַרצע, ערטערווייז אָפּגעכמאַליעטע פיס. די פיס האָבען זיך געגומען באַוועגען און א מענש איינגעהילט אין צייטונגען האָט ביסלעכווייז גענומען אַרויסקריכען פון דער רויר. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, צושפּרייט די פיס, אַריינגעמאַכט די הענד אין די הויזען קעשענעס און ציהנעדיג ווי א זשיראַף זיין לאַנגען, דאַרען האַלז, האָט ער זיך צוגעזעצט. דער קאָפּ איז געווען צושויבערט, באַדעקט מיט שטיקלעך פּאַפּיר און די האָר האָבען אויסגעזעהן ווי פּאַרוויאַנעט גראָז.

— העי, ביל — האָט ער זיך געווענדעט צו סעמען שפּייענדיג אין אַלע זייטען — האָסט אפשר א סיגאַרעט?

— נא סער — האט סעם געענטפערט — טאבעק האב איך!

—אל־רייט! גיב „אונז" טאבעק!

ער האט גענומען א שטיק צייטונג־פאפיר, אויסגעוויקעלט א סיגא־רעט, פארקלעפט מיט דער צונג, ארויסגענומען א שוועבעלע, אנגעריבען אן די גלאנציגע ווי לעדער הויזען און פארצויגען. ער האט איינגעקאר־טשעט זיין לאנגען האלז צווישען די אקסלען און א הינקעדיגער פאר־שוואונדען צווישען די לעדיגע „לאטס".

סעם האט נאכגעקוקט דעם טרעמפ, און כאטש ער האט געוואוסט, אז זיי ווערען דער'הרג'עט אין די טויזענדער יעהרליך, אז זיי גנב'ענען זיך אויף די צוגען, ליגען הינטער די וואגאנען אויף די רעסארען און מען שליידערט זיי אין שנעלען לויפען ארונטער, פונדעסטוועגען האט איהם דאס פרייע טרעמפישע לעבען פון תמיד אן געצויגען און איינע פון זיינע שעהנסטע חלומות איז געווען אוועקצופאטשען אין א פראסטען פריה־מארגען, אהין א זיי געזונד אין דער ווילדער „וועסט".

סעם האט אויסגעטיילט די לעצטע צייטונגען. ספארט איז געלאפען אויף א פריהער מיט אן אויסגעשטרעקטע צונג — א סמן עס וועט זיין א חמימה. ער האט געקוקט פון אויבען אראפ אויף די קלענערע הינד, וואס האבען מיט א הינטישע חניפה זיך געלעקט צו איהם, געדרעהט מיט'ן עק. און אז אן עזות־פנים האט זיך אנגעשפארט מיט זיינע פאדערשטע לאפעס אן ספארטס רוקען — האבען איהם שוין מעהר קיין צרות ניט געפעהלט. דערפאר, אז ער האט געטראפען זיינס א גלייכען, האט מען זיך אפגעגעבען שלום מיט די שנוקעס, זיך באשמעקט, פיעל מאל חשק געהאט צו פארציהען די באקאנטשאפט, נאר ווי אויף צו להכעים האט זיך תמיד דערהערט סעם'ס פייף און ספארט איז א פארליעבטער אוועק צום בעל־הבית.

פון די הייזער האבען זיך שוין גענומען ארויסשיטען מענשען מיט'ן לעצטען ביסען אין מויל און מיט האלב אנגעטאנענע רעקלעך. פארשלא־פענע מיידלעך זיינען ארוים מיט'ן מיטאג, איינגעוויקעלט אין פאפיער אונטער די ארעמס, און מיט דיקע ראמאנען אין די הענד. זיי האבען זיך פארגאפט ארומגעקוקט, אינסטינקטיוו א ציה געטאן מיט דער האנד איבער דער לענג פון קלייד צו זעהן אויב דאס אונטער־קלייד זעהט זיך ניט ארויס, אפגעזיפצט און זיך געלאזט צום „שאפ". די מענער, אלט

און יונג, האָבען אויטאָמאַטיש געפרעגט פארביילויפענדיג סעם'ען: „האַו וואַן"? — ניט געוואָרט אויף אַן ענטפער און געלאָפען ווייטער. דאָס האָבען זיי געפרעגט וואָס פאַר אַ פּאַרטיע האָט געוואונען דעם „בייז־באָל גיים". סעם האָט זיי נאָכגעקוקט, זיך געוואונדערט ווי זיי קענען דאָס זיצען גאַנצע טעג אין שאָפּ און אַרבייטען. און איהם איז איינגעפאַלען אַז דעם טרעמפּ וועמען ער האָט געזעהן אַרויסקריכען פון דער רויר איז אפשר בעסער פון זיי.

עס האָט זיך איהם פאַרוואָלט עסען. ער האָט לאַנג ניט געטראַכט, איז אַריין אין ערשטען פעדער הויז, צוגענומען אַ פלאַש מילך, וואָס איז געשטאַנען נעבען אַ טיר, אַרויסגענומען עטליכע זעמעל פון אַ בייטעל און געגאַנגען צו דזשעראָם־וועלדעל.

דאָס וועלדעל איז באַשטאַנען פון גרויסע צושפּאָלטענע סקאַלעס. פון די שפּאַלטען האָבען אַרויסגעוואַקסען וועלשענע בוימער. דאָס גאַנצע וועלדעל האָט זיך געטוקט אין זון. שטראַהלען מיט שטראַהלען האָבען זיך געשפּיעלט, געפלאָכטען, זיך צונויפגעגאָסען אין בּרייטע זילבערנע פּאַסען. געטיילט דאָס וועלדעל.

סעם איז צוגעקומען צום וועלדעל און זיך מיט אַמאָל דערפיהלט אַזוי פריי — כאָטש נעהם און שטעל זיך אויפ'ן קאָפּ!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַ זילבערנע זייל איז אַרויסגעוואַקסען פאַר זיינע אויגען, געוואַקסען אַלץ העכער, זיך געריסען אין הימעל אַריין און עס האָט זיך געדאַכט אַז אָט־אָט און די זייל פאַלט. די זייל איז באַשטאַנען פון קליינע זילבערנע פליגעלעך, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין באַוועגען זיך. דער הונד האָט זיך עטליכע מאָל אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן זייל מיט אַן אָפּען פּיסק, דאַכט זיך געמאַכט אַ לאָד און גלייך ווי דער הונד איז אָפּגעשפּרונגען איז שוין קיין זכר פון לאָד ניט געווען.

סעם האָט געוואוסט, אַז דער פּלאַץ איז זומפּיג, האָט ער איהם אויסגעמידען, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ סקאַלע הינטער אַ בוים. ער האָט געעפענט די פלאַש און גענומען טרינקען פון העלזעל. ניט ווייט פון סעמען הינטער אַ צווייטען בוים איז געזעסען דער טרעמפּ. ער האָט עפּעס אַרויסגענעסען פון אַ פּאַפּיר און פאַרטרונקען מיט מילך פון אַ פלאַש. ספּאַרט האָט הפנים דערשמעקט פלייש און זיך צובילט. סעם האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזעהן דעם טרעמפּ און דאָס בלוט האָט איהם אַ שלאָ

געטאָ אין פּנים אריין. ער האָט אליין ניט געוואוסט, פאַרוואס ער האָט זיך פארשעהמט. געלאָזט ליגען די פלאַש און געוואלט אפציהען דער טרעמפּ זאָל איהם ניט באמערקען.

— העי, ביל — האָט ער דערהערט דעם טרעמפּ'ס שטימע — קום אהער, וועסט א בים טאָן. צוזאמען וועט זיין הימליכער און הונגעריג ביזטו דאך געווים ווי א שוהל־מויז!

סעם האָט זיך פארלוירען. געוואָלט עפּעס ענטפערען, פון פאַרדרוס א שפּיי געטאָן און גיך ארוים פון וועלדעל.

# III.

ארויסקומענדיג פון וועלדעל האט סעם באמערקט ווי א מענש ווארפט זיך אויף איהם. און איידער ער האט צייט געהאט זיך ארומצוקוקען האט ער דערהערט: „הענדס אפ!" און דערפיהלט ווי א פאר הענד נעהמען איהם פעסט ארום.

סעם איז עטוואס צוטומעלט געווארען, אינסטינקטיוו דערפיהלט אז דאס מוז זיין אלעק און זיך א ווילדען ריס געטאן. פאר איהם איז גע־שטאנען דזשייק אין א פאר אויסגעדריוועלטע הויזען. פון וועלכע עס האט זיך געדאכט, ער איז שוין לאנג אויסגעוואקסען, זיך געהאלטען פאר די זייטען און געלאכט.

— געה צו אלדע וויסטע יאהר, דו פארפוילטער העכט! — האט סעם אז אויפגעקאכטער געזאגט, נאר זעהענדיג דזשייק'ן אין זיינע גע־קעסטעלטע מייטקעס, מיט'ן אפענעם הארינגען לייב, האט ער זיך ניט געקאנט איינהאלטען און זיך צושמייכעלט. ער האט דזשייק'ן גוטמוטיג ארומגענומען, איהם גענומען דרעהען אין אלע זייטען, באטראכטענדיג איהם פון קאפ ביז פיס:

— א הילוך'על גנב! הא, הא, הא! — האט זיך סעם הארציג צו־לאכט.

— לאז געמאך, דו פארשטאפטער מח! — האט דזשייק געענט־פערט עטוואס א באליידיגטער. ער האט זיך ארויסגעדרעהט פון סעם'ס הענד און א וואקלענדיגער זיך קוים דערהאלטען אויף זיינע פיס.

— ביזט א נאר — האט סעם געשמייכעלט — כ'מאך א שפאס און דו „בוב" באליידינסט זיך.

אז דזשייק האט זיך געפיהלט בגלופין האט ער געהאט א שוואכ־קייט צו רעדען מיט דער שפראך פון שערידא'נס און שעקספיער'ס העל־דען.

— סילענסיום — האט דזשייק אויסגעשריען, אריינגעשטעקט די הענד אין די הויזען קעשענעס און זיך קוים געהאלטען אויף די פיס —

עס שטעהט דיר פּיליִיכט ניט אָן צו געהן מיט מיר? דו שיסעל־לעקער! דו פאַרדאַמטער, הונד־שלעגער! איגנאָראַמוס! יעדער „אינטש“ איז מיר איז א דזשענטעלמען!

דזשייק זעהענדיג, אַז סעם האַלט אין איין שמייכלען, האָט פון פאַר־דרוס געגומען שילטען זיין מאַמע'ן, זיין טאַטע'ן, זיינע פאַרגאַנגענע דורות, זיינע קומענדע דורות ביז דעם פערטען געבורטה.

— צו אַלדע יאָהר, וואָס גודערסטו? — האָט סעם זיך אַזוי הילכיג און האַרציג צולאַכט, אַז דזשייק האָט ניט ווילענדיג געמוזט מיטלאַכען.

— רעד מענשען זאָלען פאַרשטעהן, אַז דו רעדסט בינעזיש — —

דזשייק האָט מיט די גוטסקייט פון א שכור אַנגעכאַפּט סעמען פאַר'ן אָרעם, איהם עטליכע מאָל געקושט, געקלאַפּט אויף דער פּלייצע און ציט־ריג גערעדט:

— ביזט א „גוט־באַי“, סעם! כ'האָב דיך ליעב! גיעב א האַנד, אָט אַזוי! מיר וועלען זיין פריינד! כ'האָב דיך נאָר וואָס באַליידיגט, מיאוס באַליידיגט, אַנאַנדערער וואָלט מיר די אויגען אויסגעשלאָגען! אָבער דו קענסט דזשייק'ען, אמת?

סעם האָט זיך פאַרלוירען פון דזשייק'ס ווערטער, געוואָלט עפּעס ענטפערען נאָר מעהר ווי א צוג מיט די אַקסלען האָט ער ניט געטאָן.

— איצט, ברודער — האָט דזשייק ווידער אָנגעהויבען — מוזטו געהן מיט מיר, מיר מוזען אָפּשווענקען אונזערע פייפלער, טרינקען ברוד־דערשאַפט, ווי דער שוואָב זאָגט. ניט געזאָרגט, סעם, איך צאָהל!

זיי זיינען אַריין צו פּאָלאַק'ען אין סאַלון, זיך אָוועקגעזעצט ביים צאָהל־באַנק, אַנגעשפּאַרט איין פוס אָן דעם מיט קופּערנע בלעך באַשלאָ־גענעם שטעקען, וואָס האָט זיך געצויגען דורך דער גאַנצער לענג פון דער צאָהל־באַנק און געבעטען צו גלעזלעך בראַנפען.

דער סאַלון־קיפּער האָט אָוועקגעשטעלט א פלאַש בראַנפען מיט שמאַלע גלעזלעך און זיך געווענדעט צו סעמען:

— דו ווייסט, סעם, כ'האַלט דאָך ביים קויפען מיסעס ריטש'ס „סטאָר“?

— אָבי ניט די מיסעס — האָט סעם זיך צולאַכט און אויסגעטרונ־קען א גלעזעל בראַנפען — „גאָ העט“, מיסטער פּאָלאַק, קויפט דעם „סטאָר“. און מיר א „רייז“ איז דאָך אָפּגערעדט, האָ?

— ווי דען, ווי דען — האט פּאָלאק געשמייכעלט און וואוילעריש א פרעג געטאן — און אז כ'וועל קויפען אי די „מיסעס", אי דעם „סטאָר"?

— איז נאך בעסער! דעמאָלט, מיסטער פּאָלאק, פאַרזיכער איך אייך אז איהר וועט שוין קיין ביטער וואסער ניט דארפען טרינקען — —

— הא, הא, הא! — האט דער אלטער זיך צולאכט און געקלאַפּט סעמען אויף דער פּלייצע — „טהאט'ס ע' גוט וואן!" יאָ, „יעס סיר". אבער נאך אלע קונצען איז מיסעס ריטש א בריה, הא? ווי כ'זעה גלייכ־סטו הפנים דעם „ספּרינג־טשיקען", פּאָלי'ן — האט דער אלטער סעמען א קיצעל געטאן און גענומען אנגיסען א קעסעלע ביער.

פונקט ווי ביי אמת'ע שכורים, ביי וועלכע דער בלויזער ריח פון בראָנפען איז גענוג אז אלץ ארום זאל ווערען גרעסער און שעהנער — אזוי האט דזשייק נאָכ'ן צווייטען שנאַפּס דערפיהלט, אז ער וואקסט העכער און העכער, אז נאך א רגע און זיין קאָפּ וועט דורכשלאָגען דעם סופיט. אלץ האט ביי איהם אויסגעזעהן שעהנער, אפילו דער צוגאסענער שיינקער מיט די וואסערדיגע אויגען האט ביי איהם אויסגעזעהן ווי א נאָבעלער מאנדארין נאך אהן א צאָפּ. ער האט דערפיהלט ווי דער מח ווערט ריינער, ארבייט שנעלער און עס האט ביי איהם דורכגעבליצט, אז סעם איז א פארשטעלטער ריטטער פון עליזאבעט'ס צייטען, פאהרט אויף זיין צוגאָוועט פערד לאנד איין, לאנד אויס און זוכט

“A Lady From a Far Country”

איז עס צאהלבאַנק איז געשטאַנען א ניגער מיט אן אראָפּגעלאָזטער ליפּ ווי א שמאַטקע איבער א גלאָז ביער און געמאכט א מינע ווי ער קלויבט זיך כאַפּען א דרעמעל.

דזשייק האט אנגעגאסען א שנאַפּס און זיך געווענדעט צום ניגער:

— האלאָ, דזשימי! נאָ, מאך א שנעפּסעל!

דער ניגער האט א שמייכעל געטאן, צוגעגאַנגען א ניט זיכערער, ווי איינער וואָס רעכענט אז וועז ער וועט צוקומען, וועט מען איהם אנ־שטאָט בראָנפען ווייזען א פייג. ער האט גענומען דאס גלעזעל אין זיינע מאלפּישע הענד, פארקאטשעט די ליפּען, געדריקט דזשייק'ען די האנד, און

פאַלענדיג פון די פּיס האָט ער אַ האַסטיגען טרונק אויסגעטאָן דעם בראַנפען.

דער ניגער האָט פאַר גרויס שמחה ארויסגעכאַפּט אַ זילבערנעם דאָ־לאַר, אַ וואָרף געטאָן אויף דער צאַהלבאַנק און באַשטעלט דריי שנאַפּסען מיט אַמאָל. דזשייק׳ס ריטטערשע נאַטור האָט זיך געפיהלט באַליידיגט וואָס אַ ניגער איז איהם מכבד. האָט ער זיך געכאַפּט פאַר זיינע לעדיגע קעשענעס, געשטופּט דעם ניגער דעם דאָלאַר צוריק און געשריען, אַז ער וועט צאָהלען. דער ניגער האָט פאַרגלאָצט זיינע עטוואָס מיט בלוט אָנ־געגאָסענע אויגען, געגאַנוועט, זיך געוואַקעלט און געשריען, אַז ער מוז צאָהלען. אַז כאָטש ער איז אַ ניגער האָט ער דאָך אַ סך געלד. אַז אַפּילו לינקאָלן, דער גרעסטער מענש וואָס די וועלט האָט אַמאָל געהאַט, האָט געטרונקען ברודערשאַפט מיט ניגערס. און — — — ביזביידע האָבען זיך פאַר גרויס ליעבשאַפט ארומגעכאַפּט, זיך גענומען קושען און סמאַטש־קען מיט די ליפען ווי מיט בייטשען.

סעם האָט זיי עטליכע מאָל געוואָלט פונאַנדערשיידען און יעדעס מאָל האָבען זיי זיך אויף דאָס ניי געוואָרפען, ווי אַ פּאָר געליעבטע, אין די אָרעמס.

דער ניגער האָט זיך איינגעבויגען צו דזשייק׳ס אויער, איהם גע־קלאַפּט איבער דער פּלייצע און איינגערוימט אַ סוד, אַז אַלע האָבען גע־הערט.

— קום, ברודער, קום מיט מיר, האָב איך אַ ווייבעל — דאָ האָט דער ניגער צוגעלעגט די שפּיץ פינגער צום מויל און אַ פייף געטאָן — זי איז אַ גוט מיידעל. זאָג איך דיר! „סטריקטלי“ כשר! כי, כי, כי! זי איז אַ מלאך, קום! דו ביזט מיין חבר, אַליי באַלאַנגט צו דיר, אַפּילו מיין ווייב, ניט וואָהר?

— וואָס, דיין ווייב איז אַ אידישע? — האָט דזשייק אויסגעשאָסען מיט אַ האַלצערנעם געלעכטער.

— מיר אַרט ניט — האָט דער ניגער געגאַנוועט — מענשען זיינען מענשען, ניט וואָהר? ביי מיר איז אַלץ איינס: אַ ווייסער, אַ שוואַר־צער, אַפּילו אַ איד — — — גאָט האָט אונז אַלע געמאַכט, ניט וואָהר?

—און איז גאָט גלויבסטו? — האָט דזשייק גלאַט אַזוי געפרעגט.

— איז גאָט — האָט דער ניגער איבערגע׳חזר׳ט, אַנגעשפּאַרט בשעת

מעשה זיין האלז אז דזשייק'ס אקסעל ווי א קוה אויף דער צוויטער און געמעקעט — צו איך גלויב איז גאט? כ'וויים ניט! דאכט זיך, כ'גלויב! ווי זאגט אונזער גלח? אז א „שאפ" אהן א „פארמאן" קאן ניט זיין! דאס איז אמת! אונזער גלח, דער גאט פארדאמטער, איז א קלוגער בחור! ער זאגט, אז גאט זעהט מען ניט, איהם פיהלט מען, אלס ארום זאגט עדות, אז עס איז דא א גאט. א גאט, זאגט ער, איז גענליכען, צו א טכויר. א טכויר זעהט מען ניט, מען הערט ניט, מען פיהלט איהם אבער, כי, כי, כי! גאט־פארדאמטער, אונזער גלח איז קלוג, ניט וואהר?

דא האט זיך דזשייק אזוי צולאכט, אז ער האט פון גרויס שמחה אנגעכאפט דעם ניגער און מיט איהם ארויסגעשפרייזט פון שענק. ער האט א שפרייז געטאן פון אלע דריי טרעפלעך און זיך ארויסגעקייקעלט מיט'ן ניגער אויפ'ן טראטואר.

פון דעם קלאפ האט זיך דזשייק אויסגעניכטערט. ער האט פון פאר־דרוס א שפיי געטאן, געלאזט ליגען דעם ניגער און אוועק מיט סעם'ען. עס איז געווען צעהן א זייגער. דער טערמאמעטער האט געוויזען אין שאַ־טען 95 גראד פארענהייט. הייסע כוואליעס האבען זיך געטראגען אין דער לופט און עס האט זיך געדאכט אז מען שטעהט צווישען גרויסע אויס־געהייצטע אויוועגס און די פלאמען באקען און פרעגלען אהן רחמנות.

זיי זענען אריין אין פארק און זיך אויסגעצויגען הינטער א בוים. ספארט האט איינגעקארטשעט זיינע הינטערשטע לאפעס, אויסגעצויגען די פאדערשטע, עטוואס פארזשמורעט די אויגען, ארויסגעשטעקט די צונג, אנגעשטעלט דעם קאפ גלייך אנטקעגען דער צופלאמטער זון און געחלום'ט.

— נו, זאג אליין, דזשייק — האט סעם אנגעהויבען נאך א לאנגען שטילשווייגען — זאג אליין, וואס וועט זיין דער סוף? דער בראנפען הרג'עט דיך דאך אוועק! גלויב מיר. ווען כ'האב דיך געזעהן ליגען מיט'ן שמוציגען ניגער אויף דר'ערד האב איך חשק געהאט דיר א קאפע צו טאן אין הינטען, יאו דעמעט!

דזשייק האט גאר ניט געענטפערט. ער האט זיך אויפגעזעצט, אויסגעשטעלט די קניה ווי קראקוועס, זיי ארומגעגארטעלט מיט אי הענד, אנגעשפארט זיין מיעדען קאפ און זיך איינגעהערט.

— ווי לאזט זיך א מענש אזוי אפ? — האט סעם ווידער אנגע־הויבען.

— שאראפּ! — האט דזשייק איהם איבערגעריסען און האסטיג אויסגעצויגען די פיס — קוק, ווער ס'רעדט! ס'איז ניט דיין באבעס־דאגה! כ'ביז לחלוטין ניט אויפגעלעגט דיר הערען פּרעדיגען. הערסט? איך מיש זיך פיעל אין דיינע פּריוואט אינטערעסען? דו מיינסט ס'איז א סוד, אז דו שלעפּסט זיך ארום מיט פאלי'ן? פונדעסטוועגען. מעגט איהר ביידע ברעכען הענד און פיס, וועמען ארט עס? פאר מיר איז זי גע־שטארבען! דו פארשטעהסט? דו פארשטאפּטער מח, דו! ווען דו וואלסט געוואוסט וואס דא קומט פאר — האט דזשייק געשריען און זיך געקלאפּט מיט דער פויסט אין הארצען—וואלסטו קיין מאל מיר ניט געפּרעדיגט, דו גאט פארדאמטער. דו! דו האסט רחמנות אויף מיר, באוויינסט מיך וואס פון מיר איז געווארען און אליין קריכסטו מיט דיינע האלאבליעס, פארדאמטער „שיני" אין דער זעלבער בלאטע אריין! הא, ניט אמת? שפּיי אויס! דזשייק'ען וועסטו ניט נארען, ער האט אן אדלער־אויג, ברודער! הע, דו אינגעלע, אינגעלע — האט דזשייק גאליג געזאגט און זיך צעוויגט מיט'ן קאפּ — כ'זיץ און קוק ווי דאס קדחת ווארפט דיך, ווי ביזט נאר וואס פארפלאמט געווארען ווי א נאריש מיידעל. ווען כ'האב פאלי'ס נאמען דערמאנט. און שוין באלד דריי שטונדען ווי דו שלעפּסט זיך נאך מיר, ווי א הונד נאך א צויג און האסט אלץ ניט דעם מוטה, דו פייגלינג, דו, צו זאגען וואס דו ווילסט! איך אבער וויים וואס דו ווילסט! זיך אויסשמועסען וועגען פאלי'ן, אמת? און דו וועסט ניט מיעד ווערען צו רעדען וועגען איהר א גאנצען טאג, וועסט זיצען אין דרייען אן איינגע־קורטשעטער, מיט דער סליונע אין מויל און זיך איינהערען מיט לייב און לעבען צו יעדען ווארט מיינס. אזא טבע האט שוין דער מענש, און בשעת מעשה מסתמא קלערען אז אט די פאלי וועט זיין דיינע! טא הער מיך אויס, מיין אינגעלע, הער וואס דזשייק שכור זאגט דיר: שלאג דיר פאלי'ן ארויס פון קאפּ, הערסט? דזשייק איז מעהר מענש געוועזן פון דיר און זי האט פון איהם געמאכט א פאיאץ, רעכענסטו, אז זי וועט מיט דיר חתונה האבען? מכות! זי האט אין זיך הינטיש בלוט, האט זי אין זיך! אזוינע פרויען האבען ניט חתונה און טארען ניט חתונה האבען, און אויב אפילו זי וועט מיט דיר חתונה האבען וועט זי צומארגענס אנטלויפען! און אלעק'ען מיינסטו האט זי ליעב? ניקסי! זי האט איהם פיינט ווי דעם טוידט און קריכט צו איהם ווי א ציגאנקע, אזא פארשווין איז זי!

סעם איז געזעסען אין ערענסטער, מיט א צועפּענט מויל, א פּאָזע וואס מאכט תמיד גוטמוטהיגע אויסזעהן נאריש, און זיך איינגעהערט מיט ליב און לעבען צו דזשייק'ס רייד. דזשייק איז איהם איצט נאך מעהר געפעלען. און ווי אלע גוטמוטהיגע יונגען, וואס זוכען זיך תמיד אָפּ א פריינד פאר וועמען דאס הארץ אויסצוגיסען. האט סעם אויך באשלאָסען, אז דזשייק איז דער פּאסענדסטער און ביי זיך איז הארצען נאך מעהר באדויערט צו וואס דער יונג שכור'ט.

אז דזשייק איז אנשוויגען געווארען האט סעם איהם א קלאַפּ געטאן איבער די קניה.

— וועז ניט דער ביטערער טראָפּען, דעמעט, וואלסטו געקענט זיין א „לאיער"!

— יאו בעט — האט זיך דזשייק צולאכט — ווייסט ניט, אלע גוטע בעל־מלאכות זענען שכורים.

דזשייק האט אָפּגעהוסט, זיך צושמייכעלט און ווידער אָנגעהויבען:

— כ'וועל דיר עפּעס דערצעהלען וועגען פּאלי'ן וועסטו לאכען. שפּילסט זיך מיט איהר? הער א געשיכטע: פּאלי האט געהאט א חבר'טע ניט פאר דיינע צייטען, א יונגע, ניט קיין מיאוס'ע אלמנה. זי האט געהאלטען א „ביוטי פּארלאר" אויף בראדוויי. דאס ווייבעל האט מיך געגליכען און איך, פארשטעהסטו מיך, האב געהאט מיינע צרות, איז זי מיר אפילו אין קאָפּ אריין ניט געקראָכען. מיט אמאל נעהמט פּאלי מיט מיר איינ'טענה'ען, אז כ'בין זעהר א שלעכטער, כ'באגנה זיך מיט איהר חבר'טארען צו גראב, אז עס איז א רחמנות אויף איהר און כ'האב איהר געמוזט צוזאגען, אז כ'וועל זיך באגעהן מיט איהר אנדערש. דערווייל האט זי מיך גענומען איבערלאזען מיט'ן ווייבעל אליין, האט אויף קאַטאוועס איינמאל פארשלאָסען אונזער טיר און אוועקגעגאנגען. דו ווייסט דאך א מאן איז קיין חזיר, א ווייבעל הענגט זיך דיר אויפ'ן האלז, קושט דיך און אליין ביזטו ניט פון האלץ, נאר וואס זאל איך דיר לאנג ברייען — האט מיר פּאלי אָפּגעשפּילט דערנאך א נאכט, געהאלטען אין איין וויינען, זיך געריסען די האר, מיר געשפּיגען אין פּנים, געשריען, אז כ'בין פאלש און זא ווייטער. און אז כ'האב מיך גענומען פארענטפערען האט זי אויסגעשריען, אז זי ווייס אלץ, זי האט דורכ'ן לעכעל פון דער טיר אריינגעקוקט. נו, וואס זאגסטו דערויף?

זשייק איז אנשווינגען געוואָרען. אָפּגעהוסט, א שפּיי געטאָן אויף צוויי איילען פון זיך, צוריק אַנגעשטעלט די קניה ווי קראָקוועס, זיי אַרומ־געגאַרטעלט מיט די הענד, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט אַמאָל דער־הערט אַזעלכע טעמפּע קלעפּ, גלייך מען וואָלט מיט שווערע האַמערס גע־קאָוועט ברילעס בליי. דער בליי איז זיך צולאָפּען אונטער די קלעפּ אין דינע קיילעכדיגע רעדער. די רעדער זענען זיך צעוואַקסען משונה'דיג גרויס, איינגעשלונגען איינער דעם צווייטען, געפּייפט, געברעוועט, זיך איינגעשניטען אין מח, איהם מיטגעשלעפּט. ער איז געפלויגען העכער און העכער איבער די וואָלקענס, געפיהלט ווי די לופט ווערט שיטערער, פאַרכאַפּט דעם אָטהעם, שטיקט און מיט אַמאָל האָט ער זיך צעוויינט צולאָזט הענד און פיס, אַרויסגעלאָזט א קוויטש און באַץ פון א וואָלקען אַראָפּ! ער איז געפלויגען אַלץ שנעלער און שנעלער, זיך געטראָגען מורא'דיג גיך, געוועזען זיכער אז באַלד, באַלד קומט דער טוידט און אינ־סטינקטיוו דערפיהלט ווי אלס ציהט זיך ביי איהם אָן ביז צום פּלאַצען. גרייט זיך צום לעצטען ווידערשטאַנד. ווי א פאַרוואונדעטע חיה, האָט ער זיך געכאַפּט מיט די הענד, מיט די פיס, אפילו מיט די אויגען פאַר יעדע זאַך, וואס ער האָט אַנגעטראָפען אויפ'ן וועג — איז אַלץ אָבער צופאַלען אונטער זיינע פינגער ווי איבערגעזעגטע שטרוי און ער איז נאָך שנעלער געפאַלען. און פון דערווייטענס האָבען זיך געטראָגען מחנות אינדיאַנער מיט אויפטרייסלענדע קולות, זיך געריסען צו איהם. דזשייק האָט פון שרעק א געשריי געטאָן, געכאַפּט א שטרוי און זיי פאַרשטעלט דעם וועג. די אינדיאַנער האָבען זיך א שטעל אָפּגעטאָן, צוריקגעפאַלען אויף מיילען און ווי פאַרשטיינערט געוואָרען. די פּלוצלינגע שטילקייט האָט טעמפּ גע־קלונגען אין דזשייק'ס אויערען און ער האָט דערהערט קולות:

— ציהט איהם פאַר דער נאָז, אַט אַזוי! עפענט ס'העמד, גיכער! וואסער, וואַסער!

ער איז אויפגעקומען מיט'ן געדאַנק, אַז ער לעבט, אַז ער איז ניט געשטאָרבען און טיעף אָפּגעזיפצט.

איבער איהם איז געשטאַנען סעם און איהם געצויגען פאַר דער נאָז. א פרוי האָט איהם געעפענט דאס מויל און אַריינגעגאָסען וואסער פון א פלעשעל. א מאַן האָט געאַרבייט מיט דזשייק'ס הענד ווי מיט איי־זענס פון א פּאַמפּ...

— אבי דערמינטערט! — האט זיך געהערט פון אלע זייטען.

וויבער מיט „קערידזשעס“ און אָהן קערידזשעס זענען זיך צונויפגע־קומען פון אלע עקען פארק, געשפרייזט אזוי גיך ווי די שמאָלע קליידער האבען נאר ערלויבט, געמאכט רחמנות פנים׳ער, געלאָזט טרעהרען און אז זיי זענען צוגעקומען און דערזעהן, אז דער חלש׳ער זיצט שוין און שמייכעלט זענען זיי געבליבען מיט נעזער און געוויים אין הארצען באדויערט וואס זיי האבען פארפעהלט אזא אמוזירענדע זאך.

דער עולם איז זיך צוגאנגען.

— צו אלדע יאהר — האט דזשייק געשמייכעלט — א נארישע טבע צו חלש׳ען.

— אז דו ביזט אליין שולדיג — האט סעם אז ערנסטער געזאגט — דאס טרינקען ליגט דיך אין דער ערד אריין!

— זיי קיין נאר ניט — האט דזשייק גוטמוטיג געענטפערט — דאס איז דאך די איינציגע זאך וואס איז געבליבען אין לעבען! און דער־צו האט דאך יעדער עפעס וואס פאר׳שכור׳ט איהם! אט האסטו למשל א פאלי, א צווייטער האט עפעס אנדערש, נו, און אזוי ווייטער — — די גאנצע וועלט, ברודער, איז א סאלון! דער אונטערשיעד איז נאר וואס יעדער איינער האט זיך זיין משקה, טהאט־אל! און יעצט מיין ליעבער „באי“, פאק זיך, כ׳בין טוידט מיער, כ׳וועל זיך אביסעל צושפארען.

— געה שויז, געה, ביזט דאך ניט געזונד — האט סעם איהם גע־נומען בעטען — קום בעסער מיט מיר, כ׳וועל דיך אהיימפיהרען!

— זיי קיין נאר ניט — האט דזשייק געזאגט און זיך אומגעדרעהט מיט׳ן פנים צום בוים — דער טייפעל וועט מיך ניט נעהמען! „גוט־באי!“

## IV.

פאלאק דער „סאלון־קיפער" האט א גאנצע נאכט ניט געקאנט שלאפען. ער האט זיך געדרעהט ווי אן אלטער בער פון איין זייט אויף דער צווייטער, געקרעכצט, אז עס איז דערשטיקט צו ווערען. יעדע ווייל־ע האט ער זיך אן איבערגעשראקענער אויפגעכאפט, ווי איינער וואס האט מורא צו פארשפעטיגען א צוג, און זיך איינגעהערט. ער האט ארויסגענומען פון הינטער'ן קישען זיין טאמבאנקענע „ציבעלע", זיך איינגעקוקט און פארגעסענדיג גלייך ווי שפעט עס איז, האט ער זיך צוריקגעלעגט. ער האט טאקע ניט געקענט שלאפען. עס האט געשטיקט. די לופט איז געווען געדיכט און עס האט זיך געדאכט וואס מען זאל ניט ארויסלאזען פון דער האנד וועט עס בלייבען הענגען. דאס שטיקעניש אבער איז נאר געווען א ביי־זאך. שוין באלד צוויי וואכען ווי פאלאק איז ניט געשלאפען. ער איז געווען פארליעבט ווי א אינגעל אין מיסעס ריטש. דעם אמת זאגענדיג, האט ער זיך שוין גע'שדכנ'עט צו איהר איבער א יאהר און פון שדוך וואלט אפשר גאר ניט געווארען, דען ביידע זענען געווען צו ביטרע אפצונארען איינער דעם צווייטען. מיסעס ריטש האט געוואלט א קלייניגקייט: ער זאל איהר אפשרייבען א העלפט פארמעגען און דורכטרייבען חוה'ן, עפעס א פארדעכטיגטע מויד, א האלבע אידיאטקע, כלומרשט אן אייגענע, וואס האט געוואהנט ביי איהם. פאלאק האט פון דעם אלעם ניט געוואלט הערען, זיך געהאלטען פאר א געווילדיגען חכם און שפייענדיג זיך אין פויסט אריין, (אזא טבע האט ער געהאט) האט ער זיך געטראכט. צו וואס דארף ער דעם גאנצען טאראראם, אז מיסעס ריטש וועט סיי־ווי־סיי אין זיינע הענד ארייננפאלען. געזאגט־געטאן, און פאלאק האט אפגעקויפט דעם ערשטען „מארטגיידזש" אויף מיסעס ריטש „סטאר". אז עס איז געקומען די צייט צו צאהלען די ערשטע ראטע איז מיסעס ריטש געווארען די חכמה און זיך געטראכט, אז זי וועט איהם צאהלען ס'חולאת מיט'ן ריפקובען. זי האט זיך אנגעטאן א יום־טוב'דיג קלייד, געלאזט דעם קארסעט אין דער היים און אוועק צו פאלאק'ען.

שפעט אין דער נאכט איז פאלאק געזעסען איינער אליין, זיך גע־שפיגען אין דער פויסט אריין און געטראכט, אז עס האט נאך געקאנט זיין ערגער. מיסעס ריטש אהיימקומענדיג האט געלאכט אין די פויסטען. אריינגעווארפען עטליכע סענט אין דער תלמוד־תורה פושקע וואס האט געהאנגען אויף דער וואנט און צוריסען דעם וועקסעל.

פון דעמאלט אז האט פאלאק א מינוט ניט געקאנט לעבען אהן מיסעס ריטש. ארומגעגאנגען ניט טוידט, ניט לעבעדיג, זי אפגעווארט יעדען פארטאג און איהר געהאלפען עפענען דעם „סטאר“.

פאלאק האט באשלאסען, אז היינט מוז ער מאכען א סוף און זיך אויפגעכאפט נאך פריהער ווי תמיד. ער איז פון היימליכקייט וועגען דורך עטליכע מאל די שטוב און אריינגעקוקט צו חוה שלאפט.

חוה איז געוועזן א מויד פון א יאהר פופציג, מיט א שמים פנים׳על, מיט א פאר טעמפע, פייכטע אויגען. מען האט זי זעלטען ווען געזעהן אויף דער גאס און נאך זעלטענער געהערט רעדען. זי איז תמיד געזעסען אין שטוב, געדאווענט און געזאגט תחינות. וואס זי האט געטאן ביי פאלאק׳ען האט קיינער ניט געוואוסט, פונקט ווי קיינער האט ניט גע־וואוסט ווער פאלאק איז. פאלאק אליין האט אויך פיעל געהאלטען פון שווייגען, באטש ער האט גערעדט א קימלן פון אכט שפראך. אז ער האט זיך שוין יא אמאל צורעדט איז עס געוועזן פאר פייער און פאר וואסער. האט ער אבער געהאט א מעלה, אז מען האט איהם וועניג פארשטאנען. דען ער פלעגט פארטוישען די יוצרות, איבערגעהן פון איין שפראך אויף דער צווייטער. וואס מענשען האבען יא ארויסגענומען פון זיינע שמועסען איז, אז חוה האט אמאל געמוזט זיין זעהר א שעהנע, האט מיט איהם דורכגעוואנדערט דריי פערטעל וועלט און לעבט איצט ביי איהם פון זכות־אבות, ווי ביי א פארמער אן אלטער הייזעריגער הונד. דעם לעצטען פאר־גלייך האט ער תמיד איבערגע׳חזר׳ט און הפנים גרוים הנאה געהאט פון איהם. און אז די שרייפעלעד זענען ביי איהם אביסעל צו לויז געווארען און די צונג האט פארלוירען דעם גלייכגעוויכט, האט ער זיך תמיד אין דער צייט אליין א כאפ געטאן, אריינגעהוסט אין דער פויסט אריין און אנ־געשווייגען געווארען. מענשען מיט לאנגע צינגער האבען זיך אפילו געשוש־קעט, אז חוה איז ניט בחנם אזוי פרום — זי איז מסתמא געוועזן פון די

„הייליגע“. נאָר וועמעס באַבעס דאגה איז עס? פּאַלאַק איז אַ אָנשטענדי־גער יונג, אַ טאַלער שפּילט ביי איהם קיין ראָלע ניט — האָט מען איהם טאַקע אויסגעקליבען פאַר'ן פּרעזידענט פון דער שוהל „אנשי ליץ“.

מעהר וועגען פּאַלאַק'ן מיט חוה'ן האָט קיינער ניט געוואוסט.

חוה איז געווען די איינציגע אויף דער וועלט וואָס האָט געוואוסט פּאַלאַק'ס אַלע סודות. זי איז איהם באמת געטריי געווען, געהיט זיין געלד, ווי אַ הונד אַ ביין און ער האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטעלען, ער זאָל זיך מיט איהר ווען עס איז צוגעהן. און כאָטש פּאַלאַק האָט אויף אַ פריהער געוואוסט, אַז חוה וועט איהם קיינמאָל קיין עצה ניט געבען און אַלעס וואָס זי ווייס וועגען איהם וועט בלייבען אַן אייביגער סוד, זי וועט זיצען מיט איהר נאַרישען שמייכעל אויף דעם האַלב־אידיאָטישען פּנים, שאָקלען מיט די ליפּען און תמיד זיין איינשטימיג מיט איהם, פונדעסט־וועגען איז עס ביי איהם געווען פּשוט אַ נויטווענדיגקייט מיט איהר זיך וועגען אַלעם דורכצושמועסען און פיהלען בשעת מעשה אַן אינערליכע, אונבאַשטימטע צופריעדענהייט, וואָס זי ווערט אַלץ מעהר אידיאָטיש און זיין סוד שטאַרבט אָפּ מיט איהר.

האָט אָבער אַמאָל פּאַסירט אַזאַ מעשה, וואָס עס האָט זיך פּאַלאַק'ען קיינמאָל ניט געחלום'ט. עס איז געשעהן אַ נס — דאָס אייזעל האָט אָנגעהויבען רעדען.

גלייך ווי פּאַלאַק האָט איהר דערצעהלט, אַז ער געהט חתונה האָבען מיט מיסעס ריטש, האָט זי אויפגעהערט שמייכלען, צוגעדעקט דאָס פּנים מיטביידע הענד און זיך צעוויינט אַהן טרערען אַזוי אויסטערליש ווי אַ סאָווע. זי האָט זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן צו פּאַלאַק'ס פיס, זיי אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענד, געגומען קושען זיינע שיך, געדרעוועט און איהם געבעטען ער זאָל ניט חתונה האָבען, ער זאָל זיך דערבאַרעמען און בלייבען מיט איהר. חוה זעהענדיג, אַז איהרע רייד ווירקען אויף פּאַ־לאַק'ען האָט זי אינסטינקטיוו גענומען צו איהם שמייכלען און שיסען אויי־גען ווי אַ גאָסען־קאָקעטקע, דאָס איינציגע געוועהר, געגען וועלכען קיין מאַנסביל און אפילו פּאַלאַק אליין האָט אַמאָל ניט געקענט ווידערשטעהן.

פּאַלאַק איז בשעת מעשה עטוואָס געריהרט געוואָרען, זיך באַגעגענט מיט חוה'ס פאַרשייטען שמייכעל אויף איהר אויסגעווייקטען, מיט זעקלער

אונטער די אויגען. פּנים. וואס האט זי נאך מיאוס'ער געמאכט. האט ער זיך גלייך געפּאסט און א געשריי געטאן אויף איהר ווי אויף א הונד. וואס וויל מיטלויפען מיט'ן בעל־הבית, וועלכער טרייבט איהם צוריק.

חוה איז גלייך אויפגעשטאנען, אנשווייגען געווארען און זיך אוועק־געזעצט אויף איהר שטענדיגען פּלאץ. זי האט געמאכט מיט די ליפּען און פּאַלאַק'ן איז איינגעפאלען אז זי שילט איהם.

איצט ווען פּאַלאַק איז געשטאנען נעבען איהר בעט, האט ער גע־פיהלט, אז ער איז אונגערעכט געגען חוה'ן און באשלאסען זי אויפצו־וועקען און געבען צו פארשטעהן, אז כאטש ער וועט חתונה האבען וועט זי ביי איהם תמיד בלייבען. און ער האט זי גענומען וועקען:

— חוה, שלאפסט, חוה?

חוה האט זיך א כאפּ אויף געטאן, געעפענט איהרע פייכטע, טעמפּע אויגען, געקוקט מיט איהר נאריש פּנים אויף פּאַלאַק'ען און גאר ניט גע־זעהן. זי איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, ווי איינער וואס קומט אויף פון דער פאליגע, דערקענט פּאַלאַק'ען וואס האט אויסגעזעהן אין די ווייסע גאטקעס ווי א גרויסער, ארומגעבונדענער זאק מעהל און געפרעגט:

— ווילסט עפּעס?

פּאַלאַק אנקוקענדיג חוה'ן האט חרטה געקראגען, ער זאל זיך פאר אזא שטיק פלייש מיט אויגען פארענטפערען און געזאגט:

— הייב דיך אויף, וועסט מיך איינרייבען!

ער האט זיך איינגעוויקעלט אין א ליילעך און זיך אויסגעצויגען אויף דער סאראטענע קאנאפּע.

חוה איז אריין מיט א שיסעל קאלטע וואסער, געמאכט מיט די לי־פּען ווי א זשאבע און גענומען איינרייבען מיט א שוואם פּאַלאַק'ס לייב, אז בלוט האט שיעור ניט געשפּריצט.

פּאַלאַק איז געלעגען ווי גרויס ער איז געווען, האט פארגעסען מיט די הענד דעם ליילעך, זיך געדרעהט פון איין זייט אויף דער צווייטער און געקרעכצט מיט דער זעלבער הנאה ווי ווען מען שטעקט ארוים אויף א רגע אין א קאלטען צימער א נאקעטען פוס און מען כאפּט איהם גלייך אריין הינטער דער ווארימער פערינא.

אז חוה איז שוין אין גאנצען פארטיג געווען, איז זי געבליבען שטעהן ביי דער קאנאפע. נערוועז גענומען צופען איהר פארטוך און זיך צעוויינט דורך די פארקוועטשטע ציין גלייך א ווינד וואלט געוואיעט.

— כ'וועל פאר דיר אלץ טאן, אלץ, וועסט זעהן, פונקט ווי אמאל, אבי געה ניט צו איהר.

פאלאק איז געווארען אז אויפגעקאכטער, זי א שטופ געטאן מיט'ן פוס פון זיך און זיך צושריען:

— שאראפ! קיין ווארט ניט מעהר!

You hear? I am the boss here. That's all!

(דו הערסט? איך בין דער בעל־הבית דא און פארטיג!)

און זיך גענומען אנטאן.

חוה האט ניט געענטפערט, זי האט געקוקט אויף דעם זעלבען פלאץ וואו פאלאק איז געשטאנען און געמאכט מיט די ליפען.

אז פאלאק איז שוין געווען פארטיג און געוואלט ארויסגעהן, האט ער א טראכט געטאן צו זאל ער איהר עפעס זאגען צי ניט, נאר איידער ער האט צייט געהאט צו באשטימען, איז ער מיט אמאל א פאל געטאן אויף דער קאנאפע. חוה האט איהם ארומגעכאפט וואס כח נאר, געשריען: „וועסט ניט געהן!“ און ער האט געפיהלט ווי א פייכטע צונג גלעט איהם איבער'ן פנים, איבער די אויגען, לעקט פונקט ווי א הונד...

באלד האט ער דערשפירט א שטארקען בים נעבען קארק. ער האט זיך א ריס געטאן, אוועקגעשליידערט חוה'ן און אויפגעשפרונגען. וואר־רעמע שלענגלער האבען זיך געגליטשט איבער'ן האלז, בלוט איז גערונען פון בים און א אימה האט איהם ארומגענומען.

חוה האט זיך ווידער געווארפען אויף איהם.

פאלאק האט דערפיהלט א שרעקליכען עקעל, דאס בלוט האט אין איהם גענומען קאכען. האט ער זיך א דרעה ארויסגעטאן פון איהרע הענד און זיך פארמאסטען חוה'ן אין הארץ אריין, אז זי האט זיך באלד איבער־געדרעהט.

ער איז ארוים פון שטוב און געהערט הינטער זיך א ווילד געוויין. א שוידערליך רעווען. אז דאָס בלוט האָט אין איהם געגומען פריהרען...

---

פּאָלאָק האָט געשפּרייזט אזוי גיך ווי זיינע דיקע פּאָלקעס האָבען איהם נאָר ערלויבט. ער האָט זיך געהאַלטען אין איין טאָפּען פאר'ן בּיס און פאר זיינע אויגען האָט זיך איבערגע'חזר'ט דאָס גאַנצע בּילט מיט אַלע קליינינקייטען. ער האָט נאָך איצט געפיהלט ווי א נאַסע, ווילגאַטע צונג גליטשט זיך איבער זיינע באַקען...

ברר...

עס האָט איהם געוואָרפען ווי אין פיבער און ער האָט דערפיהלט ווי עפּעס א גליטשיגעס קריכט איבער זיין געזיכט — א זשאַבע... — זי איז געווים משוגע געוואָרען — האָט ער א טראַכט געטאָן, און זיך אָפּגע־שטעלט — אז א משוגע'נער הונד בייסט שטאַרבּט מען...

ער האָט געזעהן אן אָפּענעם „דראָג־סטאָר" און איז אריין. פון לאַ־באַראַטאָריום האָט ארויסגעקוקט א פאַרשלאָפענער אַפּטייקער אין א לייַ־בּעל מיט א האַלב איינגעמוליעטען פּנים צום ראַזירען. דער אַפּטייקער האָט אויף גיך אָפּגעווישט מיט א האַנטוך דעם זייף פון פּנים, איבערגע־לאָזט א פּלאַסטער מולאָכ'ץ נעבען אויער. ווי די ווייסליכע שוים פון א יויך. ארויפגעכאַפּט א רעקעל און איז אריין. ער האָט פּאָלאָק'ען בּארוהיגט און איינגעשמירט דעם בּיס מיט יאָד.

פּאָלאָק איז געגאַנגען און געשאָלטען. ער האָט באַשלאָסען באַלד צו מאַכען א סוף, נאָכגעבען מיסעס ריטש אַלץ וואָס זי וויל. גיכער שטעלען א חופּה און נאָך היינט אוועקשיקען חוה'ן אין משוגעים־הויז.

ניט ווייט פון מיסעס ריטשעס הויז איז איהם סעם אַנטקעגען גע־קומען. ער האָט אפילו חשק געהאַט איהם אויסצומיידען, דאָך ניט ווי־לענדיג זיך אָפּגעשטעלט, און כאָטש ער האָט געוואוסט אז סעם ווייס וואוהין ער געהט יעדען פריהמאָרגען, האָט ער פונדעסטוועגען געהאַלטען פאר נויטיג איהם צו זאָגען א ליגען.

פּאָלאָק האָט לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטען אויף מיסעס ריטש. זי האָט זיך גלייך באַוויזען אויפ'ן טרעפּעל, מיט איהר אויפגעקעמטען קאָפּ האָר ווי א דריי־גאָריגע געביידע.

נאָכדעם ווי מיסעס ריטש האָט זיך געקריגט מיט סעם'ען און די

קינדער האָבען איהם געגעבען געדעכט, האָט זי די נכפה אויפגעגעסען. זי האָט זיך ארומגעקוקט, געזוכט פּאַלאַק'ען און אויך געטראַכט צו מאַכען נאָך היינט א סוף, נאָר באַמערקענדיג איהם האָט זי אינסטיקטיוו דער־פיהלט, אז זי איז די פרוי, זיך געמאַכט כלא ידע, ווי זי זעהט איהם ניט און געפועמע שפּרייזען מיט אזא פּוילקייט אין די רונדע אַקסלען אין „סטאָר" אריין.

— גוט מאָרנינג, מיסעס ריטש!

מיסעס ריטש האָט כלומר'שט אַז איבערראַשטע זיך א דרעה אויס געטאָן, געמאַכט א מינע גלייך זי וואָלט פּאַלאַק'ען מעהר ניט ערוואַרטעט דאָ צו טרעפען און זיך אַנגערופען:

— נו, זאָגט אליין, מיסטער פּאַלאַק, איהר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט ניט צו וואַרטען דאָ פאַרטאָג? אויף מיין וואָרט, ווי איהר מאַכט מיר א מיאוס'ען שם! כ'דאַרף ניט מעהר ווי ארייגצופאַלען אין אונזערע שכנים'ס מיילער!

— הערט, מיסעס ריטש — האָט פּאַלאַק אויסגעשאָסען — כ'רעד מיט אייך „פּליין, אָפּען־דאָון", כ'בין גרייט אייך אַלץ נאָכצוגעבען. דעם אמת זאָגענדיג, איז עס פאַר מיר א באַליידיגונג כ'זאָל אייך עפּעס פאַר־שרייבען. וואָס הייסט? אז איהר האָט מיט מיר חתונה איז אַלץ אייערס. איהר קומט אריין אויף אַלעם גרייטען. נאָר גאָר ניט, אז די וועלט איז היינט קליגער און איהר שפּאַרט זיך איין, פאַרשרייב איך אייך העלפט. וועגען דער מויד וואָלט אויך בעסער געווען זי זאָל זיין מיט אונז, איהר לעפעל געקעכץ וועט זי זיך תמיד פאַרדינען, נאָר גאָר ניט... אז איהר וועט זיך שטאַרק איינשפּאַרען וועל איך זי ערגעץ אנדינגען... וואָס האָב איך קיין ליגען ניט געוואָלט זאָגען. יעס, כ'מיין די חתונה זאָל מען אָפּ־שטעלען וואָס גיכער. דען גלויבט מיר, ס'איז מיר שוין דערעסען דאָס לעבען: א הויז אהן א בעל־הבית'טע געהט אַלץ קאַפּוט! כ'דאַרף דען אייך דערצעהלען?

מיסעס ריטש האָט די מעשה האַנה געטאָן, נאָר זי האָט קאַלטבלו־טיג געענטפערט.

— וואָס טויגען די רייד, מיסטער פּאַלאַק, איהר ווייסט דאָך אז כ'מוז פריהער די טאָכטער חתונה מאַכען.

— וואָס מיר טאָכטער? — איז פּאַלאַק בייז געוואָרען — ווער ווייס

ווען אייער טאכטער וועט חתונה האבען? דאס איז א געשיכטע אין דער לאנגער באנק אריין! הערט זיך איין, איצט פועל'ט איהר ביי מיר אלץ. טא אויב איהר ווילט — מאכט קיין שהיות ניט...

מיסעס ריטש איז אביסעל ווייכער געווארען און זיך צושמייכעלט:

— גזלן, ווי געהט מען דאס חתונה האבען אין אזעלכע היצען?

— הא, הא, הא! — האט זיך פאלאק צוכאכעט און גענומען שפייען אין דער פויסט אריין — לאנג לעבען זאל זי!

דאס פארעל איז אוועק צום סטאר.

# V.

מיטאג־צייט איז מיסעס ריטש אהיים־געקומען פון סטאר א הונגע־ריגע און א בייזע. זי האט אויסגעשאטען אויפ׳ן טיש צוויי זעקלעך מיט פענעס, זיי גענומען צעהלען און אויסגעוויקעלט טוטלעך צו האלבע דאלאר אין יעדען.

ארטהור, אן אויסגעשמירטער, מיט א צושויבערט קעפעל האר, איז פון ערגעץ־וואו ארוים אין זיין נאכטיגען שלאף־העמד ביז איבער די פיא־טעס. ער איז צו צו דער מאמע׳ן, מיט איין פיסעל גענומען קראצען דאס צווייטע און גענומען וויינען אהן טרערען:

— מא־א א פעני! מא־א!

מיסעס ריטש האט איהם א ווארף געטאן א סענט:

— נא, ווער דערווארגען!

ארטהור האט אויפגעהויבען דעם סענט, איהם אריינגעלעגט אין מויל און איז ארויס פון שטוב.

— גענוג זיך צו פוצען, גענוג! — האט זיך מיסעס ריטש געווענ־דעט צו פאלי׳ן, וואס איז געשטאנען אין שפיגעל און זיך געקעמט די האר — געה שוין אין סטאר אריין, גיכער! און שיק הערי׳ן אהיים, הערסט? ער האט נאך היינט ניט איבערגעביסען!

—כ׳געה שוין, כ׳געה — האט פאלי געענטפערט און זיך גענומען פאלירען די נעגעל.

— און וואו איז סעם? נאך ניטא? — האט מיסעס ריטש ווי צו זיך גערעדט — שוין מסתמא ברוגז, האנארעווע מענשען! אז פאר־ישרפ׳עט זאלען זיי ווערען! סאקערס! ליידיג־געהערס! ארבייט פאר זיי, ווער פארשווארצט און אליז פאר׳ן טייוועל!

עס האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר.

— קאם אין!

א פרוי פון א יאהר פופציג אין א שייטעל, מיט ברוינע, פולע באַ־קען, ווי די קארע פון גוט־אויסגעבאקענע געבייטעלט ברויט, איז דריין. די פרוי האָט געטראָגן א קאָשיקעל.

— זעה נאָר, זעה, א גאנצע וואָך ווי כ׳וואַרט אויף איהר, אסור צו מען קוקט אזוי אויס משיח׳ן — האָט מיסעס ריטש כלומר׳שט א ברוגז׳ע געזאָגט, איז צו דער שוועסטער און זיך מיט איהר געגומען קושען — כ׳האָב שוין היינט ווידער אוועקגעשיקט דיר א קאַרטעל, מען האָט טענות צו פרעמדע, נו, און דאָ איז א לייבליכע שוועסטער קומט זי איינמאָל, ווען ס׳איז דריי טאָג ראש־חודש! אסור ניט שעהן, לאה! נו, מילא, די שוועסטער האָט דיר פיליכט שלעכטס געטאָן, כ׳ווייס, היינטיגע צייטען! נאָר ווי קומט מען ניט צו א טאַטען?

— ווי דאָס רעדט, ווי דאָס מאָלט — איז פאַלי אריין אין דערמיט — לאָז די מוהמע אָפּאָטהעמען!

— כ׳וועל מיך א מעשה אָנטאָן! — האָט זיך מיסעס ריטש צו־שריען — די שטרויענע „ליידי“ שטעהט נאָך, און איך האָב געמיינט, אז זי איז שוין לאַנג אוועקגעגאַנגען! לאָמיך שוין דיינע פטור ווערען! הערריי האָט דאָך נאָך ניט איבערגעביסען! געה שוין, געה!

— נאָר ניט געשריען, מאַ — האָט פאַלי געענטפערט מיט א שמייכעל — דו ווייסט דאָך אז איך שרעק זיך ווייניג! כ׳וועל פאַרטיג ווערען וועל איך געהן! דו האָלסט זיך היינט אין איין בייזערען, הפנים אויף דער לינקער זייט אויפגעשטאַנען!

— נו, נו, פטור, ניט געקריעגט זיך! — האָט זיך די מוהמע לאה אריינגעמישט, זיך דערמאָנט אז זי האָלט נאָך דאָס קאָשיקעל אין דער האַנד און עס אוועקגעשטעלט.

— אז די זייטען, מיין טאָכטער, וואָלטען דיר אזוי וועה געטאָן, ווי זיי טוען מיר וועה, וואָלסטו אזוי פיעל ניט גערעדט — האָט מיסעס ריטש געזאָגט, אריינגעלייגט די טוטלער מיט׳ן געלד אין קלייד, עס עט־וואָס אויפגעהויבען און געגומען שפּרייזען מיט די זאָקען איבער די שיך אין א צווייטען צימער — ארבייט פאַר זיי, ווער אויסגעריסען, און דאָס גיט דיר צומאָל קיין גוט וואָרט ניט!

— כ׳וואָלט איהר ניט געענטפערט — האָט לאה געזאָגט צו פאַלי׳ן מיט אזא מינע, ווי איינע זאָגט: כ׳ווייס דען ניט, אז דו ביזט גערעכט?

נאָר גאָר ניט! אז גאָט שטראָפט מיט א שלעכטע מאַמע, קאָן מען זיך עפּעס דײַלפען?"

— וועך האָט מיט איהר געשעפטען ווער? אז זי איז משוגע — האָט פּאַלי געזאָגט אויף דער מאַמע׳ן, זיך געזעגענט מיט דער מוהמע׳ן, גע־זאָגט „גוד־באַי" איהר אַלטען פּאַפּוגאַי און איז ארוים.

מיסעס ריטש איז אריין און זיך געווענדעט צו דער שוועסטער:

— ביזט דאָך אודאי הונגעריג, לאה, זאג, וואס זאָל איך דיר מאַ־כען צו עסען?

— פאַרע זיך ליבערשט ניט, סיידי, כ׳האָב אויף מיין וואָרט, נאָך וואס געגעסען — האָט לאה געענטפערט, ארויסגענומען בשעת־מעשה א האָר־נאָדעל און זיך גענומען קראַצען דעם קאָפּ — און אויב דו ווילסט ניט כ׳זאָל אנטלויפען, טאָ זעץ דיך אוועק!

— נו, מילא, מסתמא האָב איך זיך בעסער ניט פאַרדינט — האָט מיסעס ריטש זיך געקלאָגט און געפּיהלט, אז איז דער שוועסטערס געגענ־וואָרט איז זי ניט מעהר די כוואַטסקע מיסעס ריטש, דער שמד־קאָפּ, ווי שכנים פּלעגען זי רופען, נאָר א זינדיגע אשה, און זי האָט גערן אָפּגע־קלאָגט זיך פאַר דער שוועסטער — ווילסט ניט, דאַרף מען ניט! נאָר גלויב מיר, אז כ׳וועל קומען צו דיר וועל איך אויך ניט עסען! כ׳האַלט טאַקע אָפּען שבת דעם „סטאָר" נאָר גאָט איז אַן עדות, אז ביי מיר איז כשר׳ער ווי ביי אַנדערע פרומע אידען!

— פּטור, פּטור — האָט זיך לאה געקרומט — פון יעדער נאַריש־קייט מאַכסטו א גאַנצען ווען, נו, דאַרף מען צו דיר קומען?! ביזט בייז, דו ווייסט דאָך, אז ביי א היימישע פּרנסה קאָן מען פון שטוב ניט ארויסגעהן!

— נו, און אביסעל ווישניאַק וועסטו טרינקען, האַ? — האָט מיסעס ריטש אלם איין איינעם געמונטערט די שוועסטער — היימישער וויש־ניאַק, א מעדן, זאג איך דיר!

זי האָט אַראָפּגענומען פון פּאָליצע א פלאַש, אויסגעווישט מיט׳ן גראָבען פינגער א גלעזעל און איינגעגאָסען יצחק גאָלדבערג׳ס ווישניאַק.

לאה האָט דערווייל צושפּילעט די בלוזקע, ארויסגעשלעפּט א פּעקעל מיט בראַנשווייגער־צעטלעך און געלאָזט ליגען צוויי אויפ׳ן טיש. זי האָט

פאַרזוכט דעם ווישניאַק, זיך געלאַבט, געזאָגט „צום געזונד“ און פאַרבי־סען מיט אַ שטיקעל לעקאַך.

— אַמאָל פלעג איך כאַטש געווינען אַ סטאַווקע — האָט מיסעס ריטש בלומרש’ט געשמייכעלט, און אין האַרצען זיך געטראַכט: „ביזנעס! כ’וועל באַלד בלוטען מיט אַ פּאָר טאָלער!“ — און היינט? הפּנים קיין מזל ניטאָ! און מיט’ן געלד, לאָה’שי, ווּעסטו מוזען וואַרטען ביז די צווייטע וואָך.

— ווער מאָהנט דיך געלד, ווער? — האָט לאָה זי איבערגעהאַקט.

— ווּעסט געבען די דריטע וועט אויך קיין מאַליער ניט זיין, פּטור אַ דאַגה האָב איך! האָ, וואָס האָב איך קיין ליגען ניט געוואָלט זאָגען, יעס. וואָס הערט זיך מיט פּאָלי’ן? ס’האַלט טאַקע ביי אַ דרך? האָ? איז דאָך טאַקע אמת, אַז כ’בין אַ האַלבער נאַר — האָט זיך לאָה האַלב פאַר־שטיקט צולאַכט — גלייך ווי כ’האָב נאַר ערהאַלטען דיין קאַרטעל, זאָג איך צו בינם’ען, אַז דאָס ווילסטו זיך שואל־עצה זיין מסתמא וועגען פּאָלי’ן. טאַ הער מיך אויס, סיידי, קיינע שהיות געמאַכט! תנאים געשריבען און גלייך אַ חופּה! אבי פּטור! מיט פייער, שוועסטערשי, שפּיעלט מען זיך ניט! אַזעלכע מעשיות. ס’זאָל ניט געבראַכט ווערען איבער’ן מויל, טרעפען זיך ביי לייטען!

— אַז אַך און וועה — האָט מיסעס ריטש אָפּגעזיפצט און זיך אַוועקגעזעצט נעבען דער שוועסטער — אַז כ’בין עלענד ווי אַ שטיין. ניטאָ מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורעדען, און אַרויסרייסען זיך פון שטוב אויף אַ מינוט קען איך אויך ניט! וואָס, זיך אויס’טענה’ן מיט פּאָלי’ן צו מיט העררי’ן? גאָה שוין, געה, אַז דאָס איז גאָר קיין קינדער ניט! שפּיעלט זיך מיט אַמעריקאַנער קינדער! כ’האָב ביי זיי פּונקט אַזאַ פּנים ווי די היהן וואָס זיצט אויס קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך שווימען אַוועק און איך בלייב ביים קוואַקען! כ’ווייס, ביי לייטען, אַז מען האָט אַן אַלטען טאַטע איז עס אַ שיינדעל! אַלץ דער טאַטע! און דאָ? דו ווייסט דען ניט אַליין? ס’איז דאָך אַ טאַטע, מען טאָר ניט רעדען. נאָר גלויב מיר, עס איז ניטאָ מיט וועמען צום טיש צו געהן! און אַזוי ווערט מען פאַר־שוואַרצט, מען שלאָפט קיין נעכט ניט! מיינסט, כ’ווייס ניט? מיר לעבען דאָך ערגער ווי בהמות! ניטאָ קיין שבת, קיין יום־טוב, כ’האָב אַזוי געדאַרפט האָבען די „פּייפּער־ביזנעס“, ווי אַ לאָך אין קאָפּ! און אויב

כ'וועל, אם ירצה השם, פון די שעהנע בזינעס פּטור ווערען, וועל איך ניט איין פונט ליכט געבען אין שוהל אריין! נאר דערוויל שוועסטער, זיי מיר ניט מקנא! פון אלע זייטען צרות! אייגענע צרות, צרות פון דער שעה־נער טאָכטער. מיט איין וואָרט, ס'טויג ניט!

—אז דו ביזט אליין שולדיג — האָט די שוועסטער זי איבערגע־האַקט — פון יעדער נארישקייט מאַכסטו א וועזען! מען ברויך ניט מעהר וויפיעל איך בין אויסגעשטאַנען, אויף קיין שום אידען געדאַכט, און פונדעסטוועגען איז נאָך דאָ כח צו לאַכען אויך! זיך געהן צולאָזען צום הארצען? איז דאָך אוים וועלט!

— וואָס וויסטו וואָס — האָט מיסעס ריטש ווי זיך ניט צוגע־הערט צו דער שוועסטער — געה צוריים זיך איבער דער טאָכטער. פּטר אָפּ די פּאָר יאָהר. זיי'ז א וויסטע אַלמנה און אַלס צוליעב וועם? וואָס, כ'בין עפּעס אַז אַלטע אידענע צו א פּארזעהעניש? מענשען רייסען דאָך מיר די אויגען אוים, סטייטש, וואָס וועל איך אויסזיצען? דו ווייסט דאָך מיין וואוילטאָג ביי חיים פּיאַניצע, און אַז גאָט האָט מיך אויסגעהערט און איהם צוגענומען פאַר דער צייט, טאַ ווי לאַנג איז דער שיעור? און אַלץ צוליעב דער מויד! און דאָס גיט דיר צומאָלט קיין גוט וואָרט ניט! ביי אַנאַנדערער מאַמע וואָלט אַזאַ מויד אָפּגעשפּיעלט אַזעלכע לייטישע געלעכטערס? זיך אַרומגעשלעפּט מיט אַן איטאַליענער? און היינט גע־פעהלט איהר גאָר סעם? אַז אַך און וועה! גלויב מיר לאַה, מיר זאָל דאָ האָר אויסוואַקסען — מיסעס ריטש האָט אַנגעוויזען אויף איהר דלאָן פון דער האַנד — אויב די „ליובע" וועט האַלטען לענגער פון אסתר־תענית ביז פּורים! דו שפּיעלסט זיך מיט איהר? אַז דאָס איז אין גאַנצען חיים'־קע מיט די ביינער! ער איז דען געווען בעסער? מען טאָר דאָך ניט זינ־דיגען, ער איז דאָך שוין טויטט. נאָר דאָס האָט אין זיך געהאַט הינטיש בלוט! און פּאַלי איז פּונקט דער טאַטע מיט די פּאַדקאַוועס, ווי א טראַ־פּען וואַסער! ניט בחנם ציהט זי צום „תלוי".

— מיין עצה איז — האָט די שוועסטער זי איבערגעריסען — וואָס גיכער איהר פאַרדעקען דעם קאָפּ, הערסט?

— אין אמעריקא פאַרדעקט מען קיין קעפּ ניט! — האָט זיך מי־סעס ריטש צולאַכט — און מ'שטיינס געזאָגט, וואָס פאַר־א גליק ס'וועט

זי דאָ באַטרעפֿלען. ווען זי וועט חתונה האָבען מיט אַזאַ אידישען איטאַ־ליענער ווי סעם?

— נו, פּטור! — האָט זיך לאה אַ קוועטש געטאָן — העלף דיר בעסער! פֿאָלג מיך און מאַך קיין שהיות! ס'געפֿעלט דיר סעם'ס יחום ניט? ער איז אַ ליטוואַק? זאָלען מיר טאַקע אַזוי באַגליקט ווערען ווי ס'זענען דאָ ליטוואַקעס אַרענטליכע, כשר'ע אידען. וואָס זייערס אַ נאָגעל איז ביי מיר חשוב'ער ווי פֿיעלע פֿון אונזערע לאַנדסלייט! האָסט גע־הערט? וואָס מיר יחום? אין אַמעריקאַ איז דען אַ יחסן וואָס האָט אַ טאַלער איז פּאַקעט! און ווי זאָגט מען עפּעס, שוועסטערשי, אַז מען האָט קינדער איז די וויגען לאָזט מען לייטען צופֿרידען!

—אלס הייסט אַ יחום — האָט מיסעס ריטש געשמייכעלט — דאָס זענען גאַלע רבנים, פֿון הקדש ביז דער מקוה! איין פֿעטער איז אַ „דע־טעקטיוו", אַ צווייטער זיצט אין שער־הרחמים, שוין ס'דריטע יאָהר, און גלויב מיר, אסור פֿאַר תהילים זאָגען! נאַר גאָר ניט! ווילסט סעם'ען? אָלל־רייט, לאָז זיין סעם, כאָטש אַך און וועה, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרדיענער ער איז, אַבי ניט דעם גוי, און כ'מיין אַז איך בין שוין מיט איהר אויפ'ן דרך, איז אין מיטען, מיר ניט, דיר ניט, פֿאַלט זי אריין ווי אַ יון אין דער סוכה, צוכעכעט זיך און פֿרעגט מיך צי כ'וועל ניט זיין „דזשעלאָס" נו, וואָס זאָגסטו דאַרויף? ביזט עפּעס אַ מבין אויף אַזאַ מויד? ווען אַ זייטיגער שטעהט דערביי, וואָלט ער געטראַכט מי יודע וואָס? וואָס פֿאַרע געשעפֿטען איך פֿיהר מיט'ן יונג? נאַר וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברייען, עס האָבען איהר שוין קיין צרות ניט געפֿעהלט! כ'האָב אויסגעבייטעלט צו איהר קאָפּ, צו איהר לייב און לעבען, און ס'האָט פֿיעל ניט געפֿעהלט. כ'זאָל איהר צופּראַסקען דעם פּרעסער! נאַר גאָר ניט, כ'בין דאָך פּאַרט אַ מאַמע! און ווי זאָגט מען: בלוט איז קיין וואַסער, האָט מיר טאַקע דאָס האַרץ געבלוטיגט...

הערריי איז אַריין, עפּעס אַ ברום געטאָן צו דער מוהמען אין דעם שייטעל, און מיט אַ האַלב־וויינענדיג קול האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— כ'שטאַרב עסען!

אַז לאה איז אריבערגעקומען נאָך אַמעריקאַ האָט נאָך איהר זיידע ר' לייזער געלעבט, נאָך וועמען, איין גאָט ווייס פֿאַר וואָס, מען האָט דעם אייניקעל גערופֿען הערריי, פֿונדעסטוועגען האָט הערריי זי געהאַלטען

פאַר א „גרינהאָרן" און, כמעט ווי אַלע אַמעריקאַנער קינדער, געווען א קנאַפּער מחותן מיט דער גרינער מוהמען.

— מאַך איהם טאָקע עפּעס צו עסען, סיידי — האָט זיך לאָה אריינגעמישט — ס'הונגערט דאָך איהם!

מיסעס ריטש האָט זיך ניט אויפגעהויבען פון בענקעל, אויסגעדרעהט איהר קאָפּ צו הערדי'ן און איהם גענומען אויספרעגען:

— וואָס ווילסטו עסען, וואָס? אפשר א גוט שטיקעל הערינג מיט בוימאייל? „קרים" מיט „פּיקעלס"?, זאָג!

— אז זי האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט זי זיך — האָט הערדי ווייגענדיג א געשריי געטאָן — פרעג ניט, גיב! ס'האַרץ געהט דאָך מיר אויס!

— ער איז קראַנק זיך אַליין צו נעהמען! — האָט מיסעס ריטש געזאָגט, און זיך אויפגעהויבען.

—פּטור, פּטור — האָט זיך לאָה געקוועטשט, און זיך אויפגעשטעלט — אז פון אַלעם מאַכסטו א וועזען! יעס, כ'וועל זיך אהיימפּעקלען!

— וואָס היילסטו, וואָס? זייַ נאָך! — האָט מיסעס ריטש געבעטען ביי דער שוועסטער, און דערלאַנגט הערדי'ן א שיסעל סמעטענע מיט אוגערקעס.

— ניין, כ'מוז געהן, סיידישע, מיין אַלטער וועט ניט וויסען וואו כ'בין אהינגעקומען! נו, בלייב מיר געזונד!

— אז דו היילסט זיך יאָ, טאָ וואַרט זשע אויס, כוועל דיך באַגלייטען צו דער „קאַר".

לאה האָט זיך צורעכט געמאַכט דאָס שייטעל, געזאָגט הערדי'ן „גודבאַי" און ארויס מיט דער שוועסטער.

מיסעס ריטש האָט אָפּגעשטעלט די שוועסטער נעבען הויז, זי אָנגענומען פאַר א קנעפּעל פון דער בלוזקע און געשטאַמעלט:

— דו ווייסט דאָך, כ'מייַן, וועסט ניט טרעפען צו וואָס כ'האָב דיך גערופען.

— נו, לאָמיר טאָקע הערען — האָט לאָה א נייגעריגע געזאָגט.

— מען האָקט דאָך מיר פּשוט די טירען אָפּ!

— אז כ'וויים ניט וואָס דו זאָגסט — האָט לאָה זיך צושמייכעלט.

— דו פאַרשטעהסט, כ'מיין — האָט מיסעס ריטש ווידער געשמאָ־מעלט — כ'האָב ניט געוואָלט רעדען הערדי זאָל הערען, בקיצור, דו ווייסט דאָך מיין מערכה! ווי לאַנג איז דער שיעור?

— כ'וויים נאָך דערוויייל גאָר ניט — האָט לאַה זיך צולאַכט.

— כ'רעד דאָכט זיך פאַרשטענדליך — האָט זיך מיסעס ריטש פאַר־לוירען — בקיצור, וואָס מיר שיסעלער, דעקעלער, כ'וועל דיר פּותר חלום זיין, כ'האַלט ביי א שידוך!

— אזוי הערט מען קלאָרע דבורים! — האָט לאַה געלאַכט.

מיסעס ריטש איז געוואָרען לעבעדיגער, זיך צוגעגעבען קוראַזש און אריין אין דער ראָלע פון א כלה־מיידעל. ווען זי דערצעהלט איהרע חבר'טעם וואָס פאַר א גליק עס שטעהט איהר פאַר, אין ס'אָרא שמאַלץ־גרוב זי פאַלט אריין, מיט איין וואָרט, ווי גליקליך זי איז! און כלה־מייד־לעך מוזען דאָך זיין גליקליך, אז ניט וואָלטען העלפט געבליבען פאַרזע־סען.

— יעס, וואָס וועל איך לאַנג ברייען — האָט מיסעס ריטש גע'־טענה'ט, געבלישצעט מיט די אויגען און זיך אָלץ מעהר פאַרגעסען — דער מאַן לאָזט מיך פּשוט ניט לעבען. האַלט איין איין שיקען צו מיר שדכנים, קומט אליין, און אין אמת'ען וועל איך דיר זאָגען, אז ער אליין געפעהלט מיר אויך, ניט פון די פריצאַקעס! א באַזעסענער מענש, א עושר, האָט עטליכע הייזער, אויפ'ן „קאָרנער“ א סאַלון און דערצו איז עס א מאַן, ס'איז דאָ עפּעס אַנצוקוקען, מיט ווען צום טיש צוגעהן! און דער עיקר, שוועסטערשי — און זי האָט זיך צוגעבויגען צו לאַה'ס אויער — פאַרשרייבט ער מיר העלפט. נו, וואָס זאָגסטו, ביזט דאָך עפּעס אַן עלטערע שוועסטער?

— כ'וויים — האָט לאַה א הויב געטאָן מיט די אַקסלען — מיר דאָכט זיך, אז גלייכער וואָלט געווען פריהער פאַלי'ן חתונה צו מאַכען.

— ווענען דעם איז גאָר קיין רייד ניטאָ — האָט מיסעס ריטש א מאַך געטאָן מיט דער האַנד ווי זי וואָלט ניט געוואָלט הערען דערפון. — ביי מיר האָסטו אפילו גע'פועל'ט צו וואַרטען, אָבער, פאַרשטעהסטו מיך, א מאַן מיט א „ביזנעס“ קאָן מען צו איהם קיין טענות ניט האָבען. כ'וויים, ווען ס'האַלט מיט דער מויד אויף א דרך, וואָלט איך שוין ניט געקוקט, געוואָרט נאָך א צוויי חדשים, אָבי זי חתונה געמאַכט. גע'פּטר'ט

אַז עול פון קאָפּ. אָבער, מענש, אַז דאָ הויבט זיך נאָך גאָר ניט אָן! בקיצור, מיר האָבען בעשלאָסען שבת־צו־נאַכט צו שטעלען אַ חופּה. הערסט? כ'וועל ניט מאַכען קיין גרויסע פיקסע־פאַקסען, צונויפרופען אַ מנין אידען, מאַכען אַ גוטען „סאַפּער" און פאַרטיג! ווי ס'פיהרט זיך געוועהנליך ביי „דזשאָדעס". נו, וואָס שווייגסטו?

— כ'ווייס, לאָז זיין מיט מזל, אין אַ גליקליכע שעה — האָט לאה געשטאַמעלט, זיך אַ וויש געטאָן די פאַרלאָפענע אויגען און זיך גענומען קושען מיט די שוועסטער — הייסט עס דעם שבת־צו־נאַכטס האָבען מיר אַ חתונה! נאָ נאָ, בינם וועט גאָר ניט גלויבען!

— אַצינד לאה'שי, האָב איך צו דיר אַ טובה. זאָלסט אַריבער קומען פרייטאָג און זיין ביי מיר שבת, ווייסט דאָך, מיר וועלען האָבען אַלע אַרבייט איבער'ן קאָפּ.

— אָלל־רייט! כ'וועל קומען און בינם וועט צוקומען שבת־צו־נאַכט אַליין. נו, בלייב מיר געזונד!

זיי האָבען זיך נאָך אַמאָל צוקושט און זיך צוגאַנגען.

---

אַז מיסעס ריטש איז אַריין אין שטוב, איז שוין העררי געלעגען ווי אַ ליעשץ אויף די קאַנאַפּע און געשנאָרכעט.

— קיין וואונדער — האָט מיסעס ריטש אָפּגעזיפצט — אַ שיעור וואָס דער „באָי" צופּראַצעוועט, דאָס קומט שוין באַצייטענס אָפּ חבוט־הקבר! כ'וועל אם ירצה השם פון די „ביזנעס" אויך פּטור ווערען. שוין קירצער ווי ווייטער.

זי האָט אַרויסגענומען פון אייז־שענקעל אַ ביפשטיק, איהם אַרויפּ־געלעגט אויף אַ דראָטענע שאַטקע, אָנגעצונדען דעם געז־אויווען און גע־נומען בראָטען דאָס פלייש. אַ הונגעריגע און אַ מיעדע האָט זי זיך אוועק־געזעצט נעבען געז־אויווען, געקוקט ווי דאָס מיט בלוט־פאַרגאָסענע פלייש בלעזילט זיך און געהאַלטען אין איין שעלטען און רעדען צו זיך.

איצט אַז מיסעס ריטש איז געזעסען איינע אַליין אין שטוב און זיך ניט געדאַרפט פאַר קיינעם אויספּיינען, האָט זי געפיהלט, אַז כמעט אַלץ וואָס זי האָט דערצעהלט דער שוועסטער איז געווען אַ ליגען. אַז דאָס נאַרט זי זיך אַליין אָפּ! דער געשוואָלענער „סאַלון־קיפּער" הויפט איהר ניט אָן צו געפעלען! און איז אמת'ע, צי וואָס דאַרף זי זיין געלד? ניט

צו פארזינדיגען, האט זי, ברוך השם, אייגענס! און האט לייכט געקאנט קריגען א לייטישען מאן, ניט עפעס א וועטעראן פון דער גאנצער וועלט! קארג צרות איז זי אויסגעשטאנען פון חיים'על פיאניצע, זיך פארשאל־טען צעהן מאל א טאג דאס לעבען, און אז גאט האט איהר בקשה אויס־געהערט...

דאס שנירעל גערא נקען האט זיך מיט אמאל ביי מיסעס ריטש אי־בערגעריסען. זי האט פארשטעלט מיט'ן פארטוך די אויגען און זיך שטיל צעוויינט.

סעם איז אריין מיט ספארטען, געוואלט געהן צו זיך אין שלאף־צימער, האט איהם די בעל־הבית'טע פארשטעלט דעם וועג:

— הייסט עס טאקע, אז דו ביסט אויף אז אמת ברוגז, און ווארסט מסתמא איך זאל דיך איבערבעטען, פאלען דיר צו די פיס, א ניט דער־לעבען וועסטו עס. הערסט? דערווייל בין איך עלטער, און אויב דו וועסט נאך אמאל אפנעמען געלד אהן מיין וויסען און זיך מאכען כלא יודע וועל איך דיך אינגאנצען דורכטרייבען: דארפסט מיך שוין קאנען! און איצט ביזטו דאך אודאי הונגעריג, טא זעץ דיך אוועק און מיר וועלען עסען.

סעם האט געשמייכעלט.

מיסעס ריטש האט ארויסגענומען א ברויט, א הערינג, צושניטען דאס געבראטענע פלייש אויף צווייען און זיך געזעצט מיט סעם'ען עסען.

און פונקט ווי א קינד וואס רייסט זיך, וויינט און ס'דאכט זיך עס וועט נעהמען שעה'ן לאנג ביז מען עט עס איינגעהמען, און אין דער־זעלבער רגע פארגעסט עס זיך און ס'ווערט מיט אז אמת פרעהליך, אזוי האט מיסעס ריטש נאכ'ן ערשטען שנעפסעל זיך פארגעסען, געווארען לע־בעדיג און גענומען עסען מיט ביידע באקען.

— נו, סעמקע, וואס זאגסטו? ער איז דאך היינט ווידער געווען. האקט מיר אפ די טירען! לאזט פשוט ניט לעבען...

— ווער? מיסטער פאלאק?

— ווער דען?

— אין וואס געהט עס — האט סעם געשמייכעלט — מען האט חתונה!

כ'פרעג ביי דיר קיין עצות ניט. געוויס וועל איך חתונה האבען. דיר אויף צו פלאצעניש!

— די טאָכטער האָט אין ווען אריינצוגראַטען — האָט סעם ביי זיך א טראַכט געטאָן און גאר ניט געענטפערט.

— ווען ער וואָלט נאר אזוי פּעט ניט געווען — האָט מיסעם ריטש ווייטער גערעדט — כ'האָב פּשוט מורא, אזא מאַשין קאָן זיך נאָך אמאָל צוגיסען! אזעלכע פאַרשווינען ווי זיי קומען אריין אין די פּופציגער פּלאַ־צען זיי, קריגען די פּאַפּלעקציע!

— אזא שידוך, מיסעם ריטש, איז ווי געוואונשען! — האָט זיך סעם צולאַכט.

— ווער שוין פאַרשטומט בעסער, ווער! כ'וואָלט נאר געוואָלט זעהן ווי דו וואָלסט זיך אריינגעלעגט מיט א געזונדען קאָפּ אין א קראַנק בעט.

סעם האָט ניט געענטפערט, אַפּגעגעסען, געפיהלט ווי די אויגען קלעפּען זיך איהם פון מיעדקייט, און איז אריין צו זיך אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בעטעל און באַלד אנשלאָפען געווארען.

מיסעם ריטש האָט צוגערוימט די שטוב, אראָפּגעלאָזט דעם קלאָפּ־שלאָס און שטיל אריין אין סעם'ס צימער.

## VI.

סעם איז געזעסען אויפ'ן פענסטער אז אויסגעפּוצטער איז א העלען אנצוג מיט געלע פאַנטאָפּעל און געפּייפט אויף וואס די וועלט שטעהט. מיידלעך און ווייבלעך פון די שכנ'ישע פענסטער האבען זיך ווי צונויפ־גערעדט, אנגעהויבען מיט אמאל אויסצוקלאפּען פארשידענע זאכען. און אזוי ממזר'יש געשאסען „אויגעלעך" גלייך זיי וואלטען גאר ניט אויסען געוועזן. סעם האט געוואוסט וואס דאס באדייט, האט ער מיט א צופריע־דענהייט פון א געזונטען, שעהנעם זכר, זיך צופייפט נאך שטארקער, גע־ווארפען לאַבוסטאַוואַטער. די אמעריקאנער צנועות האבען כלומר'ש באליי־דיגטע גיך ארייגעכאפּט די קעפּ און פון הינטער די גארדינען נייגעריג אפּערגעקוקט.

סעם איז געווען גוט געשטימט — געווארט אויף פּאַלי'ן, מיט וועל־כער ער האט זיך געקליבען אויסצוגעהן.

אין דער טיר האט זיך באוויזען דעם אלטען משה'ס קאָפּ. ער האט זיך ארומגעקוקט, און זעהענדיג, אז אויסער סעמען איז קיינער ניטא, איז ער א דרייסטער אריין.

— האללא האללא! האט משה געפּאַנפּעט און דערלאנגט סעם'ען אויסגעשטרעקט א האנד.

— האללא האללא! האט משה געפּאַנפּעט און דערלאנגט סעם'ען שלום מיט צוויי פינגער. ער האט מעשה יונגעל גענומען די סחורה פון סעם'ס ראָק, געמאכט אז ערנסטע מינע, אנגענומען די וואארע מיט'ן פלייש צוזאמען און שקצה'דיג אויסגעשריען:

— פשש, איינמאל א וואארע! — און זיך צולאכט.

סעם האט געשמייכעלט פון אלטען'ס שפּאס און דוצענדיג איהם, ווי אלע אמעריקאנער ווען זיי רעדען אידיש, האט ער געזאגט:

— ווי געהטס, משה? מאכסטו עפּעס גוטע „ביזנעס"?

דער אלטער האט זיך אוועקגעזעצט, אויסגעוויקעלט א פּאפּיראָס פון סטראמאַניום־בלעטער, וואס פארלייכטעט די אסטמא, עטליכע מאל פאר־

צוּיגען און אנגעהויבען צו רעדען גלייך ער וואלט פארטגעזעצט אן איבער־געריסענעם שמועס:

הייסט עס, וועגען וואס שמועסען מיר? יעס! צו כ׳מאך „ביזנעס“, הא? אויף אלע שונאי־ציון געזאגט! צוריק גערעדט, וואס קען אזא מענ־שעלע ווי איך, מ׳שטיינס געזאגט, מאכען אין אמעריקא? אז דא איז אלס קאפויר, מיט די פיס ארויף! מיר ווייסען, דאכט זיך, ווי דער פסוק זאגט: „כשדים זה עם לא היה“. פארגעסען, הא, דו פרא־אדם, דו? אבער משה האט אן אייזערנעם קעפעל, חא, חא, חא! ער שפּיעלט זיך מיט מיר! יעס! זאגט רש״י, אז כשדים מאכט: „קראוועצי, שעוועצי, דאמסקע אי מענ־סקע“ — דאכט זיך גוט, הא? און מיר ווייסען דאך וואס פארע פּירות אונזערע שניידערם מיט שוסטערם זענען, פונדעסטוועגען, איז עס זייער אמעריקא! וואו א פּרעזידענט אין א שוהל — מוז ער זיין א שניידער. ברויכסט וויים צו זוכען? נעהם אט דעם געשוואלענעם, דעם פּרעזידענט פון אונזער שוהל, מיסטער פּאלאק מיין איך — איז ער דאך א גאנצער דזשענטעלמען, אסור טעפּט, און אין דער היים, פארשטעהסטו מיך איז דאס געווען דאר ווי א בארטעל, און קיין צוויי ניט געקאנט צעהלען. פלעגט אפּשטעהען ביי מיר אין פאדערהויז שעה׳ן, ביז ער האט געקריגען א „סוטעל“ אויסצופרעסען, חא, חא, ער שפּיעלט זיך מיט מיר!

משה, האסט א טעות — האט סעם איהם איבערגעריסען — מיס־טער פּאלאק איז דאך גאר א ליטוואק, ווי קומט ער צו דיר אין שטעדטעל?

דער אלטער האט זיך ניט פארלוירען וואס מען האט איהם געכאפּט ביי א ליגען. ער האט א שמייכעל געטאן און גענומען סעם׳ען אויף זיכער.

— אז דו פארשטעהסט ניט, שוטה! צו זיין אין אמעריקא א ליט־וואק פּאסט אויך צום רימעל! ס׳איז ביזנעס! הא, הא, הא! א גאליציא־נער קומט קיינמאל ניט פון גאליציע, נאר דו, ער קומט פון עסטרייך! שפּיעלט זיך מיט אונזערע אידעלעך! נאר ניט דאס בין איך אויסען. יעס! הייסט עס, אמעריטשקע איז א שניידערשע מדינה! און נעהם למשל מיך? דאכט זיך געווען א ביזנעס־מאן און געהאנדעלט ניט מיט אבי וועמען, און לשון האט מיר, ברוך השם, אויך ניט געפעהלט, און א פעדער געהאט אין דער האנד — וואס מיינסטו, וואס? א ליוועראנט אין קייזערליכען הויף איז אזוי לייכט צו ווערען? ער שפּיעלט זיך מיט מיר! פרעגט זיך וואס? איז דער תירוץ, גאר ניט! און דא בין איך א שלים־

מזל, קען א קאץ אַ ווײדעל ניט צובינדען. און פון אַלעם געװאָרען א ניאַנקע אויף דער עלטער. מײַן סײַדי איז דאָך א דימענט און דערצו א בעל־תכלית'ניצע. נו, האָט זי ניט געקאָנט זעהען װי דער אַלטער טאַטע געהט אַרום און כאַפּט דעם אָטהעם, האָט זי איהם פאַרשאַפט דרײַ „דזשאָב־בעלער״: פונאַנדערטראָגען איבער די הײַזער א פּאַר אידישע צײַטונגען. זיך ניאַנטשען מיט אַרטהור'ען און אַהרון, אַחרון חביב, אויסלערנען דעם תנא־בר'עך הערריין מפטיר. װעסט דאָך פרעגען: סטײטש? היתכן? דער יונג איז דאָך שוין פופצעהן יאָהר אַלט? פאַרזיכער איך דיך אַז ער מיט פאַלי'ן זענען געקומען פאַר דער חתונה אויף דער װעלט און ער װעט צו אַכטצעהן אויך ניט קענען. אַז דאָס איז איז גאַנצען דער טאַטע חיים־על פּיאַניצע, עליו השנאַבעל! און מײַנסטו, בטבע איז עס געװען א שלעכטער יונג? אסור! ער פלעגט דאָס לעצטע העמד פון לײַב אװעק־געבען, געהאַט אָבער אַ מיחוש — ער האָט ניט געטרונקען. כאַ, כאַ ער האָט, ברודער לעבען, געגאָסען! און געזונד איז עס געװען װי א דעמב! און מיט אמאָל, ניט מיר, ניט דיר, אַזוי פון דער העלער הויט און דער בחור האָט אויפגעהערט טרונקען, אַזוי אויפגעהערט אַז ער האָט אפילו דעם גערוך פון בראַנפען ניט געליטען. װאָס װעל איך דיר דאָ לאַנג ברײַען. גלײַך װי דער יונג האָט אויפגעהערט טרינקען האָט ער גענומען אײַנדאַרען און אין א משך פון אײן חודש איז אויף איהם א פאַרכאַפּעניש געקומען. דו פאַרשטעהסט? ס'לעגט זיך אפילו אויפ'ן שכל: נעהם, למשל, א דעמב איז װאָס מעהר ער ליגט אין װאַסער, װײקט זיך, אַלץ פעסטער איז ער. און װי דו נעהמסט איהם נאָר אַרויס פון װאַסער און לאָזט איהם ליגען אויף דער לופט, עסט איהם די לופט דורך. דער דעמב נעהמט אײַנדאַרען און דו קאָנסט איהם קרישלען מיט די פינגער. פאַרקעהרט, שװאַך האָלץ, װי למשל, סאַסנאָװע, װערט אַלץ שטאַרקער אויף דער לופט. מעגסט מיר גלויבען, כ'בין אמאָל א טישלער געװען, געאַרבײַט בײַ אַנטימשנע זאַכען. כאַ, כאַ, ער שפּיעלט זיך מיט מיר! דאָס זעלבע זעהסטו איז מיט א מענש, מיר פאַרשטעהען עס ניט! דען מ'שטײנס געזאָגט, װאָס איז א מענשעל אין גאַנצען? סופו לעפר! אַט איז חיים געװאָרען אוים פּיאַניצע, דאַכט זיך גוט, האַ? נעהמט ער און שטאַרבט אװעק!

עס האָט זיך דערהערט אַז אויסטערלעך קול פון צװײטען צימער: האַללאַ, האַללאַ! פּאַלי, האַללאַ!

נו, סעמעלע — האט משה זיך אויפגעשטעלט און א ווינק געטאן מיט די אויגען — מארש פון בעטעלע! דאס קומט זי, פאלי, מיט איהר פאפוגאי. א וואויל קינד פאלי, אמת? נו, וואס זאגסטו צו מיין אייניקעל, הא? א יאהר אויף מיר, ווי א מענש זי איז! און מיינסטו זי האט קיין פעהלערען ניט? זי האט אויך א פעהלער און א מיאוסען פעהלער, כאטש איך טענה, אז א מענש אהן א פעהלער איז גאר קיין מענש ניט! צוריק־גערעדט, נעהם טאקע מיין חיים'ען. ווער ווייס? ס'קאן זיין אז דאס וואס ביי אלע איז א פעהלער, איז גאר קיין פעהלער ניט! חיים איז קיין צדיק ניט געווען, האט ער אבער געהאט א טבע צו מאכען ביי יערען גלעזעל א „שהכול" און עס קאן זיין, אז אין דעם זכות האט ער געלעבט און ווי באלד ער האט אויפגעהערט טרינקען. האט ער דאס לעצטע שטריקעל אי־בערגעריסען און נעגאנגען פאר דער צייט פון דער וועלט! ביי פאלי'ן. זעהסטו איז שוין גאר אויסטערליש. קידער־ווידער, געהן און האבען עסקים מיט אן איטאליענער און דערצו נאך אזא פארזעהעניש דאס זעה־סטו, קאן שוין מיין שכל ניט משיג זיין! נו, אצינד פאק איך זיך שוין ארויס. כ'האב פיינד צו שטערען! אין די הינזיכטען, פארשטעהסטו מיך בין איך ניט פאנאטיש! אויך אמאל יונג געווען, כא, כא, כא!

עס האט זיך געהערט א קלאפ אין טיר.

— קאם אין!

פאלי איז אריין אין א העל דורכזיכטיג קלייד מיט א גרינליכען פא־פוגאי אויפ'ן אקסעל. דער פאפוגאי האט יעדע ווילע געעפענט זיין קרו־מען קורצען שנאבעל און געשריען: האללא! האללא!

דער אלטער משה, וואס איז געווען א היימישער „מה יפית" יוד, ניט געהאט קיין בושה און עס איז כמעט געווען אז אונמעגליכע זאך ער זאל זיך פון א זייטיגען מענשען באליידיגען. אט דער משה האט ביי זיך אין שטוב דוקא געוואלט מען זאל איהם רעספעקטירען און דער קלענ־סטער קרים פון דער טאכטער צו פון אן אייניקעל האט איהם באליידיגט.

אז פאלי איז אריין האט זי א קוק געטאן אויפ'ן „גרענד־פא" מיט אזא אפלאכענדען שמייכעל, ווי זי וואלט געזאגט: איך בין אסור סעם'ען מקנא. האסט איהם שוין פארנודיעט.

דער אלטער משה האט זיך גלייך אנגעבלאזען און גענומען ארויס־געהן. סעם האט גיך ארויסגעכאפט א זילבערנע מטבעה און אריינגע־

שטעקט דעם אלטען אין דער האנד. דער אלטער האט באדאנקט מיט א מאדנעם ברום און איז ארוים.

— מיר געהען שוין, סעמי — האט פאלי א פרעהליכע געזאגט, איז צו צו סעם'ס רעקעל, וואס האט געהאנגען אויפ'ן ווענטעל פון א שטול און גענומען זוכען אין די קעשענעס נאש־ווארג פאר דעם פאפוגאי. סעם האט זי אנגענומען פאר איהרע נאקעטע עלענבויגענס און זי לייכט אויפ־געהויבען:

**דזשי, אזוי לאנג טוט מען זיך אן!**

— דאס הייסט ביי דיר לאנג — האט פאלי זיך צושמייכעלט, א דרעה געטאן מיט'ן רעכטען פוס אזוי קונציג, אז דער שליטץ וואס איז געווען אין פראנט פון איהר קלייד האט זיך צועפענט און א שווארץ זיי־דענע זאק ביז איבער די לידקע האט ארויסגעקוקט. — דו ווייסט, אלעק האט אמאל אין א פראסט אויף מיר געווארט א גאנצען אבענד און זיך ניט דערוואַרט — — איך ווייס טאקע ניט — האט פאלי זיך צולאכט — נאר דו האסט עפעס מעהר מזל פאר זיי אלע.

— טאקע? — האט סעם מיטגעלאכט און געקוקט אויף איהרע עט־וואס שפיציגע, ווי מיט גענזענע הויט באצויגענע עלענבויגענס, וואס מען זעהט אזוי אפט ביי זעכצען יעהריגע מיידלעך.

פאלי האט אינסטינקטיוו געפיהלט, אז סעם קוקט אויף איהרע עלענ־בויגענס, האט זי זיך א ריס ארוים געטאן פון זיינע הענד, גענומען האצ־קען מיט'ן פויגעל ווי מיט א קינד און שטיפעריש געזאגט:

— פונדעסטוועגען נעהם זיך ניט איבער! און אז דו וועסט ווערען א שלעכט אינגעל איז „גוד־באי, טשארלי!" יעס, דו ווייסט, איך האב דאך היינט געקריגען א בריעף פון אלעק'ען.

וואס וויל ער ווידער? — האט סעם כלומר'שט גלייכגילטיג גע־פרעגט און געפיהלט בשעת מעשה ווי ער ווערט בלאס.

— גאר ניט! — האט פאלי געענטפערט און הנאה געהאט וואס עס פארדריסט סעם'ען — כ'האב דעם בריעף צוריסען. „טהאט'ס אלל!" —

— און וועגען מיר שרייבט ער עפעס? — האט סעם געפרעגט און געשמייכעלט.

— געוויס, ער לאזט דיך גריסען — האט פאלי זיך צולאכט — רעדט

אויף דיר אלס בייז, סטראשעט אז ער וועט זיך מיט דיר אפרעכענען. דו האסט דען מורא פאר איהם?

— ווער האט מורא. ווער? — האט סעם וואילעריש געענטפערט— כ'בין צו יעדער צייט גרייט אויסצוהערען פון איהם א פרעטענזיע!

— און ווען ער רופט דיך ארויס אויף א „פייט", דעם אמת זאג. וואלסטו געגאנגען? — האט פאלי אז ערנסטע געפרעגט.

— און דו מיינסט טאקע אז כ'האב מורא פאר'ן „גיני"? טאר הער: אז דו ווילסט. רוף איך איהם נאך היינט ארויס! ער האט קיין רעכט דיר בריעף צו שיקען! — האט סעם אויסגעשריען — ווילסט. זאג: אלס צו־ליעב דיר. פאלי, אפילו אין פייער...

— הא. הא. הא. — האט זיך פאלי צולאכט — „גוד־באי"! און זיך געלאזט צי דער טיר.

סעם האט זי אנגעכאפט. צוגעדריקט צו דער וואנד. צוגעפרעסט זיין באק צו איהרער און געפיהלט ווי די פערפיומען פאר'שכור'ען איהם. ער האט זי געקושט אויפ'ן קאפ און געפלאפעלט:

— ניטא פאלי. מיין קעצעל. זיי ניט בייז...

ער האט זיך מיט אמאל באגעגענט מיט'ן בלינדען אויג פון דעם פאפוגאי, וואס איז געשטאנען ביי פאלי'ן אויפ'ן אקסעל. דער פויגעל האט לייכט געהויבען די פליגעל, בייז געקוקט און סעם'ען האט זיך גע־דאכט אז אט. אט און דער פויגעל וועט מיט איין פארמעסט פון שנאבעל איהם אויסהאקען אן אויג. ער האט א ציטער געטאן און דערפיהלט ווי איינער וואס פאלט אין חלום פון א הויכען בארג אראפ. פאלי האט זיך ארויסגעריסען פון סעם'ס ארעמס און כלומר'שט א באליידיגטע זיך גע־בייזערט:

— געה. געה, איך האב דיך פיינט. האסט תמיד אזא שטעכיגע מארדע!

סעם האט געפלאצט פון געלעכטער.

## VII.

איבער דער לענג פון דער גאס האבען זיך געטראָגען אינגלעך און מיידלעך אויף „ראָלינג־סקייטס“, באַלאַנסירענדיג מיט לאַנגע שטעקענס. אויף א פריהער איז א ווייסע, לויזע בלוזע האט זיך געטראָגען האנד אין האנד א זעכצעהן־יעהריגע מיידעל מיט א בחור'ל אין קורצע הויזען. אַן אַטאָמאָביל איז דורך. דאס בחור'ל האט אָפּגעלאָזט דאס מיידעל, א כאַפּ געטאָן זיך מיט איין האנד פאר'ן אַטאָמאָביל און א צופריעדענער פאר־שוואונדען. דאס מיידעל מיט'ן לאַנגען צאָפּ האט זיך אויף א רגע אָפּ־געשטעלט, פון פאָרדראָס א קאָמאַנדע געטאָן מיט דער האַנד, זיך געלאָזט אויף איהרע שטאָלענע רעדלעך אין דער צווייטער זייט גאס און די דריי־צעהן־יעהריגע קאַוואַליערען זענען איהר נאָך ווי ביהנען נאָך א „מאַטקע“.

די ברייטע אַספּאַלט גאס וואס האט זיך געצויגען בערגעל איין, בערגעל אוים אויף מיילען, דאס מיידעל מיט איהר לאַנגען צאָפּ און מיט איהרע גראַציעזע באַוועגונגען האבען סעם'ען גערייצט און ווילד געמאַכט. ער האט חשק געהאט אויפצוזוכען א פּעסטען, קיילעכדיגען שטיין, איהם א לאָז צו טאָן איבער'ן גלאַטיגען אַספּאַלט אַזוי, ער זאָל אַוועק אָהן אויפ־הער.

סעם האט דערפיהלט ווי די פויסטען ציהען זיך ביי איהם אַז ביז צום פּלאַצען. ער האט פארגעסען וואו ער געפינט זיך, געגאַנגען ווי אויף שטאָלצעס און הנאה געהאט פון די קלעפּ וואס ער גיט אַלעק'ען.

נעבען א „סטאָר“ האט זיך געטרייקענט א בלעכענע קאַן פון מילך, האט סעם, אַזוי כלאחר יד, זי א בריקע געטאָן מיט'ן פוס אין מיטען גאס אריין און געגאַנגען ווייטער.

— ביזט משוגע געוואָרען? — האט פאַלי זיך כלומרשט געבייזערט.

סעם האט זיך צולאַכט מיט א פול מויל און געזונטע געלבליכע ציין, ווי מיט מאַך באַוואַקסענעם פיענקעס, האבען זיך ארויסגעזעהען.

א „טיהם“ פון צעהן אינגלעך אין קאַלירטע לייבלעך אָהן ארבעל מיט

בלויזע צושויבערטע קעפלעך. האבען ערגעץ אויפגעזוכט א רייף, זי אנגע־האנגען ביי א לאנטערנע אין מיטען גאס און געשפיעלט מיט א גרויסע, באצויגענע מיט לעדער פילקע אין „בעסקעט־באלל".

פונקט ווי א פרומער איד וועט ניט דורכלאזען א קיש צו טאן א מזוזה, אזוי וועט דער דורכשניטליכער, גוטער אמעריקאנער ניט דורכ־געהן גלייכגילטיג אין דער גאס ווען א „באל" וועט פליהען אין דער לופטען.

סעם האט זיך ניט געקאנט צוריקהאלטען פון דעם פארגעניגען. גע־וואלט אויך א מצוה טאן און ניט טרעפענדיג מיט דער האנד, האט ער מכבד געווען דעם „באל" מיט'ן פוס וואס כוח נאר. צווישען די אינגלעך איז געווארען א מהומה, זיי האבען זיך א שאט געטאן איינער אויפ'ן צווייטען, זיך געריסען, געגוואלדעוועט און סעם האט א צופריעדענער זיך געגרייט שוין א צווייטען מאל אויסצושטרעקען דעם פוס ווען ער האט דערהערט פאלי'ס קול:

— כ'געה אהיים! וועסט שוין א צווייטען מאל ווארטען כ'זאל געהן מיט דיר! אז דו קאנסט מיט א ליידי ניט געהן!

סעם האט פון גרויס התפעלות אנגעכאפט פאלי'ן פאר דער האנד, ארייגעמאכט זיינע פינגער צווישען איהרע, געפיהלט ווי זיי בויגען זיך, קנאקען און א שווייגענדיגער געשפאנט מיט איהר אליין פעסטער.

אז זיי זענען אריין אין פארק איז שוין געווען טונקעל. דער גאנצער הימעל איז געווען באדעקט מיט א רייצענדע קופערנע רויטקייט, גלייך ערגעץ ווייט וואלט מען פייערען געלעגט, פריידעס וואלטען געברענט, א פאר'שכור.ענדע פייכטקייט, ווי דער שווערער אפגעהאקטער אטהעם פון געליעבטע, הא זיך געהייבען פון דער ערד, איינגעהילט אלעס ארום. פאר'חלש'טע פארלעך זענען געזעסען הינטער די בוימער, זיך איינגעגעסעי איינער דעם צווייטען אין די העלזער, אין די מיילער, זיך ניט דערשראָ־קען פאר מענשענס טריט און גלייכגילטיג געקוקט אויף זיי, ווי אויף גע־נעגאיבערדיגע בוימער.

פאלי מיט סעם'ען האבען געשפרייזט אויפ'ן ווייכען גראז. ווי איבער גוט אויסגעקנאטען טייג, זיי געטוליעט איינער צום צווייטען, מיט הנאה

געפיהלט ווי די פינגער ווערען אלץ שטייפער און געזוכט מיט ברייט־צועפענטע אויגען א פלאץ וואו זיי זאלען זיין אליין.

אויף א ברייטע מיט מאד באוואקסענע סקאלע האבען זיי זיך אפגעשטעלט. שטיל. פון דערווייטענס האט זיך געטראגען אן אפקלאנג פון א „רעג־טיים". ארום און ארום האבען זיך געצונדען און געלאשען גאלד־פליגעלעד.

סעם האט א כאפ ארום געטאן פאלי'ן, זי אויפגעהויבען און געוואלט זי ארויפזעצען אויף זיין אקסעל. פאלי האט זיך מיט א מיידעלשען קוויטש ארויסגעריסען און פון גרוים איילעניש איז איהר שמאל לעטשיל אראפ פון פוס. סעם האט געכאפט דאס לעטשעל, זיך געדרייצט און געלאכט. פאלי האט א הינקעדיגע און מיט א געמאכטען געוויין איהם געבעטען ער זאל איהר צוריקגעבען דעם שוך. זי האט זיך מיט אמאל א האסטיגען דרעה אוים געטאן, אנגעכאפט מיט א קוויטש סעם'ען פאר דער האנד און אין איין אויגענבליק זענען זיי ביידע געלעגען אויף דעם נאס־גראז און געפיהלט ווי זייערע אטהעמס ווערען אפגעהאקט און שווער.
ליכען גראז און געפיהלט ווי זייערע אטהעמס ווערען אפגעהאקט און שווער.

— פוססי, מיין פוססי, כ'וועל דיך אויפעסען! — האט סעם געסאפעט און ווי א גרויסער, קודלאטער הונד שפיעלט זיך מיט זיין בעל־הבית און צייגט ארוים זיין געטריישאפט מיט א געמאכטען ביס, מיט א לעק, אזוי האט סעם ניט געפינענדיג קיין ווערטער, זיך געשפיעלט מיט פאלי'ן בייסענדיג זי וואו ער האט נאר געטראפען.

— ניטא, ניטא, ניטא! כ'האב דיך פיינד! — האט פאלי זיך געצאפעלט ווי א פישעל און איהם ארומגענומען מיטביידע הענד. ארום איז געווען שטיל, נאר פון מאל צו מאל האט מען דערהערט ווי א שיפען פון שלאנגען—דאס האט זיך א הויך־צוג ערגעץ דורכגעשלייכט. אויף א בערגעל זענען געזעסען א קאמפאניע בחורים מיט מיידלעך ארומגערינגעלט מיט פייערדיגע „פאנקס". ווי מיט א כשוף קרייז. די „פאנקס" זענען געווען אריינגעזעצט אין דער ערד, די מוקען זאלען ניט בייסען. א ווייסער סילועט איז מיט אמאל אויסגעוואקסען אין מיטען קרייז. א מאד געטאן מיט א קליין באנדעל צעווארפענע „פאנקס", ווי מיט כשוף שטע־

קעלער אין פארשידענע פייערדיגע געשטאַלטען ווי האלבע רעדער, שלאַנ־גען האבען געזיג־זאגט אין דער לופט. עס האָט זיך דערהערט א שטילע, אנגענעמע פרויען שטימע:

קליפ־קלאפּ איז גאָלדען טיר,

מיין זים לעבען עפען מיר. —

א חברה אמעריקאנער „באָים" זענען דורך דעם פארק מיט א פויק פון אַז אַלטען בלעכענעם קעסעל און מיט א לוסטיגען „רעג־טיים" געזאַנג. דער געזאַנג האָט אַלעם פארהילכט, ביסלעכווייז זיך גענומען פארלירען און אין א ווייַלע ארום איז נאָך שטילער געוואָרען. ערגעץ ווייט האָט זיך פון דער חמימה, דער הימעל געפאלדעוועט אין ווייכע בליצען. א שטע־רען נאָך א שטערען איז געפאלען צווישען די צונויפגעגאָסענע אין דער ווייטקייט בוימער.

שפּעט אין אבענד האָט פאלי דערפיהלט אַז עמיצער שטעהט נעבען איהר און זי האָט זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך אפּגעטרייסעלט ווי א הינטעל וואָס שפּרינגט ארויס פון וואסער און זיך אוועקגעזעצט אויף דער סקאַלע.

נעבען איהר איז געשטאַנען א האלב־נאַקעט אינגעל מיט א קעס־טעלע נאַש־וואַרג אין איין האנד און מיט פּעקלעך „פּאַנקס" אין דער צווייטער.

דאָס אינגעל מיט א חוש פון א געניטען פּעדלער און פּיעלייכט א צוקונפטיגען קאָנסול נאָך טערקיי, האָט אויסגעמיטען פאַלי'ן און אונ־טערגעטראָגען זיין קעסטעלע דעם האלב־שלאָפענדען סעם'ען:

—קויפט, מיסטער, פאר אייער ליידי, מילך טשאָקאָלאַד. פינף סענט א פּעקעל! די „מאַסקיטערס" בייסען היינט שרעקליך! — און דערלאַנגט פאַלי'ן א פּעקעל „פּאַנקס".

סעם האָט געשמייכעלט. איהם איז דער קליינער „פּעדלער" גע־פעלען געוואָרען, זיך געטראַכט: „יעדער הונד האָט זיין טאָג" און איהם באַצאָהלט דאָפּעלט. ער האָט זיך אויסגעצויגען ווי גרויס ער איז געווען. איינגענורעט זיין צופלאַמט פּנים אין דעם טהוי באַדעקטען גראָז, געפיהלט א פרישקייט און געטראַכט אַז ווען אַלעק וואָלט איהם איצט ניט גע־שטאַנען אין וועג וואָלט ער געווען דער גליקליכסטער. מיט איין שאָר פון

זיין קערפּער איז ער געלעגען ביי פּאָלי'ם פיס און זיי פעסט ארומגענומען.

— פּאָלי, דאַרלינג, כ'בעט דיך, שיק אַב אַלעק'ען דעם בריעף! וועסט אַפּשיקען?

פּאָלי האָט זיך ארויסגעדרעהט פון סעם'ס הענד און אַן ערענסטע געפרעגט:

— און אז כ'וועל ניט אַפּשיקען?

סעם ניט ערוואַרטענדיג אַזאַ ענטפער האָט זיך עטוואס פארלוירען. זיך געפונען געקרענקט און כאָטש ער איז געווען זיכער אַז מיט בייזען וועט ער ערגער מאַכען, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און אויס־געשריען:

— און איך זאָג דיר, אַז דו וועסט אַפּשיקען אַלעק'ען דעם בריעף!

ער האָט זיך גלייך געכאַפּט אַז ער האָט אַלעס קאַליע געמאַכט און געבליבען שטעהן ווי איינער וואָס שטעלט איין די לעצטע סטאַווקע.

— אַזוי, כ'וועל גאָר מוזען! נו, דאָס זענען אַנדערע ווערטער! — האָט פּאָלי ביטער אַ שמייכעל געטאָן, אַנגעטאָן דאָס לעטשעל און פאַר־לייגט איין פוס אויפ'ן צווייטען — ס'הייסט טאַקע, דו מיינסט מיט אַן אמת, אַז כ'בין פארליעבט אין דיר און כ'וועל מוזען פאָלגען אַלע דיינע, קאַפּריזען, האַ? ניקסי, מיין „באָי"! שלאָג דיר ארויס די אַלע נאַריש־קייטען פון קאָפּ! און כ'וועל דיר אויסזאָגען אַ סוד — האָט פּאָלי שטילער געזאָגט און צוגעלעגט די האַנד צום מויל — הער זיך איין, דאָס אַלעס איז מעהר ניט געווען ווי אַ שפּאַס. הערסט? נו, ווי געפעלט עס דיר? — האָט זי פארענדיגט און פון גרויס אויפרעגונג זיך אַ שטעל אויף געטאָן.

— ס'געפעלט מיר שוין גאָר ניט — האָט סעם געענטפערט כלומרשט מיט אַ שמייכעל און זי ארומגענומען — געה, ביזט אַ קינד, וואָס דו פּלאַפּעלסט אַלץ! — און ער האָט גענומען קושען איהרע הענד.

— אויב כ'בין יאָ אַ קינד — האָט פּאָלי אַן אַנגעכמורעטע געזאָגט און אַ שלעפּ ארויס געטאָן איהר האַנד — האָב איך דאָך אודאי געהאַט דאָס רעכט צו שפּאַסען!...

סעם איז ארויס פון געדולד.

— מיט מיר שפּאַסט מען ניט! וואָס מיינסטו, וואָס? זיך לאָזען ארומפיהרען ביי דער נאָז? איך בין ניט אַלעק, בין איך ניט! דו מיינסט

אז כ׳וויים ניט? — כ׳וויים אלעם!

— וואס ווייסטו? — האט פאלי רוהיג געפרעגט און מיט אזא ביטול געשמייכעלט, ווי א גרויסער שמייכעלט ווען א קינד כאפט זיך איהם שלאגען.

סעם האט באשלאסען ניט צו ענטפערען. נאר פאלי׳ם שמייכעל האט איהם אזוי אויפגערעגט, אז ער האט אויף דאס ניי אויסגעשאסען:

— אודאי וויים איך! ס׳איז א סוד מיינסטו!! דזשייק האלט איין טענה׳ן אז דו וועסט קיינמאל ניט חתונה האבען, אז דו, אז דו האסט הינטיש בלוט אין זיך!

דא האט זיך פאלי פלוצלונג צולאכט, געוואלט עפעם זאגען, נאר דאס געלעכטער האט איהר אזוי געשטיקט, אז זי האט זיך אזש געהאלטען פאר די זייטען:

— און דו ווילסט דוקא מיט מיר חתונה האבען? — האט פאלי קוים דערצויגען דעם אטהעם און זיך ווידער צולאכט — זעהר שעהן, מיין אינגעל! אבי איך האב געמיינט עס ליגט דיר אין דער לינקער פאה ניט! אויב אזוי, זעהסטו, וועל איך דזשייק׳ען אויף צופלאצעניש מיט דיר חתונה האבען. נו, ביזט צופריעדען.

סעם האט זיך פארלוירען, ניט געוואוסט צי זי זאגט אמת, צי זי מאכט חוזק און געקוקט איהר גלייך אין די אויגען אריין.

פאלי האט אפגעבראכען א שטיקעל טשאקאלאד, איז גראציעז אונטערגעשפרונגען צו סעם׳ען און זיך מיט איהם גענומען שפיעלען:

— מיר א שטיקעל, דיר א שטיקעל, מיר א שטיקעל, דיר א שטיקעל. מיר—דיר, דיר—מיר — און צום טאקט אונטערגעטראגען דאס שטיקעל טשאקאלאד פון איהר מויל צו זיינס.

צום סוף האט זי א שטופ אריין געטאן דאס שטיקעל טשאקאלאד סעם׳ען אין מויל אריין, איהם אנגעכאפט פאר די אקסלען און זיך קינדיש צולאכט.

סעם איז געזעסען א צוטומולטער און געפיהלט זיך אזוי, ווי מען פיהלט געוועהנליך שטעהענדיג אונטער א שפריץ וואו הייסע און קאלטע וואסער גיסען זיך נאכאנאנד.

— אצינד בארוהיג זיך — האט פאלי געזאגט און זיך צורעכט גע־

מאַכט די האָר — זיי ניט בייז און גיעב מיר א האַנד, אַט אזוי!

סעם האָט ניט געענטפערט, געגאַנגען מיט פאַלי'ן אהיים און גע־וועז צופריעדען וואס ער איז ווידער געבען איהר. און כאָטש דאס הארץ האָט איהם געזאָגט אז פאַלי וועט זיינע ניט זיין, אז פיעלייכט נאָך מאָרגען וועט זי אימיצער צונעמען פון איהם, פונדעסטוועגען האָט דער געזונטער סעם דערפיהלט יענע פרייד פון א קראַנק קינד, וואס וויים אז דער פאָטער נאַרט איהם ווען ער שענקט איהם זיין גאָלדענעם זייגער ער זאָל איינגעמען די מעדיצין און איז פאָרט בשעת מעשה צופריעדען.

# VIII.

פארנאכט איז סעם געזעסען ביי זיין בעל־הבית'טע אין „סטיישיא־נערי סטאר" און זיך צוגעקוקט ווי זיינע חברים שפיעלען אין „דייס". יעדע ווייל האט אנאנדערער גענומען דאס לעדערנע טעפעל, עס פונאנ־דערגעשאקעלט, דריי מאל אויסגעשפיגען אויף מזל און עס א ווארף גע־טאן אויף דער גלעזערנער צאהל־באנק.

די יונגען האבען געשפיעלט מיט מיסעם ריטש, וועלכע האט אויסגע־צאהלט די געווינסען מיט סיגארען און נאש־ווארג. זי איז געשטאנען א צויאכמערטע, עטוואס אויסגעבויגען די פלייצעס, געקוקט מיטביידע אויגען די חברה זאלען ניט מאכען שקר'ם און מורה האבענדיג מען זאל דערווייל עפעס ניט אונטערגעשלאגען האט זי זיך יעדע ווייל אומגע־קוקט. ווי איינער וואס שרעקט מען זאל איהם ניט א פלאם טאן אין געזעס אריין.

סעם האט עס באמערקט און זיך פונאנדער געשמייכעלט. ער האט זיך פאר'גנב'עט הינטער מיסעם ריטש, וואוילעריש ארייגעשפיגען אין דער לינקער האנד, אנגעשטעלט די רעכט און זיך כלומר'שט געקליבען צו לעגען מיסעם ריטש א חתימה. די יונגען מיט סליונע אין די מיילער האבען ממש גע'חלש'ט ער זאל וואס גיכער א כמאל טאן.

מיסעם ריטש האט אינסטינקטיוו געפיהלט אז עמיצער שטעהט הינטער איהר, האט זי זיך א דרעה־אויס געטאן, דערזעהן סעם'ען און מיטגעשפאסט:

— מעהר וואלט דיר שוין קיין צרות ניט געפעהלט, פאסקודניק דו! — און זי האט זיך אויסגעגלייכט.

סעם האט א מאך געטאן מיט דער האנד, צוגעקנאקט מיט דער צונג: „אי, ווען זי כאפט זיך ניט!" — און זיך א צופריעדענער אוועקגע־זעצט.

א פאליסמאן וועמען עס איז דערעסען געווארען זיך צו באקען אויף דער גאס האט פון לאנגווייליגקייט ארייגעשטעקט דעם קאפ אין „סטאר".

ער האָט באַטראַכט דעם עולם און זיך פונאַנדער געשמייכעלט, ווי איינער זאָגט: „אַז כ׳וויל, חברה, קאָן איך אייך אַריינפּאַקען אין שער הרחמים, נאָר גאָר ניט!"

— העלאָ, קעפּטען! — האָט מיסעס ריטש וואוילעריש אַ זאָג געטאָן דערזעהענדיג דעם פּאָליסמאַן און גלייך גענומען איינגיסען אַ גלאָז קאַלטע וואַסער — כ׳האָף, איהר וועט זיך ניט אָפּזאָגען פון אַ גלאָז קאַלטע סעלצער מיט סאָק, האַ? „סטעפּ אין!"

דער פּאָליסמאַן איז שמייכלענדיג אַריין אין סטאָר. ער האָט אויסגעטרונקען מיט איין ציה אַ גלאָז וואַסער, מעשה קאָמאַנדיר באַטראַכט דעם עולם און שפּיעלענדיג זיך מיט׳ן „קלאָב" האָט ער זיך געווענדעט צו דער חברה:

— קיפּ אָפּ, באָיס! קיפּ אָפּ!

די חברה האָבען ווידער גענומען שפּיעלען.

דער פּאָליסמאַן איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך גע׳ישוב׳ט און צום סוף אויך איינגעשטעלט אַ צעהן־סענט־שטיק. ער האָט אַ וואָרף געטאָן די ווערפעל און פאַרשפּיעלט.

מיסעס ריטש האָט איהם בסתר צוריקגעגעבען די פּאָר סענט, איהם נאָך מכבד געווען מיט אַ סיגאַר און געדאַנקט גאָט וואָס זי ווערט פון איהם פּטור.

סעם׳ען האָט געלאַנגווייליגט. ער איז געזעסען און געטראַכט וועגען פּאָלי׳ן, מיט וועלכער ער איז שוין דעם צווייטען טאָג געווען ברוגז. די חברה אין סטאָר האָבען זיך אָנגעשטויסען אַז ער איז ניט גלאַטיג וואָס סעם זיצט עפּעס היינט איינער אַליין און שווייגט — האָבען זיי צוגעשיקט דעם דורכגעטריבענסטען צווישען זיי, ער זאָל אַ טאָפּ טאָן דעם דפק.

דער יונג האָט „דורכ׳געדזשיגעט" עטליכע מאָל דעם סטאָר — טאַם־טאַ־טאַ־ראַם־טאַם! טאַם־טאַם! זיך אָפּגעשטעלט נעבען סעם׳ען, אַרויסגענומען אַ סיגאַרעט מיט אַ גאָלדענעם שטאָפּסעל, איהם אָנגעקלאַפּט עטליכע מאָל אַן שאַכטעל, מכבד געווען סעם׳ען מיט אַ צווייטען און זיך אָוועקגעזעצט.

— הער זיך איין, סעם, יעס, וואָס איז דער מעהר, מען זעהט עפּעס פּאָלי׳ן ניט? זי פיהלט ניט גוט?

סעם האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט, האָט ער אַ לאַנגען

ציה געטאן דעם סיגארעט, ביסלעכווייז ארויסגעלאזט דעם רויך און גע־טראכט וואס צו ענטפערן.

— וואס פאלט דיר איין, וואס? זי האט פשוט קיין צייט ניט! וואס מיינסטו? א מיידעל פאר א חתונה, איז זי טאקע פארנומען...

— וואס איך הער? — האט דער יונג א פארוואונדעטער געשמייכעלט, פאריסען זיין קורץ אויסגעבויגען ווי א זאטעל נעזעל און ס׳איז מיט אמאל פון דער נאז ביז צום מויל אויסגעוואקסען אזא שטח. כאטש נעהם און ווארגעל אוים א בלאט לאקשען. אזוי, אזוי, נו, וואס שווייג־סטו, וואס, דו דעמעט, שטעק אריין א האנד—וועסט כאטש בעטען אויף דער חתונה, דו — — ?

— ווי דען, ווי דען!

— איין זאך טוט מיר הנאה — האט דער געלער געקלאפט סעם׳ען אויף דער פלייצע — וואס דער „ג׳יני“ איז געבליבען מיט א נאז!

ער מיינט טאקע, עפעס גרעסערע קנאקערם ווי דער „ג׳יני“ זענען געבליבען מיט נעז!

— אזוי? אהן געלעכטער, סעם, מאך מיך טאקע קלוג — האט דער געלער זיך געמאכט תם׳עוואטע — וואס אזוינס האט פאלי אין דיר געפונען? זי האט לייכט געקאנט קריגען א „פראפעשאנאל“. האסט מזל, גאד־דעמעט, טהאטס אלל!

— יו בלאק העד! — האט סעם וואוילעריש געענטפערט און אפער־געווארפען זיינע פיס מיט די געלע האלבע שיך און געלע זיידענע זאקען— ווען דו וואלסט געוואוסט ווער עס האט זיך אליץ צו פאלי׳ן גע׳שדכ׳ענט וואלסטו נשתומם געווארען! קענסט דאקטאר פריך?

— נו?

— ער שיקט איהר נאך היינט בריעף!

— און זי?

— זי עפענט זיי צומאל ניט, צורייסט און פארטיג!

— אזוי?

— טרי טשירס! טרי טשירס, באים! — האט א יונג אויסגעשריען.

אויף דער שוועל איז געשטאנען פאלי אין א ווייסע „ראשען“ בלוז, געשנורעוועט פוןביידע זייטען מיט בלויע זיידענע טאשמעס און מיט א בלויען מאטראז קאלנער.

די יונגעז האבעז זיך גלייך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות ווי די זעלנער, גענומעז לייכט „דזשינגעז" מיט די הויכע אפצאסעז, קנאקעז מיט די פינגער און פאלי א שיינענדיגע, מיט איהרע גרויסע, שווארצע אויגעז איז דורך ווי א גענעראל, ווארפענדיג שמייכלעז רעכטס און לינקס.

א יונג אין א בלויע העמדעל מיט א זיידענעם קעפ איבער'ן רעכטעז אויער איז ארויס אין מיטעז „סטאר" און מיט א שטימע פון א „קעמפיין" רעדנער האט ער אויסגעשריעז:

— פי! עי! יו! על! וואי!

און אלע האבעז אונטערגעכאפט:

— פי! עי! יו! על! וואי! פאלי! פאלי!

זיי האבעז פארגעסעז אז אלעם, געטאנצט פון איין פוס אויפ'ן צווייטעז, געקנאקט מיט די פינגער און עס האט אויסגעזעהן ווי א מחנה אינדיאנער וואלטעז געפראוועט עפעס א הייליגעז טאנץ.

סעם איז געשטאנעז, קיין אויג ניט אראפגעלאזט פון פאלי'ן און געקוואלעז. א קליינינקייט! זיי ווערעז דאך אלע פארכאפט פאר איהר?

מיסעס ריטש האט געוואוסט, אז איצט וועט שוין קיינער מעהר ניט שפילעז, האט זי באהאלטעז דאס לעדערנע טעפעל און א בייזע געשאלטעז:

— מען האט זי דא געדארפט, צו אלדע וויסטע יאהר! אז אנשיקעניש! און איהר — האט זי זיך געווענדעט צו די יונגעז — זייט אביסעל שטילער, ביי מיר איז קיין טאנץ־זאל ניט!

— נאר זיך ניט געבייזערט, מיסעס ריטש, איהר וועט דאך איצט מעהר לייזען — האט א געלער יונג מיט אן אפגעגאלטעז קאפ געזאגט און געקויפט א פעקעל טשאקאלאד.

פאלי האט זיך געמאכט ניט הערעז די מאמעס געוואלדעז, זי האט געקייעט טשאקאלאד, געשוועבט ווי א פויגעל פון איין יונג צום צווייטעז, גראציעז געהויבעז איהרע אקסלעז, יעדען עפעס איינגערוימט און דער עולם האט געהאלטעז איז איין לאכעז.

סעם איז געשטאנעז אין א זייט און באמערקט אז פאלי מיידט איהם אויס, האלט ניט פאר נויטיג זיך אפצושטעלעז נעבעז איהם. זי איז עטליכע מאל פארביי זיין נאז, זיך געמאכט איהם ניט זעהעז, צ.ם סוף

האט זי זיך א פלוצלינגען דרעה אויס געטאן, ווי איינער וואס דערזעהט א ניט ערווארטעטען גאסט און גריסענדיג איהם מיט דער האנד, האט זי גענומען טענה'ן מיט א צווייטען.

סעם האט דערפיהלט א מאדנע שנאה צו פאלי'ן און איז בלאס געווארען. איהם האט זיך געדאכט אז אלע קוקען אויף איהם, ווייסען אז ער איז אויסגעשפיעלט און ער האט שטארק חשק געהאט אפצוטאן עפעס אזוינס אז אלע זאלען נאר וועגען איהם רעדען און טראכטען.

סעם איז אבער א מזיק געוועז, און פונקט ווי א גנב וואס דערשמעקט דער ערשטער אז ער איז אריינגעפאלען און איידער וואס, ווען ווערט ער דער חכם, יאגט אויך און שרייט: „כאפט א גנב!“ — אזוי האט סעם זיך א בים געטאן אין דער אויבערשטער ליפ און געווארען מיט אמאל לעבעדיג. ער האט געוואוסט מיט וואס אוועקצונעהמען די אויפמערקזאמקייט פון פאלי'ן — האט ער זיך א שטעל אוועק געטאן אין מיטען „סטאר“ און גענומען נאכמאכען א וואדעוויל פאיאץ. ער האט א ציה איין געטאן די אויגען ווי שמאלע, שארפע מאנדלען, וואס קומען זיך, דאכט זיך, צונויף. ערגעץ הינטער דער נאז, געמאכט א נעביך פנים'על און זיך פארגעשטעלט אלס דער נאבעלער „לאנדרי־מען“ טשון־טשו־גו. אויף אן עכט כינעזישען ענגליש האט ער אויסגערעכענט זיינע פארדינסטען פאר אמעריקא. ער האט אפגעגעבען א שבח דעם הייליגען קאנפוציוס, קלאפענדיג דעם שטערען זיבען מאל אין דער פארלאגע, וואס ער האט זיך באמיהט פאר זיינע „הימעל־קינדער“ און געגעבען חכמה דעם „ניט ריינעם“ נאר פארט נאבעלען קאלומבוס צו ענטדעקען אמעריקא. אז ניט וואס וואלטען נעבעך אזוי פיעל „הימעל־קינדער“ געטאן? און אמעריקא איז א „קאנטרי“ פון „הארריי־אפ“ — האלט מען טאקע אין איין שוויצען. די מענער קאנען א וועלט פארפלייצען! און די ווייבער? זאל דער הייליגער קאנפוציוס שומר ומציל זיין!

דער עולם איז אזוי באגייסטערט געווארען פון סעם'ס דרשה, אז ער האט פארגעסען ס'איז דא א פאלי אויף דער וועלט, געקייכט פאר געלעכטער און עטליכע מאל אויפגעהויבען סעם'ען.

א פוילישע דיענסט מויד מיט א פעט מילכיג פנים איז אריין אין סטאר. זי האט זיך אפנים פארשעהמט פאר די יונגען און מאדנע גענומען שפרייזען, גלייך א שטעקען וואלט זיך איהר געפלאנטערט צווישען

די פּיס, זי האָט געגעבּען מיסעס ריטש א גלעזערנע קרוג און געבעטען סאָדא־וואַסער.

— אָט איז א שעהן מיידעל — האָט פּאָלי שפּאַסיג געזאָגט — „גאָ עהעד, בּאָים" מאַכט „לאַוו" צו איהר!

א יונג האָט זיך גלייך צוגעשאַרט צו דער דיענסט, איהר געגעבּען צוקערלעך, געמאַכט קאָמפּלימענטען און זעהענדיג אַז די שקצה לאַכט מיט אזא שעפּסען געלעכטער פון זיינע חכמות, האָט ער אויך די הענד גענומען צו הילף. און וואו אריין צו קניפּען האָט ניט געפעהלט.

די „מאַריכנא" האָט זיך כלומרשט געווערט און זייענדיג זיכער אַז די „אַמעריקאַנצעם" פאַרשטעהען ניט קיין פּויליש, האָט זי גערעדט אזעלכע רייד אז א קאָזאַק וואָלט רויט געוואָרען און פון גרויס הנאה אריינגעלאַכט זיך אין בּוזעם אריין אזש צום וויינען.

ווען די מויד האָט שוין געוואָלט ארויסגעהן האָט סעם איהר דורכ־געקרייצט דעם וועג און זיך א כאַפּ געטאָן פּאַר א פּוס. די מויד האָט א קוויטש געטאָן, זיך צוגעזעצט און די גלעזערנע קרוג איז צופאַלען אויף שטיקלעך.

— מזל־טוב! מזל־טוב!

עס איז געוואָרען א טומעל.

מיסעס ריטש האָט געמאַכט קולות, געזידעלט סעם'ען, געטריבּען פון „סטאָר" ארויס און גענומען אויפּווישען דאָס וואַסער און אויפקלייבּען די שטיקלעך גלאָז.

די „מאַריכנא" האָט אויסגעגלאָצט אַפּאָר אויגען, געקוקט דאָ אויף מיסעס ריטש, דאָ אויף דער צובּראָכענער קרוג און געהאַלטען בּיי פונאַנ־דערוויינען זיך.

— נו, וואָס שטעהסטו, וואָס, ווי אַן אַנגע'מלאכה'ענטער — האָט מיסעס ריטש א שטופּ געטאָן סעם'ען — דו קאָמעדיאַנט מיינער! איצט זיי זשע מוחל און קויף איהר א „פּיטשער"!

פּאָלי האָט זיך געקייקעלט פון געלעכטער.

סעם האָט ערגעץ דערטאַפּט א קרוג, זי אָנגעגאָסען מיט וואַסער און משלח געווען די דיענסט.

די מעשה מיט דער קרוג האָט סעם'ען עפּעס מאָדנע צוטריישעלט.

עס איז איהם מיט אמאל אומעטיג געוואָרען און ער האט זיך אוועק־געזעצט.

פאלי האט עס באמערקט.

— „באָיס", ווער נעמט מיך נאך „קוני"? — האט פאלי קאָקעטיש געפרעגט — כ'האב גאר קיין חשק ניט דא זיך צו פרעגלען...

אלע האָבען זיך געכאפט פאר די קעשענעס, זיך עלעגאַנט פאר־נייגט, וואוילעריש געקלונגען מיט די ממתקים און יעדער איינער איז גרייט געווען כאַטש שוין כאַפּען אַן אַטאַמאַביל און פליהען.

— און דו, „בייבי" — האט פאלי סעם'ען א פאטש געטאן מיט איהר ווייס־זיידענע הענטשקע אין פנים אריין — וואס איז דער מעהר מיט דיר? וואס ביזטו עפעס מיט אמאל אזוי שטיל געוואָרען?

— ער טרויערט נאכ'ן צובראכענעם „פיטשער" — האט זיך איינער אנגערופען.

— ער איז פארליעבט. — האט דער געלער אויסגעשריען, א גנבה'־שען ווינק געטאן מיט די אויגען און בשעת מעשה א דרעה געטאן מיט די אויערען ווי א פערד.

— טאקע? — האט פאלי סעם'ען געפרעגט.

— טא לאז ער ווייזען די צונג! — האט א צווייטער אן עצה געטאן.

סעם האט אליין ניט געגלויבט ער זאל זיך קענען אזוי פארלירען. געוואָרען מיט אמאל בלאס, געפיהלט ווי ער ווערט אן אויפגעקאכטער, געמיינט אז אלע האבען זיך צונויפגערעדט, לאכען פון איהם און ער האט געטראכט צו זאגען פאלי'ן אזוינס עס זאל איהר פינסטער ווערען אין די אויגען. ער האט אבער א נארישען שמייכעל געטאן און ארויסגע־שטעקט א צונג ווי א לעדער.

פאלי איז עטוואס רויט געוואָרען, גענומען סעם'ען שלאָגען איבער'ן פנים מיט איהר זיידענע הענטשקע און געשריען:

— א, יו פרעש טהינג! !

סעם האט זיך איינגעבויגען און וועלענדיג פאלי'ן אויסמיידען האט ער א שפרונג געטאן אן א זייט, זיך פארטשעפעט אן א טשוואק און געמאכט א געוואלד־רים ווי א דלת אין זיין נייעם ראק.

— ניט אנדערש, ווי משוגע — האט מיסעס ריטש געקוויטשעט —

אז די מויד איז ווילד, רוהט ניט ווי דער סמבטיון! האט ער צובראכען א קרוג, זיך צוריסען דעם ראָק, געה האָב טענות, אז מענשען זענען „ביזי“!

— ס׳מאַכט ניט, מיסעס, מען וועט קויפען א צווייטען! — האט סעם גוטמוטהיג געענטפערט.

פּאַלי האט אויף זיך איינגעפּעדימט א דינע נאַרעל, איז צו צו סעם׳ען און איהם גענומען פאר דער האנד:

— ביזט בייז סעם? אז כ׳בין אויף מיין ווארט ניט שולדיג!

זי האט איהם געגעבען א שטיקעל פּאַדעם צו קייען פאר אן עיך־הרע און גענומען אויף זיך פאַרנייען דעם ריס.

סעם האט אן אלעם פאַרגעסען. ער איז געשטאַנען א גליקליכער מיט עטוואס צושפּרייטע הענד און פיס, געווען יעדע מינוט גרייט ארומ־צונעמען פּאַלי׳ן און געפיהלט דערביי ווי איינער וואס האלט א קאַשע־קעל אייער און שרעקט ער זאָלט ניט צוקוועטשען.

ער האט געפיהלט ווי פּאַלי׳ס זיידענע האָר קיצלען זיין פּנים און יעדעס מאָל ווען עס קומט איהר אוים אַפּצורייסען דעם דרים שפּאַרט זי אן איהר קניע אן זיינע.

די חברה זיינען געשטאַנען ארום און זיך געוויצעלט.

סעם איז מיט אמאָל בלאַס געוואָרען און געפיהלט ווי ער טריי־סעלט זיך אין גאַנצען — אלעק איז אריין אין סטאָר.

אלעק האט זיך מיט אלעמען באַגריסט, געוואָרפען א בליק אויף שווארצע, רירעוודיגע אויגען, וועמענס שאַרפען בליק זעלטען ווער עס האט געקאָנט אויסהאַלטען, זיין קליינער, באַוואַקסענער ביז אין דער העלפט מיט האָר, שטערען און די טעטואירטע אַנקערס אויף זיינע הענד האבען עדות געזאָגט אז דער בחור האט שוין ניט איין חטא באַגאַנגען. ער האט געטראָגען א העלען אַנצוג מיט א ווייסען, געקעסטעלטען קעפּ.

— האלאָ, אלעק! האלאָ! — האט זיך געהערט פון אלע זייטען.

אלעק האט זיך מיט אלעמען באַגריסט, געוואָרפען א בליק אויף פּאַלי׳ן מיט סעם׳ען. ווי דער לעצטער איז געשטאַנען מיט צושפּרייטע הענד, האט זיך איהם געדאַכט אז סעם פאַרמעסט זיך צו א טאַנץ. ער האט זיך ניט וויסענדיג געמאַכט און געבעטען א סיגאַר.

מיסעס ריטש האט באַמערקט אין זיינע אויגען אז ער איז ניט

ניכטער. האָט זי איהם געוואונשען ער זאָל פאַר'שרפ'עט ווערען מיט'ן סיגאַר צוזאַמען און זיך אָפּטשעפּען פון איהר טאָכטער.

פּאָלי האָט געענדיגט נעהען, אויסגעגלייכט דעם שניט מיט די פינ־גער און זיך געווענדעט צו די יונגען:

— נו, באָים, ווי גלייכט איהר מיין „דזשאָב“?

— פיין, עקסעלענט! — האָבען אַלע אויסגעשריען און געקוקט דאַ אויף אַלעק'ען דאַ אויף סעם'ען, ווימענדיג אַז די באַגעגעניש וועט גלאַט ניט אָפּגעהן.

— האַללאָ, פּאָל! דו דערקענסט שוין ניט קיין באַקאַנטע?...

— אַ, אַלעק, האַללאָ, כ'האָב דיך אָסור געזעהען — האָט פּאָלי כלומר'שט אַן איבעראַשטע געזאָגט — ווי געהטס? פאַר וואָס זעהט מען דיך גאָר ניט?

אַלעק האָט ניט געענטפערט. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין יעוועלירעל מיט אַ גאָלדען קייטעלע און עס פּאָלי'ן געוויזען.

— אַ, ווי שעהן דאָס איז? — האָט פּאָלי אויסגעשריען און באַ־טראַכט דאָס יעוועלירעל וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גאָלדען קרענצעל סאַמעטלעך, געזעצט מיט פּערעל און אין דער מיטען אַ בריליאַנט ווי אַן אַרבעס. — זאָגט איז עס ניט שעהן? — האָט זי זיך געווענדעט צו דער חברה און עס זיך אָנגעטאָן.

סעם האָט דערפיהלט ווי דאָס בלוט וואָס האָט אין איהם געגומען קאָכען בשעת אַלעק איז אַריינגעקומען, האָט איהם מיט אַמאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין פּנים אַריין. ער האָט זיינע אייגענע אויערען ניט געגלויבט. איז דאָס מעגליך אַז פּאָלי זאָל אַזוי רעדען צו אַלעק'ען אין זיין געגענ־װאַרט, און ער האָט זיך וועקגעשטעלט פּאָלי'ן אין די אויגען אַריין. ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט: פאַרגעס זיך ניט, איך בין אויך דאָ...

— ס'געפעלט דיר? — האָט אַלעק זיך געפרעגט.

— אָ, דזשי! — האָט זי פאַטעטיש אויסגעשריען און אַ בליץ גע־טאָן מיט איהרע שוואַרצע אויגען.

— אויב עס געפעלט דיר, טאַ נעם עס! — האָט אַלעק אַ ברום געטאָן.

— דו מאַכסט שפּאַס — האָט פּאָלי געצויגען די ווערטער און גע־ווען זיכער אַז דאָס יעוועלירעל באַלאַנגט שוין צו איהר.

זי האָט באַמערקט ווי די מוטער ווינקט צו איהר זי זאָל דאָס ניט נעמען, שרייעט „לאָו" און כאָטש זי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, האָט זי זיך געשטויסען אַז מען הייסט ניט נעמען.

פאַלי איז צוגעגאַנגען נעהנטער צו אַלעק'ען.

— דו מיינס מיט אַן אמת כ'זאָל עס נעמען?

— באַליידיגסט מיך פאַלי — האָט אַלעק אַ בלאָסער געזאָגט — דו מיינסט אַז איך בין עפּעס „קאַיק" וואָס מאַכט פינפצעהן דאָלאַר אַ וואָך? איך בין אַלעק — בין איך!

ער האָט אַרויסגעכאַפּט צוויי פולע הענד מיט פּאַפּיערען־געלד.

— נאַ, אויב דו ווילסט גיב נאָר אַ פּיפּס און האָסט צוואַנציג אַזעלכע יעוועלירלעך און נאָך בעסערע, דען איך בין אַלעק!

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ פולע האַנד פּאַפּיערען־געלד אויף דער צאָהל־באַנק און ציינענדיג מיט'ן פינגער האָט ער זיך געווענדעט צו מי־סעס ריטש:

— זעהסט, פאַר דערפאַר קאָן איך אָפּקויפען דיין גאַנצען סטאָר און איך שענק עס דיר אוועק! דען איך בין אַלעק! וואָס שטעהסטו! קליוב עס צונויף!

מיסעס ריטש איז רויט געוואָרען, זיך געקווענקעלט אַ ווײַלע און וואָרפענדיג איהם דאָס געלד אין פּנים אַריין האָט זי אויסגעשריען:

— דהעַ העלל, מיט דיין געלד!

אַלעק האָט געשמייכעלט, געהייסען מאַכען אַ וואָרע, געסטראַשעט אַז ווער עס וועט אויפהויבען אַ פּאַפּיערעל וועט ער די בעבעכעס אַרויס־נעמען און אויפגעקליבען דאָס געלד. ער האָט זיך אַ נערוועזער געווענ־דעט צו פּאַלי'ן:

— קום פאַר אַ שפּאַציער!

— איך ברויך דיך צו האָבען! — איז מיסעס ריטש אַריין אין דער מיטען.

— אָלל־רייט, — האָט פּאַלי געענטפערט און זיך ניט צוגעהערט וואָס די מוטער זאָגט — כ'גהע! — און זי האָט זיך געווענדעט צו סעמען — קום סעם מיר וועלען זיך דורכגעהן.

סעם וועלכער איז געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילען און זיך יעדע רגע געקליבען צו וואַרפען אויף אַלעק'ען, איז אַזוי צוטומעלט געוואָרען

פון פאַלי'ס פראגע, אז עס האט איהם גענומען איבער א מינוט ביז ער האט פארשטאַנען וואס זי וויל פון איהם. ער האט פארקוועטשט די פויסטען און געענטפערט:

— כ'געה ניט!

פאַלי האט א שמייכעל געטאָן.

— דערויף האסטו געדארפט אזוי לאַנג צו קלעהרען? — און זי האט זיך געווענדעט צו אלעק'ען — אָל־רייט, אלעק, אז ער וויל ניט, געהן מירביידע:

— דו וועסט ניט געהן! — האט די מוטער געשריען.

— מיסעס ריטש, פארוואָס האט איהר מורא צו לאָזען אייער טאָכ־טער צו געהן מיט מיר? דערפאר וואס כ'בין ניט קיין יוד? דערפאר וואס דער „סאָן ע' גאן", סעם, סטראשעט אז כ'וועל פאַלי'ן נאָך דער חתונה פארקויפען? ווייל כ'בין א „גיני"?

אלעק איז פון גרויס רגזה געווארען א פארפלאָמטער, די אויגען האבען זיך ביי איהם פארקאָטשעט און רויט געווארען, די נאָז־פליגעל געציטערט, דאס מויל האט זיך צועפענט און אין גאנצען האט ער אויסגע־זעהען ווי א רויבערענדער קראַטער.

ער האט זיך גענומען קלאַפּען מיט ביידע פויסטען אין דער ברוסט אריין.

— כ'שווער אייך, מיסעס ריטש, אז אויב איהר ווילט ווער איך מארגען א יוד! און כאטש כ'בין א „גיני", בין איך טויזענד מאָל בעסער פאר סעם'ען דעם פארדאמטען ש. — —

דאס לעצטע ווארט „שיני" האט ער ניט דערזאגט. האט א סאַפּע געטאָן און אלע האבען געמיינט אז ער ווארפט זיך אויף סעם'ען.

סעם האט דערפיהלט אז ס'ווערט איהם פינסטער אין די אויגען און ער האט זיך א ריס געטאָן צום איטאַליענער.

— דו זוכסט א פרעטענזיע, דו הינטישער זוהן?! קום ארויס אויף דער גאס, גיבער, דו גאָט־פארדאמטער דו! — און איהם אנגעכאַפּט פאר'ן קאָרק.

חברה זענען גלייך אריין אין דער מיטען, זיי פונאנדערגעשייט. ביידע סיי סעם, סיי אלעק האבען זיך געריסען איינער צום צווייטען. מיסעס ריטש האט געקוויטשעט:

— כ'וועל מיר א מעשה אנטאן! גנבים. „באמס“. ארויס! כ'גיי רופען א פאליסמאן!

זי האט איינגעטונקען א סמאטע אין וואסער און גענומען קלאפען איבער די קעפ.

אלעק האט עפעס איינגערוימט פאלי'ן און ארויס מיט דער גאנצער חברה אויף דער גאס.

מיסעס ריטש האט נאך אלץ געשריען:

— דו וועסט זיך גאר א וויסט יאהר אויסריכטען, דו באנטע, דו ברעך הענד און פיס. ארויס פון מיין שטוב! כ'וויל דיך מעהר ניט קענען. ניט קוקען אין דיין טרפה'ן פרצוף אריין! גייע צום איטאליענער. גייע, אבי פון מיינע אויגען ארויס!

פאלי האט ניט געענטפערט.

סעם האט זיך ניט צוגעהערט וואס מיסעס ריטש זאגט. ער האט אויפגעשטעלט זיין קאלנער פון רעקעל, באטש אין דרויסען איז געווען א שרעקליכע היץ און איז ארויס.

## IX.

סעם האט געשפאנט איבער'ן טראטואר א צוטראגענער, די הענד אין די הויזען קעשענעס און זיך געהאלטען אין איין שילטען. ער האט מיט אמאל דערפיהלט אז אלץ ארום איהם איז איהם ענג געווארען. אז פאר איהם און אלעק'ען איז דא קיין פלאץ ניטא מעהר און איינער מוז אונבעדינגט אראפגערוימט ווערען. צו מיינסטען איז סעם בייז געווען אויף פאלי'ן. ער איז געווען איבערצייגט אז אין אלעם איז זי שולדיג. אז ווען זי וואלט אלעק'ען ניט געגעבען א געלעגענהייט וואלט ער קיינ־מאל קיין חוצפה געהאט אפצושפיעלען אזא חתונה. סעם האט אלעק'ען כמעט ווי ניט באשולדיגט. א מאנספארשוין — האט ער מיט זיך גע־טענה'ט — איז ניט מעהר ווי א הונד, אז מען צייגט איהם א פינגער וויל ער די גאנצע האנד. ער וואלט אויך בעסער ניט געווען. פונ־דעסטוועגען איז ער זיכער געווען, אז היינט, מארגען און אויב ער וועט זיך טרעפען מיט אלעק'ען וועט איינער פון זיי געווים די קאפיטעם אויסציהען. איהם איז איינגעפאלען, אז די געזונדסטע זאך וואלט פאר איהם געווען ווי ער געהט און שטעהט צו פארלאזען ניו יארק. כאטש ביי זיך איז ער זיכער געווען אז ער וועט עס ניט טאן. אז אויב ער וועט אפילו אוועק, וועט ער זיך פון מיטען וועג אומקעהרען. בלויז דערפאר אז אלעק זאל ניט מיינען דאס דער „שיני" האט זיך איבערגעשראקען און געמאכט פליטה.

ער איז אויך זיכער געווען אז פאלי ליעבט קיינעם ניט — ניט איהם און ניט אלעק'ען. און וואס מעהר ער האט וועגען דעם געטראכט אלץ מעהר האט ער זיך איבערצייגט אז פאלי איז א שלעכטע, זעהר א שלעכטע. אז זי האט אין ווענען צו זיין גערעטען. אז דאס שפיעלט זי זיך מיט זיי — פונדעסטוועגען ווען פאלי קומט איצט צו איהם וואלט ער מיט איהר אנטלאפען וואו דער פעפער וואקסט.

ביי סעם'ען האט דער מח געארבייט אזוי קלאר און שנעל ווי ער ארבייט געוועהנליך נאך א פרעהליכע נאכט ווען עס פעהלען ניט עטליכע

גלעזלעך אייז־וויין. יעדע קליינינקייט האָט זיך ביי איהם איבערגע־חזר'ט בולטער און שארפער, בליצענהאַפט געשפּרונגען פון איין זאַך צו דער צווייטער. עס זיינען איהם אויפ'ן זינען אַרויף דזשייקס ווערטער, אַז פּאָלי שפּיעלט זיך מיט איהם, אַז זי וועט קיינמאָל ניט חתונה האָ־בען, דען זי האָט איין זיך הינטיש בלוט.

סעם האָט זיך מיט אַמאָל צולאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי דזשייק אין זיינע אויסגעדריוועלטע הויזען האָט זיך אַראָפּגעקייקעלט מיט'ן ניגער פון אַלע טרעפּלעך אויפ'ן טראָטואַר. דאָס געלעכטער האָט איהם עטוואָס אויסגענכיטערט און ער האָט באַשלאָסען גלייך זיך אַריי־בערצוכאַפּען צו דזשייק'ען.

אַן עלטערע איטאַליענערקע אין אַ נאַציאָנאַלע קריינעלינע מיט אַ שטרויענע חוזק־קאַפּעליושעל, פּונקט ווי מען טוט אַן פערד אין די גרויסע היצען, האָט אַן איינגעשפּאַנטע געשלעפּט אַ שפּיעל־קאַסטען אויף צוויי רעדער.

אַ מיידעל ווי אַן אויסגעגאָסענע אַהן אַ טאַליע האָט איהר נאַכגע־טראָגען אַ צימבעלע. די איטאַליענערקע האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען טראָטואַר, גענומען שפּילען עפּעס אַן אַלטען וואַלס און דאָס מיידעל האָט אַקאָמפּאַניערט.

דאָס מיידעל מיט איהר פוילקייט און די קיילעכדיגע פּלייצעס, מיט איהר אָפּגעבערענט בחז'ט פּנים, מיט איהרע גרויסע, פּאַרוואָלקענטע אויגען האָט אונערוואַרטעט גענומען אָפּשטעלען אַלע דורכגעהער, גלייך זיי וואָלטען געטראָפען געוואָרען פון אַ שטיל שיסענדע ביקס. און ניט איין נאָליציאַנער אָדער אונגאַרישער פּעדלער מיט פּאות האָט פאַרשאַרצט זיין שוואַרצען, שטרויענעם קאַפּעליוש און נכשל געוואָרען אין איהר בליק.

פון די אַרומיגע הייזער האָבען זיך גענומען אַרויסשיטען מיידלעך אין קורצע, ווייסע קליידלעך, זיך געפּאַרט זיך געשלאָסען אין קרענץ, גראַציען און ריטמיש געהויבען די פיסלעך און צוגעזונגען אויף זייערע קינדישע קול'עכלעך. אַ פּאַרעל איז דורך. דאָס מיידעל האָט ניט גע־קענט ביישטעהן דעם נסיון, האָט זי גענומען געהן צום טאַקט טאַנצענדיג. דער יונג האָט מיט איין האַנד אַרומגעכאַפּט דאָס מיידעל פאַר דער

טאַליע, זיך פאַרמאַסטעז צום טאַנץ און אַפּגעהענדיג אַזוי עטליכע טריט זענען זיי פאַרשוואונדען מיט א געלעכטער.

סעם איז געווארען אויפגעהייטערטער. ער האָט חשק געקראָגען א טשעפּע צו טאָן די איטאַליענערין און אין דער זעלבער צייט האָט ער ווי פאַר עפּעס זיך געשראָקען. און ניט בחנם! סעם האָט געוואוסט אז די שעהנע „גינישע" מוידען, וואס שמעקען מיט „ווערדזשעטייבעלס" און האָבען דאַכט זיך קיין בייזע גאַל ניט, קאָנען, פונדעסטוועגען, פאַר דער מינדעסטע זאַך ארייננזעצען א מעסער. ער האָט זיך באַגעגענט מיט איהרע גרויסע אויגען, זיך צוגעגעבען קוראַזש און אויסגעשריען:

— בעללא סיניאָרא!

דאס מיידעל האָט אריינגעלאַכט אין צימבעלע אריין און שטאַרקער גענומען פּויקען.

סעם האָט כמעט אַז אַלעם פאַרגעסען, געוועזן גליקליך, שוין חרטה געקריגען צו וואָס ער געהט צו דזשייק׳ען. ער האָט ארויסגעכאַפּט א „ניקעל", אויסגעשריען: קאַפּ־שלאַק און איהם א וואָרף געטאָן אין דער לופט. ער האָט זיך געלאָזט געהן צו דזשייק׳ען. ער איז געגאַנגען גיך, זיך מיט אַמאָל געפיהלט בכח א וועלט איינצולעגען און כמעט צופריעדען געווען וואס ער האָט זיך צונויפגעטראָפען מיט אַלעק׳ען.

איצט האָט ער געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט און בעשלאָסען צו שלאָגען מיט אַלע כפּרות. ער איז געווארען ווילדער, און פּונקט ווי א יונגער זשערעבעץ צובריקעט זיך ווען מען לאָזט איהם ארויס אויף דער פריי, אזוי איז סעם דורך דעם טראָטואַר מיט ברייטע אַרעמס און ניט איינעם א שטורך געטאָן אין א זייט.

בּארג אראָפּ טראָטואר איז געשטאַנען א „פּושקאַרט" מיט „גראַ־סערי" זאכען. האָט סעם׳ען דאס הארץ ניט געלאָזט דורכגעהן און האָט עם פאַרטשעפּעט. דאס וועגעלע האָט גענומען פליהען באַרג אראָפּ און דער גראָסערי־יונג איז א ווייסען פאַרטוך מיט פלאַכע הינקעדיגע פיס פון צופיעל געהן איז נאַכגעלאָפען און געשריען: אי, אי, ס׳איז נאָך די אייער! ס׳איז נאָך די אייער!

סעם האָט זיך צולאַכט, פאַרלאָפען אויף א פריהער און אַפּגעשטעלט דעם פּושקאַרט. עס איז איהם אפילו איינגעפאַלען צו געבען א פּייער־

אַלאַרם אויך — האָט ער זיך אַרומגעקוקט, געזעהען עס איז צו ליכטיג און געשפּרייזט ווייטער.

ער איז אַרויף צו דזשייק'ען, געקלאַפּט איין מאָל, גערונגען עטליכע מאָל, געקלאַפּט איין טיר וואָס איז געווען באַשלאָגען מיט אַן אַפּשטעהענדע בלעך. נאָר קיינער האָט ניט געענטפערט. סעם האָט באַשלאָסען אַז עס איז דאָרט מסתמא קיינער ניטאָ, האָט ער אַביסעל פון פאַרדרוס וואָס ער האָט קיינעם ניט געטראָפען גענומען אויסקלאַפּען אין דער אַפּשטעהענדער בלעך ווי אין א פּויק א מאַרש.

— א קלאַפּען זאָלסטו קאָפּ אין וואַנד! — האָט ער געהערט א קול פון אינוועניג.

ער האָט זיך עטוואָס דערשראָקען, א ציה אַרויף געטאָן די אַקסלען, צועפענט דאָס מויל און אַרויסגעלאָזט אַן אַי, אַי־אַי!

און פּונקט ווי א אינגעל וואָס טוט א קוועטש אַן עלעקטריש קנעפּעל פון א פרעמדער טיר און מאַכט פּליטה מען זאָל איהם ניט כאַפּען, אַזוי האָט סעם געוואָלט אַפּציהען.

— צו אַלדע שווארצע יאָהר, א העזה דאָס האָט צו קלאַפּען אין פרעמדע טירען!

סעם האָט זיך אויסגעדרעהט, דערזעהען ווי פון דער צועפענטער טיר רוקט זיך אַרויס א געזונטע, באַרוויסע ווייבעל מיט א קינד אויף דער האַנד. דאָס ווייבעל האָט מיט איין האַנד צוגעהאַלטען די טיר, א בלישטש געטאָן מיט איהרע קליינע, שוואַרצע אויגען און איינציהענדיג דאָס שנעבעלע ווי איונג חזיר'על האָט זי זיך צוקווישטשעט:

— א די הענד זאָלען דיר אָפּגעדאַרט ווערען, דו באַמטשיסקע! האָסט געהערט אַמאָל? א קלאַפּעניש אויף זיין קאָפּ! דיין גליק וואָס „מיינער" איז ניטאָ — איז זי זיך פאַרגאַנגען אַליץ העכער און דאָס שנעבעלע האָט זיך געבלעזעלט — אַז ניט וואָלט ער דיר דעם מח צופּלעטט, געוויזען ווי ר'נאַר צו קלאַפּען אין פרעמדע טירען! קוק איהם נאָר אָן! ווי עס שטעהט און גלאָצט מיט די אויגען! דאָס קאָן קיין צוויי ניט צעהלען! אַרויס פון דאַנען, דען כ'רוף א פּאַליסמאַן, דו כאַלערטשיסקע!

סעם האָט זיך פון אַזא ברוך הבא עטוואָס פאַרלוירען, נאָר זעהענדיג ווי דעם קינד איז מיט אַמאָל געפעלען געוואָרען דער מאַמעס נאָז און ווי דער קליינער האָט זי אָנגעהויבען מיט ביידע הענטלעך צו מעל־

קען, אזוי אז זי איז אזש פארפלאָמט געווארען, האָט ער פארגעסען או אלעס און האָט זיך צושמייכעלט.

די מוטער האָט א פּנים מורא געהאָט אָפּצולאָזען מיט דער האנד די טיר, איז זי נאָך בייזער געווארען, זיך ניט געקאָנט קיין עצה טאָן. געשריען: „לאָז אָפּ ממזר!" און געווארפען דעם קאָפּ ווי א ניסענדע קאָבילע. דעם קינד איז די המצאה געפעלען געווארען, האָט ער זיך צוגע־דערט אויף זיין שטייגער און מיט א קינדישע שמחה ארומגעכאַפּט די מוטער מיט ביידע הענטלעך.

דאָס ווייבעל האָט זיך צולאַכט.

— אַל בעטש יו, עס פּאַסט אייך פיעל שעהנער ווען איהר לאַכט!

— האָט סעם גוטמוטיג געזאָגט.

דאָס ווייבעל האָט זיך צופינטעלט, עטוואָס רויט געווארען און ווי זי וואָלט זיך אָט איצט דערמאָנט אז זי שטעהט מיט א מאַנסביל, האָט זי מיט איין אויג, אזוי כּלאחר יד, באַטראַכט איהר הולד, אריינגעשאַרט די בארוויסע פיסלעך הינטער דער טיר און איינשנורעלענדיג נאָך שטיי־פער איהר שנעלעבע האָט זי געזאָגט:

— ניט געטראָפען ס'אַרט, מיסטער לעבען! מיר קענען אייך מאַכט ליבערש ניט קאַליע קיין רייד, אומזאָנסט אייער טרחה! — האָט זי פארענדיגט און א צופריעדענע געוואָלט פארמאַכען די טיר.

— ענטשולדיגט ליידי, איהר האָט א טעות! — האָט סעם געזאָגט

— איהר האָט ניט וואָס מורא צו האָבען, כ'וועל אייך אסור בע'גנב'ענען! דאָס בין איך געקומען צו אייער „באָרדער" צו דזשייק'ען.

— טפוי! — האָט זי א שפּיי געטאָן — האָסט געהערט אמאָל! מיינע ווּיסטע חלומות — — — — איהר האָט דאָך באלד געקאָנט זאָגען דאָס זעלבע! נו, נעמט ניט פאַר אומגוט, מיסטער איהר ווייסט דאָך היינטיגע צייטען טאָר מען ניט זיין צו קלוג, עס זאָל אזוי ניט טרעפען ווי עס טרעפט! אָט האָט מען מיינע שכנה'טע אזוי ר'נאָך בע'גנב'עט עס איז אריינגעקומען א מאַן, כּלומרשט דער גאַז־מאַן, זיך געפּורקעט ביים גאַז־מיטער און איהר ארויסגעריסען די דיימאָנדס פון די אויערען! יעס, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? איהר דאַרפט דזשייק'ען? כ'מיין צו וואָס דאַרפט איהר איהם? ס'איז טאַקע ניט מיינע „ביזנעס" נאָר

עס וואלט שוין צייט געווען דער יונג זאל קריגען א „דזשאב" — האט דאס ווייבעל געהאלטען אין איין מאהלען.

— פליען, לאזט מיך אריין צו איהם — האט סעם געשמייכעלט.

— וואס הייסט? — האט זי געזאגט און אפגעלאזט די טיר — מיט'ן בעסטען פארגעניגען! אבער איך וועל אייך זאגען דעם אמת. דזשייק איז איצט ניטא, נאר אז איהר ווילט זייט זשע מוחל אוןווארט צו אביסעל, ער דארף באלד אנקומען.

סעם האט זיך געקווענקעלט צי ער זאל אריין, נאר באגעגענדיג זיך מיט דעם ווייבעלס שווארצע אויגען, מיט איהר דירעוודיגע קיילעכדיגע פלייצעס, האט ער א טראכט געטאן אז מען דארף ניט זיין קיין יאלד און איז אריין.

זי האט איהם אריינגעפיהרט אין דזשייקס צימער און איהם געגע־בען א שוועבעלע.

— אז איהר ווילט צינדט אייך אן די גען. כ'מוז א קוק טאן צום „סאפער". איהר ווייסט דאך אז א מאנסביל קומט א היים און די שיסעל איז ניט גרייט — האט זי זיך צולאכט און קאקעטיש ארויס פון צימער.

ביי סעם'ען האט זיך עפעס געבאמבעלט אין מח, ער איז עטליכע מאל דורך דעם צימער, א שפיי געטאן און אוועקגעלעגט דאס שוועב־בעלע.

דער צימער האט געשמעקט מיט געקאכטע וועש, מיט זיסע, געבראַ־טענע קארטאפעל. מעהר ווי א בעטעל, וואס האט אויסגעזעהן ווי א נארע אין א תפיסה און א שטוהל מיט אזא גלאנציגע פארב וואס האט א טבע זיך איינצוקלעפען אין געזעס אריין — איז אין צימער גאר ניט געווען.

סעם איז צו צום פענסטער. דורכ'ן אפענעם פענסטער, וואס איז ארויסגעגאנגען אין א שמאלען פיער־עקיגען הויף, ווי אין א ריזיגען קאסטען, האט זיך געהערט ווי א הייזעריגער פאנאגראף זינגט:

א ברייוועלע דער מאמען,
זאלסטו ניט פארזאמען — — —

צוויי „יענטעס" פון געגענאיבערדיגע פענסטער זענען געזעסען אין די בלויזע העמדער מיט איבערגעווארפענע פארטוכער, געשמאכט זיך קאלו־פעט די נעז און זיך דורכגעשמועסט אויף דער העכסטער אקטאווע, אויף

א טיפענ „טשודנעם“ ליטווישען לשון, ווי זייערע „באַציקעם אושפּי־עוואַיעז אין שקוהל“.

עפּעס אַן אַלטע איטאַליענערין מיט צופּאַטעלטע קודלעס ווי א מכשפה האָט זיך אַרויסגעבויגען פון איהר פענסטער ביז איבער דער העלפט, געוויזען א ווייבעל א קליין קעצעל, געמאַכט מיט די הענד, גע־לאַכט און געגודערט אויף איהר לשון. דאָס ווייבעל האָט א פּנים גאַר ניט פאַרשטאַנען, געהויבען מיט די אַקסלען, נאָריש מיטגעלאַכט און, איין גאָט ווייס פאַר וואָס, זי האָט געהאַלטען אין איין איבער'חזר'ען אויף גוי'איש: דאַ, קראַסיווי קאָטיאָנאָק! קראַסיווי!“ און גלייך זיך געווענדעט צו א שכנה:

— זי זאָל אַזוי וויסען פון איהר קאָפּ, צי כ'ווייס וואָס זי דבר'ט צו מיר?!

קינדער האָבען אַריינגעקאַטשעט אין מיטען שמאָלען הויף א באַרעל מיסט, עס אונטערגעצונדען און א געדיכטער רויך, ווי טונקעלע שטיקער צוריסענע וואַטע, האָט זיך גענומען שפּאַרען אַרויף. די ווייבער זענען געבליבען זיצען ביי די צופענטע פענסטער, איינגעאָטעמט דעם שמע־קענדיגען ווייררוך ווי קיינמאָל גאָר ניט און גע'רכילות'ט אויף וואָס די וועלט שטעהט. און אַז דער רויך האָט זיך שוין פעסט פאַרקליבען א אידענע אין נאָז אַריין, אַז זי האָט פאַרריסען דעם קאָפּ און א נאָס גע־טאָן, האָט די שכנה'טע פון גענענאיבער אונטערגעכאַפּט:

— איהר זעהט, מיסעס לעבען, כ'זאָג קיין ליגען ניט! אַט האָט איהר גענאָסען דאַרויף!

---

— אַ־אַה, זעה נאָר, זעה, ווי פּאַלסטו אוים צו פאַרבלאָנדזשען אהער? — האָט דזשייק אויסגעשריען ווען ער האָט געטראָפען ביי זיך אין צימער סעם'ען.

— און איך האָב געמיינט אַז כ'וועל זיך שוין ניט דערוואַרטען אויף דיר — האָט סעם געזאָגט און איהם אַריינגעשטעקט שלום — האַללאָ, דזשייק! ווי געהטס? דו ווייסט איך האָב שוין שיעור קיין קלעפּ ניט געכאַפּט פון דיין מיסעס, וואָס פרעגסטו — —

— וואָס הייסט? — האָט איהם דזשייק איבערגעשלאָגען מיט א קלאַפּ אין דער פּלייצע — געוואָלט מאַכען קוצעניר־מוצעניו?

— ס'וואָלט אסור קיין עולה געווען — האָט סעם שמד'יש געענט־פערט — און גלויב מיר אז דערפאר וואָלט זי מיך שוין גאר ניט גע־שלאָגען!

— מיט וואָס ביזטו אזוי זיכער? — האָט דזשייק לאַכענדיג גע־פרעגט.

— דו לאַכסט דאָך, האַ? זאָג איך דיר פארלאָז דיך אויף סעם'ען אין די ענינים, פארשטעהסטו מיך, בין איך א מזיק! מעגסט הערען! כ'קלאָפּ עטליכע מאָל אַז איז דער טיר און מען ענטפערט ניט, מיין איך קיינער איז ניטאָ און וויל שוין אוועקגעהן. נאָר ווי געהט מען דאָס אוועק אהן א לעצט־געלד? פוילט זיך מיינער ניט און טוט א טערעבענץ אין דער טיר, אז זי האָט זיך אזש אונטערגעהויבען, גיט זיך די טיר אז עפען און דיין מיסעס איז ארויס. וואָס זאָל איך דיר דערצעהלען, עס האָבען מיר שוין קיין צרות ניט געפעהלט, זי האָט מיך אנגענומען פאר א גנב, ווי געפעלט דיר דאָס?

— כאַ, כאַ, כאַ! — איז זיך דזשייק פארגאַנגען — ער שפּיעלט זיך מיט איהר? נו, נו?

— וואָס נו, כ'האָב געזעהען אז כ'וועל שוין דאָ גלאַט ניט אָפּ־שניידען, האָב איך זיך אויסגערעדט, כ'וויים אַליין ניט פאר וואָס, ווענען יענע זיבען גוטע זאַכען און איך זעה ווי דאָס ווייבעל צופינטעלט זיך — נו, ווער איז גערעכט?

כאַ, כאַ, כאַ! — איז זיך דזשייק פארגאַנגען נאָך העכער — נו, וואָס שטעהסטו? זיץ! — און איהם אונטערגערוקט א שטוהל.

סעם האָט זיך אוועקגעזעצט און דזשייק מיט פארלייגטע הענד אויף אהינטער האָט גענומען שפּאַנען איבער'ן צימער.

סעם וואָס איז אהער געקומען מיט דער דעה אַלץ דזשייק'ען צו דערצעהלען איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס און זיך געקליבען אַלעס אין איינעם אויסצושיסען. איהם איז אָבער שווער געווען צו צוזוכען אז אנהויב, צו מאַכען א התחלה. און יעדעס מאָל ווען ער איז שוין פארטיג געווען און געוואָלט ארויס מיט לשון, האָט ער זיך באַגעגענט מיט דזשייק'ס אויסגעדאַרטע, ציטערדיגע, ווי מיט קוועק־זילבער אָנגעגאָסענע פיגור, און די רייד זענען איהם געבליבען שטעהן אין גרגרת.

דזשייק האט זיך אפגעשטעלט, ארויפגעלעגט זיין רעכטע האנד אויף סעם'ס אקסעל און גוטמוטיג געפרעגט:

— אהן געלעכטער, סעם, זאג, ס'ארע גוטע יאהר האבען דיך מיט אמאל אהערגעבראכט?

סעם האט זיך א ווײלע גע'ישוב'ט און ס'איז איהם אויפ'ן ארט איינגעפאלען א ליגען:

— כ'וועל דיר זאגען דעם אמת, מיר האבען זיך אזוי פאררעדט, אז כ'האב שוין באלד פארגעסען צו וואס איך בין געקומען. יעס, דו ווייסט, כ'האב דאך פאר דיר א „דזשאב", פאר דיר וועט ער זיין ווי געוואונשען. בלויז דריי שטונדען א טאג צו ארבייטען — — —

— זעהר שעהן פון דיין זייט, מיין ליעבער סעם — האט דזשייק איהם איבערגעהאקט, בשעת מעשה אריינגעמאכט די הענד אין די הויזען־קעשענעס און זיי א מאדנעם ציה ארויף געטאן, אז עס האט זיך אויס־געדראכט די הויזען העגנגען און טריקענען זיך — נאר ווי דו קוקסט מיך אן וועל איך שוין אפלעבען מיינע פאר יאהר אהן א „דזשאב".

— און פון וואנען נעמט מען צו „פופלען"? — האט סעם געפרעגט.

— הא, הא, — האט דזשייק זיך צולאכט — דאס טענה'ן דאך אלע, „יו בלאק העד!" ער האט ענטדעקט אמעריקא! נאר זיי קיין קינד ניט, הער מיך בעסער אויס: דו וועסט אויך מודה זיין, סעם, אז עס איז גאר ניטא אזא מענש ער זאל זיין צופרידען מיט זיין פאך. און מען האט, ברודערקע, גאר ניט מורא פאר'ן מארגענדיגען טאג אויך, דען פון הונגער איז נאך קיינער ניט געשטארבען! יעדער איינער רעדט וועגען זיין ארבייט מיט שוים אויפ'ן מויל, האלט אין איין דרייזגען מיט די קאפיטעס און פונדעסטוועגען געהט ער אין שפאן. ווייסטו פאר וואס? טא הער וואס דזשייק זאגט: שוין טויזענדער יאהרען ווי מען האקט דעם מענש אין קאפ אריין אז ער מוז ארבייטען, אז ארבייט מאכט זיס דאס לעבען און נאך אזעלכע חכמות ביז דאס האט זיך אזוי איינגעגעסען אין מענשען. אז ארבייטען איז פשוט ביי איהם געווארען א באדערפעניש, פונקט ווי עסען און שלאפען. און אז עס טרעפט זיך א מענש טרייסעלט זיך פונאנ־דער און הערט אויף צו ארבייטען קוקט מען אויף איהם ווי אויף א משוגע'נעם, באקאנטע באדויערען און ווייבען אוים און אט פאר די בא־קאנטע שעהמען מיר זיך! מענשען ווילען ניט פארשטעהן — האט

דזשייק זיך צוהיצט און געקלאַפּט מיט א פויסט אין דער צועפענטער האַנד אריין — ווילען ניט פארשטעהן אזא איינפאכע זאך, אז יעדער האָט פונקט אזא רעכט ניט צו ארבייטען, ווי יאָ צו ארבייטען. דען שטעל דיר פאָר — דאָ האָט זיך דזשייק אויסגעגלייכט און גענומען שפּאַנען איבער'ן צימער — שטעל דיר פאָר, ווען כ'האָב זיך היינט אויפ־געכאפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג, מיין צימער, אָט די קאַנורע אפילו, האָט זיך געטוקט אין זון. כ'בין געלעגען און זיך געפיהלט אזוי פריש. כאַטש נעם און פליה ארויס דורכ'ן פענסטער! פונקט ווי א קעצעל שפּיעלט זיך מיט א קנויל פאָדעם, האָב איך זיך געשפּיעלט מיט די זיל־בערנע שטויבעלעך וואָס זענען אויסגעוואַקסען נעבען מיין בעטעל. אלס ארום האָט ביי מיר אויסגעזעהן שעהנער, יום־טוב'דיגער — — וועסט לאַכען, נאָר פון תמיד אָן האָב איך פיינד א שפּין, אפשר דערפאר וואָס מיין מוטער האָט מיר תמיד נאָך קליינערהייט געזאָגט אז א שפּין איז א מצוה צו דער'הרג'ענען, דען זי האָט געבראַכט פייער צו פארברענען דאָס בית המקדש. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, האָב איך פיינד א שפּין און וואו כ'זאָל זי ניט טרעפען מוז איך זי דער'הרג'ענען. און היינט אין דער פריה, זעהסטו, האָב איך א לענגערע צייט זיך איינגעקוקט ווי א שפּין האָט געוועבט א פאָדעם, זיך אויפגעהויבען, זיך אראָפּגעלאָזט. אפּנים זיך גע'חנ'דעלט צו א צווייטע שפּין וואָס איז געזעסען אין דער מיט פון א שפּין־וועב און זיך געוויעגט. און די שנאה איז פארשוואונדען. און אפילו די שפּין אליין האָט ביי מיר געהאט מלא חן! ווייסטו פאר וואָס דאָס אלעס איז געווען? ווייל כ'האָב קיין זאָרג געהאט, געווען פריי — און פארקערט, ווען כ'וואָלט היינט געדאַרפט געהן ארבייטען, וואָלט איך זיך מסתמא אויפגעכאפּט א ניט־אויסגעשלאָפענער, ווי א רוח זיך אנגעטאָן, שטעהענדיגערהייט אריינגעכאפּט דעם „ברעקפעסט". מיט פאר־געניגען דער'הרג'עט די שפּין און געלאָפען אין פארשטיקטען „שאָפּ" אריין, געהאלטען אין איין טראַכטען ווי ר'נאָך צו געפעלען דעם „פאָר־מאַן" און אזוי א טאָג פאר א טאָג, א טאָג פאר א טאָג — —

דזשייק איז אנשווייגען געוואָרען, געשפּרייזט איבער'ן צימער.

די אלע שטיקלעך געדאַנקען וואָס האָבען ביי סעם'ען ערגעץ טיעף דאָרט געדרעמעלט, האָבען מיט אמאָל ערוואַכט און ער האָט דערפיהלט אז דזשייק זאָגט אמת. איהם האָט פארדראָסען פאר וואָס ער האָט

דזשייק'ען אפגענארט און זיך צוגעבענדיג קוראזש האט ער גענומען אלעם דערצעהלען.

סעם האט דערצעהלט די גאנצע געשיכטע וואס ס'האט זיך אפגעשפיעלט צווישען איהם, אלעק'ען און פאלי'ן. ער האט לאנג גערעדט. יעדע ווילע אנגעהויבען פון אנהויב, ארייגגעמישט זייטיגע זאכען, זיך געהיצט, איבערגעגעבען פון מאל צו מאל זיינע געפיהלען מיט אן אונדרוקבאר ווארט און מיט א שפיי, פונדעסטוועגען האט איהם ס'הארץ ניט געלאזט דערצעהלען דעם גאנצען אמת און ניט ווילענדיג איז אויסגעקומען אז פאלי האט איהם טאקע אין דער ערד, נאר דערפאר האט ער זי אויך אין דער ערד. פרעגט זיך וואס? איז כאטש הרג'ע איהם וויל ער ניט אז א אידישע טאכטער זאל זיך ארומשלעפען מיט א „גיני“.

דזשייק האט א פאראינטערעסירטער אלעם אויסגעהערט און זיך פונאנדערגעלאכט:

— בנאמנות, א וואויל מיידעל! לאנג לעבען זאל זי! הא, הא, הא! נו, נו, און זי? זי איז אודאי געשטאנען און געקוואלען ווי דו האסט זיך געריסען מיט אלעק'ען, הא? און גלויב מיר, ווען דו ברעכסט איהם אז די ביינער, וואלט איהר הנאה געטאן. דען דו שפיעלסט זיך מיט פאלי'ן! דאס איז א וואזשנער פויגעל! אזא מויד, פארשטעהסטו מיך, דארף מען „לינטשען“ און אלע וואס דרעהען זיך ארום איהר ווייסען עס, שעפטשען אין דער שטיל דאס זעלבע און פונדעסטוועגען פויזט מען פאר איהר אויף אלע פיער, מען קריכט פון דער הויט איבערצושטייגען איינער דעם צווייטען, אבי מעהר איהר צו געפעלען. און איך בין בעסער געווען מיינסטו? נאך היינט אפילו ווען כ'טרעף זי, פיהל איך ווי הענד און פיס ווערען ביי מיר אפגענומען. דען אזא טבע האט שוין דער מענש! דען וואס זאלסט ניט זאגען, אן אינטערעסאנטע מויד איז זי! זי האט אין זיך משוגע'נע שטיק, אוסטערלישע קאפריזען. זי איז א מכשפה און פונדעסטוועגען איז יעדער איינער וויליג צו קריכען פאר איהר אין פייער! און גלויב מיר, אז קיינער קען זי ניט, אלע וואס דרעהען זיך ארום איהר טענה'ן אז פאלי איז א יונג. א טעות, זעלטען צו געפינען אזא ליידענשאפטליכע מויד ווי זי איז! זי לאזט דאך ניט דורך קיין איין „בייזבאל גיים“. און דו מיינסט טאקע אז זי איז אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין דער שפיעל? ניקסי! איהר געפעלען די מיאוס'ע, ווי רויע

„ביעף־סטייקס“, צוואווירענע, פּנים׳ער פון די שפּיעלער. זי האָט דאָך אלעק׳ען פיינד, לאַכט פון איהם אז ער שמעקט ווי אלע איטאַליענער מיט „באַרבער“ און „ווערזשעטייבעלס“ און פונדעסטוועגען אז זי דער־זעהט זיינע ברייטע פּלייצעס צוקאָכט זיך אין איהר דאָס הינטישע בלוט. און מיט אן אמת׳ען. האָב איך אויך ניט שטאַרק ליעב קיין „גיני“, זיי פאַרליבען זיך שוין עפּעס צו פיעל אין אונזערע מיידלעך און כ׳האָב גלאַט פיינד א מאַן וואָס לאָזט זיך מל׳ע זיין צוליעב א מויד!...

דזשייק איז אויף א ווייַלע אנשוויגען געוואָרען און ווידער אָנ־געהויבען:

— דהע העלל, כ׳האָב זיך היינט צורעדט ווי א אידענע. ס׳איז מיר שוין טרוקען אין האַלז. „קאַם אן באַי“, גיעב מיר א פּאָר סענט. כ׳וועל אריינכאַפּען א „פּיטשער“ ביער.

סעם האָט איהם געגעבען און זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן בעטעל.

— און דו צינד אָן די גאַז! — האָט דזשייק געזאָגט און ארויס פון צימער.

סעם האָט זיך קיין ריהר ניט געטאָן, פאַרמאַכט די אויגען און געפיהלט אז דזשייק איז גערעכט. מען דאַרף זיך ארויסשלאָגען פון קאָפּ די אַלע נאַרישקייטען און פאַרלאָזען ניו יאָרק.

דזשייק איז אריין, א ברוטשע געטאָן פאַר וואָס סעם האָט ניט אָנגעצונדען די גאַז און אליין א רייב אָן געטאָן א שוועבעלע אן דער וואַנד.

נאָך דזשייק׳ען האָט זיך אריינגעשאַרט א הויכער, דאַרער יונג מיט אן אָנגעפּאַקט מויל פּלייש. ער האָט הילכיג געקייעט, זיך געווישט די הענד אן זיינע לייווענטענע אויבער־הויזען וואָס זיינען געווען אויסגע־שמירט מיט כל־ערליי פאַרבען און עס האָט אויסגעזעהן אז דער יונג קלויבט זיך אַפּצוטאָן א שווער שטיקעל ארבייט.

— טשאַרלי — האָט זיך דזשייק געווענדעט צום יונג — זעהסט. דאָס איז מיין פריינד סעם — און אויסדרעהענדיג זיך גלייך צו סעם׳ען האָט ער געצייגט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן יונג — און דאָס איז מיין באָס טשאַרלי!

— פּליעז טו מיעט יו!

טשאַרלי האָט געענטפערט מיט א פּייף פון זיין דאַרע לאַנגע נאָז.

וואס האט אויסגעזעהן ווי א צוגעקלעפּטע, זי אוועקגעשטעלט אין מיטען פּנים און ווי נאר ער האט זי אפּגעלאָזט איז זי גלייך א גלאנציגע צוריק־געשפּרונגען אז א זייט.

—נו, דזשייק — האט טשארלי געזאגט — ווי זעהט מען שוין א גלעזעל ביער?

אויף דער שוועל האט זיך באוויזען טשארלי׳ס ווייבעל מיט׳ן קינד אויף דער האנד.

— קום שוין, קום, וואו ביזטו דא ארייננעקראכען, וואס — האט זי בלומרשט א שלעפּ געטאן דעם מאן ביים ארבעל און אליין אויך גע־בליבען שטעהן.

— לאז געמאכט — האט טשארלי געשמייכעלט — אז דער באָרדער טריעט — הא, הא!

— איך זאג אייך סעם, איהר זאלט איהם ניט געבען — האט דאס ווייבעל קאקעטיש געזאגט — ס׳איז א שיעור וואס ער גיעסט אין זיך אריין! א גאנצען טאג ליעגט מען מיט די ״פּיינטערס״ אין סאלון און מען טרינקט ביער!

— נאנסענס, — האט דזשייק געשמייכעלט — איהר שרייט דאך אז אייער מאן איז צו דאר, טא גיט איהם וואס מעהר ביער, וועט איהר זעהען ווי ער וועט ווערען פעט.

— הא, הא, הא, גערעכט! — האט טשארלי געלאכט בויגענדיג דעם קערפּער ווי א הויכער יונגער בוים ווען עס בלאזט א ווינד, און האט אריינגעצויגען א גלעזעל ביער.

דאס קינד האט זיך צוואוויינט. דאס ווייבעל האט קונציג צושפּילעט איהר לויזע בלוזע, פארשטעלט מיט דער האנד און געגעבען דעם קליי־נעם צו זויגען. באלד האט זי זיך פארגעסען, זיך פונאנדערגעלאכט און אפּגעלאָזט די האנד.

— נו, אז דו האסט זיך שוין יא צולעגט ווי ביים טאטע אין וויינ־גארטען — האט טשארלי אנגענומען די ווייב ביי דער האנד און גע־וויזען אויף איהר צושפּילעטע בלוזקע — טא קום שוין טאקע ארוים!

אלע האבען זיך צולאכט.

— שאראפּ, יאו פרעש חזיר, יאו — האט דאס ווייבעל זיך פאר־שעהמט און ארוים.

טשאַרלי איז נאָך געשטאַנען אביסעל, אליין געקוואַלען פון זיך און מיט א פעטען שמייכעל געטאָן:

— ס'וועט גאָר ניט העלפען, מען וועט זי מוזען געהן איבערבע־טען!

— א וואוילער יונג, טשאַרלי, הא? — האָט דזשייק געזאָגט און אנגעגאָסען צוויי גלעזער ביער.

זיי האָבען אויסגעטרונקען. דזשייק האָט גלייך ווידער אנגעגאָסען די גלעזער. נאָר סעם האָט מעהר ניט געוואָלט טרינקען. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן בעטעל.

דזשייק איז געוואָרען לעבעדיגער.

— יעס, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען, שטעה! אי, אי, ארויס פון זינען, יעס, מענסט הערען! געהענדיג האָב איך זיך עס דערמאָנט: איינמאָל בין איך מיט פאַלי'ן פאַרבלאָנדזשעט עפּעס אין א אידישען טעאַטער אויף דער באָוערי. וואָס האָט מען דעמאָלט געשפּיעלט געדענק איך ניט, נאָר א באַוואוסטער אידישער עקטער קעללער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א אידישען קיסר. און דער קיסר איז דוקא געגאַנגען אנגע־טאָן ווי אן אקראָבאַט אין טריקאָ. געוויס, האָט ער אויך געהאַט מעדאַלען, א שווערד, ווי עס פּאַסט פאַר א קיסר! און דער עיקר, האָט ער געטראָ־גען א פאָר לאַנגע זיידענע זאָקען און א פּאָר פּאַלקעס, הא, הא, הא, איינ־מאָל פּאַלקעס, ווי ביי אן אטלעט האָבען זיך דורכגעזעהן די זאָקען. פּאַלי איז גאָר ענטציקט געוואָרען פון דעם עקטער, זיך גלייך פאַרליעבט. גע־וואָרען זיין „פּאַטריאָטקע", און איך נאָר האָב געמיינט, אז דאָס שפּיעלען געפעלט איהר. טראַכט איך מיר, בין איך זיך ווייטער בדלות, אז זי פאַרשטעהט וועניגער וועט זי זיין א בעסער ווייב. און איך בין איינשטי־מיג מיט איהר. אין א פּאָר טעג ארום שלעפּט זי מיך ווידער איהם זעהן. מיינער געהט! דאָס מאָל האָט ער גאָר געשפּיעלט א שדכן און טאָקע ניט שלעכט געשפּיעלט. כ'זעה די מויד קאָן ניט איינזיצען, שלעפּט מיך אהיים, דאָס שפּיעלען געפעלט איהר ניט, פאַרשטעהסט, דו „דעם פּול, יאָו" געוויס איז א קיסר מיט פּאַלקעס און דער עיקר מיט פּאַלקעס אינטע־רעסאַנטער פון עפּעס א הויקערדיגען שדכן! הא, הא, הא!

דזשייק האָט דערטרונקען דאָס ביער פון „פּיטשער". זיך אוועקגע־

זעצט נעבען סעם'ען אויפ'ן בעטעל און זיך צולאכט מיט א הילצערן געלעכטער.

— הא, הא, הא! דיך דארף זי גלייכען, סעם, ביזט א געזונד אינגעל!

סעם האט געפיהלט ווי דזשייק נעהמט איהם ארום און א ווארימע פארע וואס האט געשמעקט מיט ביער, בראנפען און טוכלע אייער האט איהם א שלאג געטאן אין פנים אריין. עס האט איהם דורכגעשוידערט און ער האט זיך אויפגעשטעלט. דזשייק וועלכער איז געבליבען ווי איז א היהנער־פלעט, איז צו זיך געקומען, און זעהענדיג אז סעם איז ניטא נעבען איהם האט ער זיך א האסטיגען זעץ אויף געטאן:

— דו הינטישער זוהן, דו! דו מיגעלסט זיך צו ליגען מיט דזשייק'ען! מיט דזשייק שיכור! דו גאט פארדאמטער „שיני“, דו! עס שמעקט ניט. הא? דו פארפוילטער העכט! ווער האט נאך דיך געשיקט, ווער? ווי לאנג איז ווי דו, פארשטאפּטער מח, דו שיך־פוצער, ווי דו האסט פון דערוויי־טענס דערזעהן דזשייק'ען, ביזט אונטערגעלאפען און זיך געדרעהט פאר מיר ווי א הונד מיט'ן עק און מיר אונטערגעטראגען א „פייפער“? ווייל דזשייק איז געווען א גוטער „קאסטאמער“. הא? געצאהלט פינף סענט א שטיק!

— צו אלדע וויסטע יאהר, וואס שרייסטו, וואס קאכסטו דיך — האט איהם סעם איבערגעשלאגען — כ'וויל ניט ליגען, „טהאטס־אלל“!

— בייזער זיך ניט, קום אהער — איז דזשייק מיט אמאל געווארען ווייכער — דו קענסט דאך דזשייק'ען! כ'בין קראנק! ווען דו וואלסט געוואוסט, דעמעט, ווי דא ברענט (ער האט אנגעצייגט אויפ'ן הארץ), ווי אלץ איז מיר שרפ'עט, קארטשעט זיך פון היץ. הא, הא, הא, דו פאר־שטאפּטער מוח, דו מיינסט דאך געוויס אז אלקאהאל ברענט אין מיר? א טעות! דער אלקאהאל האלט נאר אויף דאס פייער, אז ניט וואלט איך שוין לאנג פארברענט געווארען — — — קום אהער סעם, גיעב א האנד. אט אזוי! און איצט זאג מיר מיט אן אמת, ביזטו דזשייק'ס חבר? הא? וואס שווייגסטו? אל־רייט, אט אזוי האב איך דיך ליעב!

דזשייק האט גענומען קושען סעם'ען די הענד. סעם האט זיי ארויס־געריסען.

— סטאפּ, דזשייק, אז ניט געה איך שוין אוועק!

—אל־רייט, מיין „באי“ — האט דזשייק געוואקעלט מיט דער

צונג און אנגעהויבען שטילער צו רעדען — אל־רייט, הער זיך איין: כ'פיהל אז כ'וועל שוין לאנג ניט אנטרייבען, מיר ארט ניט! נאר איין זאך וועל איך דיך בעטען, הערסט, איין זאך: ברענג זי אהער — —

— וועמען? — האט סעם זיך געפרעגט.

— דארפסט ניט זיין „דזשעלאס!" וואס פאר א קאנקורענט בין איך דיר! דו מיינסט, כ'וויים ניט, אז ס'שטינקט פון מיר, אז דו האסט ניט געקענט ליגען נעבען מיר? טא וואס האסטו מורא? ברענג זי — — ווען דו וואלסט געוואוסט ווי איך האב זי פיינד און פונדעסטוועגען... כי, כי, אר — האט ער זיך צעוויינט — פאלי'ן מיין איך — —

סעם האט דערפיהלט ווי עס שטיקט איהם אין האלז, ווי עפעס שפארט זיך און רייסט זיך אין די אויגען. ער האט גענומען דזשייק'ען בארוהיגען.

דזשייק האב זיך צוגעבויגען צו סעם'ס אויער און גענומען שעפ־טשען:

— דו ווייסט, זי פלעגט דאך קומען צו מיר יעדען פארטאג! דו גלויבסט ניט? מענסט גלויבען, דזשייק זאגט קיין ליגען ניט! זי איז אריינגעקומען אזוי שטיל, זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בעטעל און מיר גע־נומען גלעטען די האר. און אז איך האב זיך געקלאגט פאר איהר, דאס די האר קריכען מיר אויס, האט זי געלאכט, געזאגט אז כ'רעד מיר איין. אז מיינע האר זיינען די שעהנסטע, אז איהר האנד זעהט זיך ניט ארוים — — טאפ אז, ועסטו זעהן ווער עס איז גערעכט!

דזשייק האט אנגעכאפט סעם'ס האנד און זי ארויפגעלעגט אויף זיין קליין פליכעל, סעם האט א שמייכעל געטאן און געפיהלט ווי עס ווערט איהם קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען.

— דו לאכסט, הא? א קלאג צום געלעכטער! — און דזשייק האט שטיל גענומען כליפען.

און פונקט ווי אן אלטער רוסישער שיכור, וועמעס פאטער איז שוין א האלב יאהר־הונדערט טויט, ליגט ערגעץ אין א רינשטאק און וויינט וואס דער „באטקא" איז געשטארבען, אזוי איז דזשייק געלעגען אויפ'ן בעטעל און געכליפעט וואס פאלי האט איהם אוועקגעווארפען.

סעם'ען איז מיט אמאל געווארען ענג דאס שטיבעל. ער האט מעהר ניט געקענט איינזיצען און האט זיך ארויסגע'גנב'עט. אויף דער גאס

האט געקאפעט א רעגענדעל. ער האט זיך געשלעפט איבער די לעדיגע גאסען און געקלערט, אז עס איז א מיאוסע, נארישע וועלט. אט איז דזשייק דאכט זיך געווען א לייט און וואס? ווייטער האט ער ניט געקאנט ציהען דעם געדאנק. אפגעריסענע בילדער, שטיקלעך געדאנקען האבען זיין מח גיך מיעד געמאכט און ער האט שוין וואס גיכער געוואלט זיין אין דער היים, זיך אריינגעווארפען אין בעטעל און שלאפען.

ניט ווייט פון זיין הויז האט ער דערהערט א פארשטיקט געוויין ווי פון א קינד. דאס געוויין איז זיך פארגאנגען אלץ העכער און העכער, און אז ער איז צוגעקומען נעהנטער האט ער דערזעהן ווי א „בול־דאג" מיט א פלאטשיק, קיילעכדיג פנים ווי א שיסעל, האט געהאלטען א קאץ פאר'ן גערדיג און זי געווארגען. די קאץ האט ווילד געמיאקעט, געדראפעט מיט די לאפקעס, נאר דער בול־טאג האט זי פעסט געהאלטען, זיך איינגעביסען מיט זיינע שארפע ציין דער קאץ אין האלז און געסאפעט מיט זיין פלאטשיגע, וואסערדיגע נאז, ווי ער וואלט געליטען פון א כראנישען קאטאר.

סעם האט זיך אפגעשטעלט. דער ערשטער געדאנק, וואס אזוי איהם געקומען אין קאפ אריין איז געווען אז ער דארף זיך אזוי אפרעכענען מיט פאלי'ן. ער האט א ציטער געטאן און גענומען אוועקטרייבען דעם הונד. דער בול־דאג האט פעסט געהאלטען די קאץ מיט די לאפעס און נעעפענט זיין יאפע אויף סעם'ען. סעם האט גענומען פייפען נאך א פאליסמאן. פארשפעטיגטע פארלעך זיינען ארויס פון קארידארס, פארצויגען גלייך א געשפרעך וועגען די בייזקייט פון בול־דאגס און נייגעריגע זיך צוגעקוקט צום „פייט". די קאץ האט זיך שוין קויט געווערט, געכארכעלט מיט'ן העלזעל און געפאכעט מיט'ן לעצטען אטהעם. סעם איז געווארען אן אויפגעקאכטער. ער האט מיט אמאל אפגעריסען א ברעט פון א גערטענדעל און גענומען כמאליען דעם הונד וואו ער האט נאר געטראפען. דער הונד האט זיך געוואלט א ווארף טאן אויף סעם'ען, נאר זעהענדיג נאך מענשען האט ער אפגעצויגען, זיך אפגעשטעלט אין עק גאס און מעשה הונד באטראכט וואס ער האט אפגעטאן. די קאץ האט נאך געזשיפעט. סעם האט זי אריינגעטראגען אין קארידאר, זיך געלאזט כמעט ווי לויפען אהיים און געקלערט:

— ווען א מענשען־פרעסער שטיקט אזוי מיינס א קרוב, וואלט איך אויך געשטאנען און געווארט אויף א פאליסמאן?

# X.

אַז סעם איז אריין אין שטוב האָט ער זיך באַגעגענט מיט פאַלי'ן. זי איז געגאַנגען אין דער מוטער'ס ברייטע „קאַמאַנע", דעם צאָפּ אויס־געפלאָכטענע ווי פאַר'ן שלאָף און זיך געמאַכט אייז־וואַסער. סעם איז עטוואָס צומישט געוואָרען, געוואָלט אריין צו זיך אין צימער און ניט ווילענדיג אַ פרעג געטאָן:

— מען שלאָפט שוין?

פאַלי האָט ניט געענטפערט, אויסגעטרונקען דאָס וואַסער און אַ מאַך טוענדיג מיט דער האַנד און מיט'ן קאָפּ צו סעם'ס צימער האָט זי איהם געצייגט ער זאָל איהר נאָכגעהן.

זי האָט אָנגעצונדען די גאַז, זיך געזעצט אויף סעם'ס בעטעל און צייגענדיג מיט דער האַנד אויף אַ פּלאַץ נעבען זיך האָט זי אַן ערענסטע געזאָגט:

— זעץ דיך!

ספּאָרט וועלכער איז געשלאָפען אין אַ ווינקעל האָט זיך אויסגעטשוכעט, עטוואָס אויסגעצויגען דעם לאַנגען קערפּער און מיט אַ שמחה אריין סעם'ען צווישען די פיס. סעם האָט דעם הונד פון חבר'שאַפט וועגען געגעבען אַ פּאָר לייכטע קלעפּ איבער'ן האַלז און איבער'ן רוקען. דער הונד איז גאָר מלא שמחה געוואָרען פון בעל־הבית'ס קלעפּ, זיך אויפגעשטעלט אויף צוויי לאַפּעס און כלומרשט געגומען בייסען סעם'ס האַנד. סעם האָט אַרויסגעפיהרט דעם הונד אין פּאָדערהויז, זיך אַוועקגעזעצט און מיט אונגעדולד געוואָרט וואָס ווייטער וועט זיין.

— הער זיך איין סעם, יעס — האָט פאַלי אָנגעהויבען און שטאָלץ פאַריסען דעם קאָפּ — כ'האָב אויף דיר געוואָרט!

— וואָס איז דער מעהר?

— דו פרעגסט נאָך, האַ? אַליין ווייסטו ניט! יעס, מיר מוזען זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויסשמועסען, הערסט?

— ווי דען — — געוויס! — האָט סעם געשמייכעלט.

— דו לאַכסט דאָך, האַ — האָט פּאָלי געגומען שטאַמלען — נאָר איך זאָג דיר גאַנץ ערנסט, דו זאָלסט דיר אַרויסשלאָגן אַלע נאַרישקייטען פון קאָפּ, הערסט? כ'האָב זיך געמאַכט אַ שפּאַס און דו האָסט זיך איינגערעדט אַ לונג־און־לעבער ביי דער נאָז! מיר זענען קיין פּאָר ניט! און דערצו האָב איך דיך ניט ליעב, טאַקע מיט אַן אמת ניט ליעב! וואָס קומט מיר דערפאַר? — האָט זי פאַרענדיגט און זיך אַ שטעל אויף געטאָן.

דערפאַר האָסטו אַלעק'ען ליעב! כ'מיין, זיינע גאָלדענע יאָוועלירלער!

פּאָלי איז צו צום שפּיגעל, וואָס האָט געהאַנגען אויף דער וואַנד, זיך פאַרעכט די האָר, געכאַפּט אַ קוק אויפ'ן פּנים אויך און מיט אַ פּיערטעל שמייכעל האָט זי זיך צוריק געזעצט אויפ'ן בעטעל.

— געוויס האָב איך איהם ליעב און זיינע יעוועלירלעך אודאי! — האָט זי זיך צושמייכעלט, נאָר וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט „סיטי־האָל"? יעס, סעם, אַזוי איז עס! הער זיך איין: די בעסטע זאַך וואָלט פאַר אונז געווען אום אויסצומיידען אונאַנגענעמליכקייטען. דו זאָלסט אַוועק פון אונז! מענש, אַז דו קענסט מיך צומאָלט ניט! זעהסט, ליעב האָבען אַ קבצן פאַרשטעה איך נאָך אָבער חתונה האָבען דאַרף מען נאָר מיט אַ רייכען! אפילו מיין מאַמע האָט ניט חתונה מיט איהר געליעבטען! — און זי האָט זיך צולאַכט.

ביי די לעצטע ווערטער האָט שוין סעם ניט געקאָנט איינזיצען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט פּאָלי איהם, האָט ער אויסגעשניטען מיט דער פויסט אַ קרייז און אויסגעשריען.

— ס'איז אַ פאַרדאַמטער ליגען! און הער זיך איין, פּאָלי: ביזט אַזאַ כאָלערא ווי דיין מאַמע! און וואָס מיינסטו, וואָס? ווער „קערט" פאַר דיר? געה צום טייפעל מיט'ן איטאַליענער צוזאַמען, הערסט?

פּאָלי האָט איהם פאַרשטעלט מיט דער האַנד דאָס מויל.

— וואָס שרייסטו אַזוי? מען וועט דאָך מיינען, כ'וויים וואָס? „אָל בעט יאָו", די מאַמע קומט אַריין?

זי איז בוויניג צו צו דער טיר מיט די שויבען אין דער מיטען, איינגעפרעמט איהר פּנים צווישען די הענד און דורכגעקוקט.

סעם האָט זיך שוין גענומען איינשטילען, פאַרגעסען אַז פּאָלי איז

א שלעכטע, חשק געהאט צו פארלויפען פון הינטען און זי כאפען אויף די הענד.

זי האט לייכט געעפענט די טיר, צוגעלעגט אן אויער, פארביסען די אונטערשטע ליפּ און ווי א דיריגענט פון אן ארקעסטער האט זי א מאך געטאן מיט דער האנד און מיט'ן קאפּ, אז מען מעג אנהייבען שפּילען און געהייסען האט עס: מען שלאפט ווי די מתים.

פאלי האט אביסעל מעהר ארויפגעדרעהט די גען, נאכאמאל צו צום שפּיגעל און אין גאנצען א שמייכלענדע זיך אוועקגעזעצט.

— הער, סעם, זאג מיט אן אמת, האסטו מיך טאקע ליעב, שטארק ליעב? אזוי, זעהר, זעהר שטארק? — — — הא, הא, הא! און זי האט זיך צולאכט, ארויסגעבלעקט א קליין ראזע צינגעל און עס גענומען ווארפען ווי א אינגעל ווען ער כאפּט אריין א הייסע קארטאפעל אין מויל — וואהר כ'בין א משוגע'נע?

סעם האט זי א כאפּ געטאן צו זיך אויף דעם שוים און גענומען איינוויגען ווי א קינד.

זי האט זיך א ווײלע געטוליעט אין סעם'ס ארעמס און מיט אמאל איהם גענומען איבערשרעקען:

— מען געהט, מען געהט! די מאמע געהט! — און ווי א פישעל זיך א גליטש ארויסגעטאן פון זיינע הענד.

זי איז צו צו דער טיר, זיך עטוואס איינגעהערט און קאקעטיש גענומען שפּאנען איבער'ן צימער ווי א יונגער אפיציר פאר זיין ראטע.

— פארמאך די טיר! — האט זיך סעם גענומען בעטען.

— ווי הייסט? מען טאר ניט!

סעם איז אויפגעשפּרונגען, צוגערוקט צו דער טיר א נייע־מאשין. וואס איז געשטאנען אין א זייט און כמעט אין גאנצען אראפּגעדרעהט די גען.

— נייז דאס ניט! — האט פאלי פּראטעסטירט — וואס'ער פּנים וועל איך האבען ביי דער מאמע? — און זי האט גענומען צוריק ארויפדרעהען די גען.

סעם האט זיך מיט איהר גענומען אמפּערן און אין שטוב איז מיט אמאל געווארען פינסטער. ער האט זי געכאפּט אויף די הענד, זיך איינגענעסען אין איהרע ליפּען אין די באקען און וואו ניט?

— לאז מיך אפ — האט זיך פאלע ביי איהם גענומען בעטען — ס'איז מיר ניט באקוועם. אוי דער צאפ! רייסט מיר אפ דעם צאפ! נו, כ'וועל דיר אליין געבען א קוש, גוט?

סעם האט זי אפגעלאזט.

זי איז גיך ארוים פון שטוב, אריינגעבראכט א שוועבעלע, אנגע־צונדען די געז, געעפענט דאס מויל און קלאפענדיג זיך מיט דער האנד איבער די ליפען האט זי ארויסגעלאזט אזעלכע מאדנע קינדישע קולות. אז סעם'ען האט זיך אזש געוואלט איינשלינגען זי.

זי איז צו צו סעם'ען, איהם ארומגעכאפט מיטביידע הענד, אויס־געשריען: נא! איהם געטאן א לאנגען, הייסען קוש און אפגעשפרונגען. זי האט געטאנצט פון איין פיסעל אויפ'ן צווייטען, גראציעז געהויבען איהרע פלייצעם, געקלאפט מיט די ווייסע ציין ווי מיט שנירען פערעל און געלאכט.

סעם האט געפיהלט ווי דאס קדחת ווארפט איהם, ווי אלץ איז איהם ציהט זיך אן און ער האט זי א האסטיגען כאפ געטאן אין זיינע ארעמס. און גענומען מיט איהר שפאנען איבער'ן צימער. ער האט חשק געהאט זיך א ווארף צו טאן אין בעטעל. האט ער דערזעהן דעם קליינעם פליו־שענעם קאוויאר וואס איז געלעגען נעבען בעט אויף דער פאדלאגע און זיך אויסגעצויגען אויף איהם.

# XI.

שבת־צו־נאכט האט פּאלאק, דער סאלון־קיפּער, מקדש געווען מיסעס ריטש כדת משה וישראל. ווי אויף אלע אידישע שמחות איז אויך דא די חופּה גלאט ניט אפּגעגאנגען. דער נאר וואס אויסגעבאקענער שוואגער ר' בינם האט געשריען, אז מען מוז מאכען א שנוי אין דער חופּה, אז דאס איז א בפירוש'ער דין. רעוורענד לעווין האט גע'טענה'ט, אז די שנוי איז שוין אין דער כתובא גופא — וואו מען זאגט ארמלתא אנשטאט בתולתא און דערצו פארשרייבט מען איהר אנשטאט מאתים־מנה. א ווארט צו א ווארט און מען האט זיך שוין גענומען פאר'ן יחוס. צום גליק איז מיט אמאל אויסגעוואקסען א פּארטוך מיט אן אויסגעברענט לאך. דער אל־טער משה האט גלייך דאס פּארטוך אויפגעצויגען אויף די פּיער דרענג־לער, דעם חתן איז אראפּ א שטיין פון הארץ און דער רעוורענד האט אין א מזל'דיגער שעה אפּגעגעבען חופּה וקדושין.

באלד נאך דער חופּה האט זיך פּאלאק דערפיהלט היימישער, זיך גענומען מאכען באקוועמער און אראפּגעווארפען זיין געפּאסטע טאקסידא. דערנאך האט ער אויסגעטאן די ווייסע וועסט און ווער ווייס, וואו ער וואלט זיך אפּגעשטעלט ווען דער שווער ר' משה וואלט איהם עפּעס ניט איינגערוימט אויפ'ן אויער. דער סאלון־קיפּער האט זיך הארציג צולאכט און געבליבען זיצען אין זיין ווייס, שטייף העמד, וואס האט זיך גענומען בלאזען און יעהרען ווי א מילטער מיט טייג.

א מנין אידען עובר־בטל'ניקעס, וואס מען טרעפט יעדען פריה־מארגען אין דער שוהל פון „אנשי־ליץ". זענען געזעסען ארום טיש אין זייערע גלאנציגע, אלפּאגענע רעקלעך. עוסק געווען באכילה און זיך כלומרשט איינגעהערט וואס רעוורענד לעווין, א נעט אידעל, אנגעטאן לויט דער לעצטער מאדע, מיט א זיידענעם שאל אויפ'ן האלז (הפּנים אמאל א חזן געווען) דרשנ'ט. רעוורענד לעווין איז געזעסען ווי עס פּאסט זיך פאר זיין שטאנד, ווי א האלצענער מיט עטוואס פארזשמורעטע אויגען. ער האט ארייננערוקט, אזוי, כלאחר־יד, יעדען איינעם פון די

געסט זיין קאַרט, וואו ס'איז געשטאַנען שוואַרץ אויף ווייס, אַז דר. רעוורענד לעווין פון דער שוהל „אנשי־ליץ" איז אַ מוהל־מומחה און, איין גאַט ווייס פאַר וואָס, אַ פּראָפעסאָר־לינגוויסט. דער סאַלון־קיפּער האָט אפילו אליין צוגעגעבען, אַז רעדען קאָן טאַקע אונזער פּראָפעסאָר קיין איין שפּראַך, ניט אויסער דייטש (ער האָט גערעדט אַ דייטשען אידיש) נאָר דערפאַר איז ער אבער אַ מזיק אין „גרעמער" און אַז גרעמער איז אַ האַרבער עניין ווייס דאָך יעדער.

מיסעס ריטש איז איהר ווייס־זיידען חופה־קלייד, מיט אַ גאַנגע. ברייטע שירץ פון אויבען האָט באַדינט דעם עולם. איהרע שוואַרצע בלישטשענדע אויגען האָבען ניט געהאַט יענע באַהאַלטענע שרעק פון אַ כלה־מיידעל, וואָס קאָן קיינעם'ס בליק ניט פאַרטראַגען און עס מאַכט זי אַזוי אונבאַהאָלפען און פיעל מאָל נאַריש. פאַרקעהרט, איהרע אויגען האָבען שוין צו פאַרשייט געקוקט און ווי זיך גערייצט מיט יעדען איינעם: לעקיש, און אַז דו וועסט קוקען פון היינט ביז מאָרגען וועט דיר עפּעס העלפען?

סעם, וועלכער האָט אויסגעפּילט דעם מניז, איז געזעסען אין אַ זייט מיט'ן אַלטען משה'ס אַ קאַמעראַד, וועמעס פרישקייט פון די באַקען איז אין גאַנצען אריין אין דער שפּיץ נאָז. דער איד איז געווען אַן אריינגעהער אין די רייכסטע אידישע הייזער, געוואוסט יעדענס יחוס, אַזש פון דער אַלטער היים, געפיהרט „פּאַטשט" פון איין מאַדאַם צו דער צווייטער, געווען אַ בקי אין אַלע סודות — פון דער קיך ביז דעם שלאָף־צימער, אַביסעל אונטערגע'שדכנ'ט און דער עיקר פון דעם אַלעם געשטאָרבען צעהן מאָל אַ טאָג פון הונגער. ער האָט געהאַלטען אין איין אויסרעכענען פאַר סעם'ען פּאַלאַק'ס עשירות, ניט פאַרגונען וואָס מימעס ריטש פאַלט אריין אין אַזאַ שמאַלץ גרוב, געלויבט פּאַלי'ן אין הימעל אריין און געאַרבייט מיט סעם'ען ער זאָל איהם שיקען צו מיסעס ריטש.

— צווישען אונז גערעדט — האָט דער שדכן איהם געשושקעט אויפ'ן אויער און זיך געטאַפּט מיט איין פינגער די פאַרפלאַמטע נאָז — פּאַסט דו טאַקע ניט פאַר מיסעס ריטש, ניט דיין גאַל. נאָר גאָר ניט! ווען שדכנים וואָלטען געווען אַזוי פּאַרטיקעל, וואָלטען אידען קיין שדוכים ניט געטאָן — האָט זיך דער שדכן צולאַכט — זאָרגט ניט, סעם, כ'וועל

נעמען ארבייטען אין עסק, דער אלטער משה וועט צוהעלפען און מען וועט אים ירצה השם אויספיהרען!

סעם האָט געשמייכעלט, קיין אויג ניט אראפּגעלאָזט פון פאַלי'ן. וועלכע האָט זיך ארומגעדרעהט אן אויסגעפּוצטע און זיך כלומרשט משמח געווען אויף דער מוטער'ס חתונה. פאַלי האָט אפילו צוגעזאָגט אוועקצופאָהרען מיט די קינדער צו איהרס א מומע אויף נאכט, האָט זי אבער חרטה געקראגען, זיך איינגע'עקשנ'עט און געבליבען. דאָס האַרץ האָט סעמ'ען געזאָגט, אז פאַלי איז ניט בחנם אזוי פרעהליך — אז זי האָט געווים עפּעס אָפּגעטאָן א שפּיצעל און ער האָט איהר נאָכגעקוקט אויף טריט און שריט.

דער אלטער משה איז א פרינץ־אלבערט פון סאביעסקי'ס צייטען. באַנייט מיט ברייטע, אָפּגעשאָסענע פון אלטקייט טאַשמעס, אין א פּאָר קאַמאַשלעך פון איין שטיק, מיט ברייטע נעזן, שמאלע העלזלעך און מיט אזא מאָדנעם, אייזערנעם גלאַנץ, גלייך מען וואלט זיי אויסגעשמירט מיט'ן פאַליש וואָס מען פּוצט אן אייזערנעם אויווען — האָט ניט געקאָנט איינזיצען אויף איין אָרט, געלאָפען פון קיך אין שטוב אריין, זיך גע'מחיה'ט מעשה מחותן און דורכלויפענדיג האָט ער א געשריי געטאָן צום שדכן:

— נו, מרדכי, וואָס מאַכסטו, וואָס געהסטו ניט צום טיש?

— כ'וויים, כ'וואלט געמאַכט א שנאַפּס דאָס הייסט פריהער א שהכול — האָט מרדכי דער שדכן אויפ'ן אָרט געענטפערט, געשיבערט מיט די פּלייצעס, געשמייכעלט און זיך געריבען איין האַנד אין דער צווייטער.

דער אלטער משה האָט געמאַכט פּלאַץ ביים טיש:

— נו, מרדכי?! און דו סעם? קאָם אן, ניט באַלאַמוטשעט!

דער פּולמים מיט פיש וואָס איז געשטאַנען אין מיטען טיש האָט שפּאַצירט פון איין האַנד צו דער צווייטער. יעדער איז זיך געזעסען קלאָטבלוטיג, זיך געוואָרפען אזוי, פון דער זייט, א בליק אויף א שטיק אנגעפילטע פיש עס געהיט און מיט אמאָל, נא, א פרעמדער גאָפּעל האָט עס ארויסגעכאַפּט.

דער עולם האָט געקייעט.

— נו, דאָקטער — האָט זיך מיסעס ריטש געווענדעט צום רעווערענד — ווי שמעקען אייך מיינע פיש?

— פיין, אויסגעצייכנעט, מיסעס ריטש! אַ, יאָ, בעג יאָר פּאַרדאָן!“ ס'גיעבט מעהר קיין מיסעס ריטש — האָט דער רעווערענד זיך געשמייכעלט — יאָ, מיסעס פּאָלאָק, די פיש זיינען פּאַרטרעפליך, ווי זאָגט מען אין אידעש — זיי האָבען טעיזענד־טעם!

— הערסט דזשאָ, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט — איז מיסעס ריטש צו צום מאַן און זיך אַ שטעל אַוועק געטאָן ווי אַ פּעסטונג — נו, ווי שמעקען זיי דיר?

— פיין, פיין — האָט דזשאָ געענטפערט, געגלעט דער ווייב פאַר דער נאַקעטער האַנד, געזשמורעט מיט די פאַרלאָפענע פון פעטקייט אויגען און שיעור ניט אויסגעגאַנגען פון מתיקות.

דער אַלטער משה, וואָס איז געזעסען ווי אויף שפּילקעס, געמאַכט אַ שנאַפּס נאָך אַ שנאַפּס און געזוכט אַ געלעגענהייט זיך צו לאָזען הערען און אַריין דעם רעווערענד אין דער מיטען.

— וואָס האָב איך דאָ פיעל צו טענה'ן, צו אַ שטיקעל היימישען סענדאָק קומט דאָס ניט! וואָס ווייסט איהר, וואָס? ביי אונז אַז ס'פלעגט אַנקומען אַ פרייטאָג סענדאָק, האָט מען געוואוסט, אַז ס'וועט זיין אַ געפּאַקטע השכמה: אַז דאָ איז אַלס קאַפּויר! סענדאָק איז קיין סענדאָק, אידען קיין אידען און אפילו רבנים קיין רבנים ניט!

— אַלס די זעלבע מעשה — האָט מיסעס ריטש בלומרשט געשמייכעלט און זיך געדרוקט מיט איהרע נאַקעטע עלענבויגענס אַלס נעהענטער צום מאַן — ווי איהר קוקט אַן מיין טאַטע לעבט ער ניט בשלום מיט „אַנקעל סעם“.

די עבר־בטל'ניקעס מיט די איינגעהויקערטע פּלייצעס, מיט די אויסגעשטרעקטע קעפּ האָבען געהאַלטען אין איין שמייכלען און דאַכט זיך געווען איינשטימיג מיט אַלע.

— מיין שווער האָט דערלעגט די באָבעס־ירושה צו אַמעריקאַ — האָט זיך בינם אַנגערופען — פרעגט איהם נאָר וויפיעל קופּערנע קרייצער ער האָט אהערגעבראַכט?

דער עולם האָט געלאַכט.

מיסעם ריטש מיט דער שוועסטער האָבען אריינגעבראַכט דאָס פלייש.

— וואָס איך האָב אהערגעבראַכט אין קיינעמס „ביזנעס“ ניט — האָט דער אַלטער שטאַרק געענטפערט — ס'איז געווען צייטען ווען מענשען האָבען זיך געוואונשען צו האָבען מיין קליין־געלד, נאָר ניט דאָס ביז איך אויסען! יעס, איהר אַלע שפּרינגט דאָך קדוש פאַר אמעריקא און איך זאָג אייך, אַז ס'איז אַ פאַרשאָלטענע מדינה! נעהמט, למשל, אין דער היים אַ נגיד, לעבט ער דאָך ווי אַ קיסר! אַ האַלבע שטאָדט דרעהט זיך ארום איהם, ציהט פון איהם חיונה, מיט איין וואָרט, ער לאָזט פון זיך הערען! און דאָ? דאָס ווייס איך דאָך פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט ניט! יאָגט אָפּ די פאָר יאָהר און ווער ווייס איהם. ווער קען איהם? אמת, ער וואָהנט טאַקע אין „רומס“ מיט סטיעם־היט, נאָר ווער האָט דאָס ניט קיין „סטיעם־היט“ אין אמעריקא? האָ, האָ, אפילו דער מיסטער „דזשעניטאָר“ — — אַז דאָ זיינען אַלע „מיסטערס“! אמעריקאַנער גליקען.

— אָבער האַלט, האַלט — האָט דער רעוורענד אנגעכאַפּט דעם אַלטען משה פאַר'ן אַרבעל, דערטרונקען אַ גלאָז ביער און אַזוי חוצפה'דיג געשמייכעלט ווי ער וואָלט געזאָגט: קוקט מענשען און שווייגט, כ'מאַך גלייך פון אַלטער כעפּרא דאַרעאַ. — ר' משה, וואָז נעהמט איהר דאָס, אַז אידען זענען היער קיין אידען ניט?

— נו, נו, — האָט משה פאַרקאַטשעט זיין שטייפען קאַפּעליוש — גיט מיר טאַקע אַ איד ער זאָל ניט מחלל שבת זיין? און אַז איהר וועט שוין יאָ געפינען אַזאַ איד, זאָלט איהר ווייסען, אַז זיינע קינדער זיינען מחלל־שבת! און „טערכענען“ מיט דער נאָדעל! כ'דאַרף אייך דערצעהלען מעשיות, מיסטער לעוויז, איהר ווייסט דאָך בעסער פון מיר! אַז די לופט איז דאָ טריף!

— אָבער, ר' משה — האָט דער רעוורענד אנגעהויבען.

— כ'פאַרזיכער אייך, מיסטער לעוויז, — האָט דער אַלטער זיך געהיצט און איהם איבערגעהאַקט די רייד — כ'פאַרזיכער אייך, אַז נאָך אין אַ פאָר יאָהר ארום .וועט איהר אין אמעריקא קיין שוהלען אויך ניט האָבען! וואָס ברויכט איהר מעהר, איהר זעהט עפּעס אַ סך פון די אמעריקאַנער יונגוואַרג אין שוהל? און ווען ניט מיר. (ער האָט אנגעוויזען

אויף די עבר־בטלני׳קעס) די אלטע טאבעק־שניפערס, וואלט מען שוין היינט געדארפט זוכען מיט ליכט א איד אין שוהל! אמת, פאר אונז איז די שוהל ווי געוואונשען! אז דא איז אלס קאפויר. כ׳וויים, אין דער היים איז יעדער נוהג כבוד אן עלטערען מענש, ווי שטעהט דארט: „הדרת פני זקן!“ און דא? דא האט מען פיינד אלטע. אז מען פארשפארט גאר דא אלט צו ווערען! געהסט דורך גאסען און גאסען און זעהסט ניט קיין אלטען! און אין שטוב קאן מען אויך ניט זיין — צופיעל די קינדער אין די אויגען. שרייען אז דו בראקעסט. געהט מען אין שוהל אריין, דארט פארשטעהט איהר מיך. טרעפט מען א היימישען מענש. ס׳איז דא מיט וועמען אויסצורעדען א ווארט. זיך דורכצושמועסען און גלאט אזוי ווי א בראקע צו טאן — האט זיך דער אלטער צולאכט. נו. פרעגט זיך, ווי לאנג? מיר וועלען דאך אייביג ניט לעבען! איז נאך א יאהר צעהן, פופצעהן! און וואס וועט זיין דעמאלט? ס׳וועלען צוקומען פרישע. זאגט איהר? פע. געהט שוין געהט. דער איצטיגער דור אין גאליציע און אין פוילען, פון רוסלאנד איז דאך אפגערעדט, די פרייגעזאנענע סאשעליסטען זענען טויזענד מאל ערגער פון די היגע געבוירענע, דער היגער איז גלאט א „באם“! גיעב איהם א „באל“, מיט „מואווינג־פיקטשורס“ — און פארטיג! אבער אונזערע, דאס זענען פושעי־ישראלים, דאס רעדט אפילו אויף „נתקה“ אויך! — —

— גערעכט, גערעכט, דער שווער איז גערעכט — האט בינם ערנסט געזאגט, צוגעשאקעלט מיט זיין ציגען בערדעל. זיך לייכט גענומען קלא־פען מיט זיין שטייפען קאפעליוש איבער׳ן קאפ פון הינטער וועלכען א סאמעטענער קאפעל איז ארויסגעפאלען.

ער האט אנגעטאן דעם קאפעל און אפגעהוסט.

— זאג מיר טאקע, ס׳מוז דאך האבען עפעס א שורש, וואס אידישע קינדער זענען דא אזוי איבערגעבען מיט לייב און לעבען. מיט אזא מסירת־נפש צו דער „באלל“? פון גוים איז דאך אפגערעדט. עם דומה לחמור. אין דער היים איז ער אויך ניט בעסער געווען. אבער, סטייטש. אידען?

סעם, וואס איז געזעסען און געשוויגען. האט מיט אמאל א שאס אויסגעטאן:

— געווים דארף מען שפיעלען אין „באלל“. ס׳איז א גוטער „עקסער־

סאיז", מען קריגט „מאַסעלס"! ווי דען, אזוי ווי ביי אייך אין יוראָפּ? אלע האָבען איינגעפאלענע ברוסטען מיט מיידלישע הענד?

— אזוי, אזוי, לאָז זיך ניט, סעם! — האָט דער רעווערענד אונ־טערגעגעבען סעם'ען היץ.

— מורנו ר' סעם האָט א פארטיגען תירוץ! — האָט בינם אויסגע־שאָסען מיט א ציעגען געלעכטער — ער ווייסט ניט הפּנים פון „בחקותיהם לא תלכו". האָ, האָ, האָ!

— גלויב מיר, בינם — האָט דער אלטער משה געשמייכעלט — מען קאָן דיין קשיא אויך פארענטפערען! מסתמא ווייסען זיי, די אמעריקאַ־נער קינדער וואָס זיי טוען! אויב זיי זענען ניט קיין נביאים, זענען זיי דאָך בני נביאים! האָ, האָ, האָ, האָסט אָפּגעזאָרגט! און די כלי־קודש, אונזערע רבנים, מיין איך, זענען בעסער? כ'וויים, מיט א יאָהר דרייסיג צוריק אז די ערשטע קהלה פון גאליציאנער אידען האָבען אויסגעבויעט די שוהל אויף פּיט סטריט, האָבען מיר גענומען טראַכטען וועגען א רב. מיר האָבען באשלאָסען אראָפּצוברענגען ר' אברהם'ל, דעם לעמבערגער מגיד, א איד א למדן, געהאַט א בערוף און דערצו א חכם, ווי זעהט מען דאָס גאָר היינט? ר' אברהם'ל האָט מסתמא געקריגען אין לעמבערג, כ'וויים, אכט צעהן גולדען א וואָך שכירות. האָבען מיר איהם געשיקט א בריעף, אנגעבאָטען פופצעהן הונדערטט טאָלער א יאָהר שכירות און פּארזיכערט, אז ער וועט מאַכען נאָך פופצעהן הונדערט דערנעבען. דאַכט זיך גוט, האָ? דריי טויזענד טאָלער א יאָהר דעמאָלט, פּשש, איז געווען א שלל מיט געלד! איהר ווייסט דאָך, ס'טוט זיך ניט אזוי גיך ווי עס רעדט זיך, ס'האָט גענומען צייט, בקיצור, וואָס מיינט איהר? ר' אברהם'ל האָט אונז שעהן באַדאַנקט, געשריבען אז ער האָט ניט וועמען איבער־צולאָזען זיינע אָרימע לייט און ער קען ניט קומען. נו, פארשטעהט איהר דאָס? וואָלט דאָס אַן אמעריקאַנער רב געטאָן?

בשעת דער אלטער משה האָט גערעדט האָט קיינער ניט באמערקט ווי חוה איז אריין. זי איז געבליבען שטעהן נעבען דער טיר מיט פאר־בראָכענע הענד און אזוי ווי א אידענע, ביי וועלכער עס איז דאָ א גוסס אין שטוב און זי קומט איינרייסען אין שוהל אריין. אזוי האָט חוה זיך א וואָרף געטאָן צו מיסעס ריטש, זי ארומגעכאַפּט און גענומען וויינען:

— וואָס האָט איהר פון מיר געוואָלט? וואָס האָט איהר מיך גע־קוילעט אהן א מעסער? גיט מיר אָפּ מיין מאַן?

אַלע זענען אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער. ניט געוואוסט וואָס דאָ איז געוואָרען, זיך אַרומגעקוקט. ביסלעכווייז גענומען פאַרשטעהן און שעהמענדיג זיך פאַר זיך אַליין האָט יעדער איינער באַטראַכט וואָס גי־כער אַרויס פון דאַנען.

דערווייל האָט חוה אַנגעכאַפּט פּאַלאַק'ען אונטער דעם אָרעם און געשריען:

— קום אַהיים! דו מוזט שוין געהן! כ'לאָז דיך מעהר ניט אָפּ! אידען! געוואַלד! — האָט זי זיך געווענדעט מיט אַ הייזעריגען קוויטש צו אַלע אין שטוב נאָך הילף — אידען, ווי לאָזט איהר דאָס צו? ס'איז דאָך אויס וועלט! ווי איז דאָס געהערט געוואָרען?

סעם האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז פּאַלי'ס אַרבייט. זי איז טאַקע געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם געלעכטער און הנאה געהאַט פון דער גאַנצער חתונה. סעם האָט מיט אַמאָל אַ ציטער געטאָן — ער האָט דער־זעהן אין צווייטען צימער אַ פּאָר שוואַרצע, שאַרפע אויגען. זאָל דאָס זיין אַלעק? אין צווייטען צימער איז קיינער ניט געווען.

פון הויף האָט זיך געהערט ווי ספּאָרט רייסט זיך, בילט אויף עמי־צען. סעם איז צו צום פענסטער.

ספּאָרט איז געשפּרונגען מיט אַ בילעריי, ניט צוגעלאָזט צו זיך אַ קליין־געוואַקסיגען, ברייטביינינגען בולדאָג. מיט אַ פּאָר'עקשנ'ט פּלאַטשיג פּנים. וועלכער האָט דוקא געוואָלט אַריין ספּאָרטען צווישען די פיס.

— אַלעק'ס הונד — האָט סעם צו זיך געזאָגט און גאַליג געשמיי־כעלט — דער „גיני" האָט חוה'ן אויך אַהערגעבראַכט.

די הינד האָבען זיך געיאָגט מיט אָפענע פּיסקעס, אויסגעשניטענע אַ קרייז וואָס איז געוואָרען אַלס גרעסער און ווי צוויי „פייַ־טערס" האָבען זיי געהיט איינער דעם צווייטענס באַוועגונגען. מיט אַמאָל איז ספּאָרט פאַרלאָפען פון אַ זייט און אומגעוואָרפען דעם בולדאָג מיט די קרומע לאַפּעס. די הינד זענען אַריין איינער דעם צווייטען מיט אויס־געשטשירעטע ציין, זיך געראַנגעלט. באַלד איז ספּאָרט אָפּגעשפּרונגען אַ הינקעדיגער און נאָך מיט מעהר רגזה האָבען זיי זיך איינגעגעסען איינער אין דעם צווייטען.

אלעק איז ארוים פון קארידאר און גענומען שלאָגן ספארט'ען מיט א בעזים־שטעקן. מעהר האָט סעם ניט געדארפט. מיט פארקוועטשטע פויסטען איז ער ארוים פון שטוב און זיך געווארפן אויפ'ן איטאליענער. באלד זענען זיי ביידע געלעגען אויף דער ערד, שטיל געסאפּעט, זיך איינגעגעסען איינער דעם צווייטען מיט די פיס, מיט די הענד, מיט די גאַמ־בעס, זיך געביסען — — זיי זיינען אויפגעשפרונגען בלאסע, צובאלטע און זיך ווידער געווארפן איינער אויפ'ן צווייטען. זיי זענען געשפרונגען עטליכע מינוט ווי צוויי צעווילדעטע קאפ־העהנער, אויסגעמיטען איינער דעם צווייטען, זיך פארמאסטען, ניט געטראפען און מיט אמאל האָט אלעק אויסמיידענדיג סעם'ס א קלאפ זיך צוגעזעצט און די פויסט איז איהם אריין גלייך אין אויג. אלעק איז געפאלען אויף דער וואנד, באלד צו זיך געקומען, זיך געווארפען אויף סעם'ען און אין דער זעלבער צייט זיך פארמאסטען מיט'ן פוס סעם'ען אין בויך אריין. סעם האָט באַצייטענס געכאפּט אלעק'ס פוס און דער איטאליענער איז א פאל געטאָן ווי אן אונטערגעזעגטער בוים.

אלעק האָט זיך קוים אויפגעשטעלט. דאס רעכטע אויג איז איז גאַנ־צען פארלאָפען געווען פון קלאפּ און א טונקעל בלויע שטיק פלייש, גרויס ווי אן איי, איז ארוים אונטער'ן אויג.

די הינד האבען זיך געיאָגט ווי פריהער. ספארט א צובלוטיגטער איז געשפרונגען אויף דריי פיס און ביי יעדער געלעגענהייט א ריס געטאָן מיט די אויסגעשטשירעטע ציין דעם בולדאָג איבער'ן קארק.

אלעק האָט זיך ווידער געווארפען אויף סעם'ען.

סעם האָט אהן רחמנות גענומען העמערען מיט די פויסטען, געשלאָ־גען אלעק'ען, וואו ער האָט נאר געטראָפען, געטרייבערט זיין פּנים, און מיט אמאל האָט ער איהם א פלאַם געטאָן מיט דער פויסט אונטער דער גאמבע.

אלעק האָט זיך אָפּגעגאסען מיט בלוט.

גלייך ווי סעם האָט דערזעהן דאס בלוט האָט ער זיך א רוק אָפּ גע־טאָן, אנגעהויבען ציטערען און געפיהלט ווי די הענד הייבען זיך שוין ניט מעהר ווי פריהער.

סעם האָט דערפיהלט ווי ער וואלט זיך א שניט געטאָן מיט א שארף מעסער און עס איז איהם ווארעם געווארען. ער פאלט? דער הויף ווערט

פול מיט מענשען, מען לויפט מען שרייט. ער פיהלט ספארט'ס צונג אויף זיין פנים, דאס לייב בריהט. און עפעס א מורא'דיגער בארג פאלט אויף איהם, צוקוועטשט איהם אין גאנצען.

אלעק האט איהם געשטאכען.

---

צוויי יאהר שפעטער. סעם ארבייט ביי מיסעס ריטש ווי פריהער. פאלאק דער סאלון־קיפער, האט זיך שוין לאנג צוגאסען, ליגט א פאראליזירטער אין א זייטיג צימערעל און ווען ניט חוה, וועלכע געהט אים ארום איהם, וואלט ניט געווען ווער עס זאל איהם דערלאנגען א גלאז־וואסער. דער אלטער משה אין דזשייק זענען שוין אויפ'ן עולם־האמת. פאלי איז אנטלאפען מיט אלעק'ען. אליין געקומען צוריק און זינגט איצט אין א „מואווינג־פיקטשור". מיסעס ריטש ווערט דיקער פון טאג צו טאג. קריגט זיך מיט סעם'ען, בעט איהם גלייך איבער און קלויבט זיך גלייך נאכ'ן מאנ'ס טוידט חתונה האבען מיט איהם.